STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01971

KRUME VEGN

Avraham Kronenberg

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. קראנענבערג

קרומע וועגן

ארטיקלען געדרוקט אין דער פרעסע

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
ASTOR LENOX & TILDEN FOUNDATIONS
WITHDRAWN FROM THE COLLECTIONS

ארויסגעגעבן מיט דער מיטהילף
פון ארגון יוצאי בילגוריי אין ישראל

כל הזכויות שמורות למחבר

דפוס מל"ן בע"מ ת"א

א. קראָנענבערג

געווידמעט מיין טייערער משפחה
מיין פרוי רחל
מיינע זון: יונה אין וויען
נתן און אלי

צייכנונגען פון
זהבה בערנשטיין
נתן קראנענבערג

אלס אנערקענונג פאר זיין אפפערוויליקייט פארן ביל-גורייער יידנטום, גיבן מיר ארויס זיין בוך „קרומע-וועגן" צום 63 יעריקן יובילעאום.

זאל דאס זיין ווי א בוקעט בלומען צוגעטראגן צום פריינט קראנענבערג אברהם צו זיין יובילעאום.

דער קאמיטעט

פאַרוואָרט

דעם נאָמען „קרומע־וועגן“, האָב איך אויסגעקליבן ווייל דער מענטש אדער די געזעלשאַפט האָט פאַר זיך גענוג גלייכע וועגן, נאָר בכדי צו געפונען פאַר זיך וואָס ער וויל, הויבט ער אָן צו גיין אויף קרומע־וועגן, מיינענדיק אַז מיט די קרומע־וועגן וועט ער דערגרייכן מער און שנעלער.

מען מוז אָבער וויסן אַז קרומע־וועגן, פאַרלענגערן דעם וועג און צוליב דער לענגערקייט ברענגט עס צו פאַרשידענע שטרויכלונגען.

און בכדי צו פאַרטרייבן די ביטערע ווירקלעכקייט, האָב איך פון מאָל צו מאָל אַרייגעפלאָכטן אַ הומאָרעסקע.

נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, פלעג איך פאַר־עפנטלעכן פאַרשידענע מעשה־בכלעך, ווי מען פלעגט זיי דאַמאָלס רופן: „די שיינע טוליסע“ „דער טאָפּ מיט בלוט“, „דער פּאָגראָם“ א.א.וו. אונטערן פּסעוודאָניום, אהרן גאָלד־בערג, אַרויסגעגעבן דורך דעם פאַרלאַג שמחה פריינט אין פּשעמישל, שפּעטער אין אייגענעם פאַרלאַג „מעין“ פון נתן נטע קראָנענבערג אין בילגוריי.

און בכדי דאָס בוך זאָל זיין אויטענטיש ווי עס זענען געוועזן געדרוקט אין צייטונג, האָב איך עס געדרוקט אין פאָרעם פון שפּאַלטן ווי אין צייטונג.

נאָך מיין קומען אין לאַנד, כאָטש בין פאַרנומען ביי מיין פיזישער אַרבייט, דאָך געפון איך צייט פון מאָל צו מאָל צו פאַרעפנטלעכן עפּעס אין דער יידישער פּרעסע.

דער מחבר

וועגן א. קראנענבערגס „קרומע וועגן"

א. קראָנענבערג, האט גוט געטאן וואס ער האט צונויפ־גענומען זיינע רעאגירונגען אין געזעלשאפטלעכן לעבן און זיי אריינגעפלאָכטן אין בוך־פארעם.

א. קראנענבערג, האט מיט זיין שרייבערישן בליק און מיט ערלעכן צוגאנג, אריינגעבליקט און בליקט ווייטער אין פארשידענע ווינקלען פון אונזער אלגעמיינעם לעבן, וועלכער גייט אויף קרומע וועגן און ער רופט אונדז זיך גלייכן, ווייל קרומע וועגן — ווי דער מחבר ברענגט עס ארויס אין זיין זאמלונג — ברענגען צו פארשידענע שטרויכלונגען און ער איבערצייגט.

דער מחבר האט א שארף אויג אויף געשעענישן און אומברחמנותדיק ברענגט ער ארויס זיין ערלעכן געדאנקען־גאנג, רופנדיק צו א וועלט פון יושר און מענטשלעכקייט.

מיט פיל קינסטלערישן טאלאנט, כאפט ער אויף דאס לעבן אין ישראל און פירט אונדז גלייכצייטיק אוועק אין זיין געוועזענער אלטער היים, שאפנדיק אזוי ארום, איין געשיכטלעכן גאנג: פון בילגורייַ, זיין געבוירן־שטאט, ביז זיין אלט־נייע היים מדינת־ישראל.

זיין זאמלונג „קרומע וועגן" וועט פארבלייבן א היסטא־רישער דאקומענט קעגן א וועלט פון פאלשקייט און וועט פאר דורות ווייזן, ווי גערעכט דער מחבר איז געוועזן, רופנדיק די וועלט און מדינת־ישראל, צו גיין אויף גלייכע וועגן.

ישראל חדש

(רעדאקטאר פון יידישע צייטונג)

אינהאַלט

1.	פאַרוואָרט	3
2.	* * *	5
3.	אינהאַלט	7
4.	בילגאָריי	9
5.	ווער האָט אַרויסגעלאָזן די שוועבעלעך ?	12
6.	אַן ענטפער דעם גענעראַל יאַנוש זאַזשיצקי	13
7.	צו די שטאָט־טאַטעס אין תל־אביב	16
8.	בילגורייער קריסט ראַטעוועט 5 יידן	17
9.	סאָציאַליסטישע צביעות פון ניקיטאַ כרושטשאָוו	19
10.	אבי מען זאָגט ! עס קלאַפּט נישט...	21
11.	„מהרסיך ומחריביך ממך יצאו"	22
12.	ווו איז דאָס געוויסן פון דער דייטשער דעמאָקראַטיע ?	24
13.	די שפּאַלטונג אין מפא"י	27
14.	וועגן בן־גוריון און די פּרשיות	30
15.	אַ פראַגע דער עיריה	32
16.	די צרה מיט די ביטניקעס	34
17.	מער האַרץ צו אונזערע זעלנער	35
18.	די טראַגישע קאָמעדיע	36
19.	די עיריה זאָרגט נישט	37
20.	זיי באָיקאָטירן אונז און מיר דעמאָנסטרירן זייערע פילמען	38
21.	דאָס פאָלק רעאגירט	39
22.	איז דאָס טאַקע געשען ? (צו יום השואה וגבורה)	40
23.	אַן ענטפער דעם הער סוואָרזשענסקי פון אַרגענטינאַ	42
24.	אָפענער בריוו צום קאַנצלער ערהאַרט	45
25.	וואָס זאָל איך ענטפערן מיין זון ?	48
26.	בילגורייער יידן זענען זיך משמח	49
27.	נאָכן שטרייק אין חיפהער פּאָרט	51
28.	צו די מהנדסים פון עירית תל־אביב	53
29.	וואָס איז ווייטער ?	54
30.	געווג געשפּיגען אונז אין פּנים	56
31.	25 יאָר נאָכן חורבן בילגוריי	58
32.	צו די אויפזער פון מגן־דוד אדום אין ת"א	61
33.	אָפענער בריוו צו די מושלים פון ראַטן־פאַרבאַנד	62
34.	די עפענטלעכקייט מעג עס וויסן	65
35.	א חתונה מיט א קאָקטייל (הומאָרעסקע)	67
36.	אָפענער בריוו צום פּרעמיער פון רוסלאַנד הער קאָסיגין	69
37.	בנים גדלנו ורוממנו והם פשעו בנו	72
38.	פאַרשוועכט נישט די אַלטערטימלעכקייטן	74
39.	דער כושי האָט זיינס געטאָן, ער קען שוין גיין	78

40.	ווער איז אימפעריאַליסטיש ?	81
41.	א ווענדונג צום רוסישן פאָלק	83
42.	דעמאָקראַטישע וועלט ווו ביזטו ?	86
43.	זאָגט, וואָס ווילט איר סאָוויעטן ?	89
44.	צו דער אויפמערקזאַמקייט פון הער גאָמולקאָ	92
45.	קיין איין פליט טאר נישט צוריקקומען	95
46.	אָפענער בריוו צום לאָרד בערטראַנד ראַסעל	96
47.	הבא להורגך, השכם והרגו	99
48.	פעלערן, וועלכע מוזן אויסגעבעסערט ווערן	102
49.	די מיני־קליידלעך (הומאָרעסקע)	110
50.	צדק און יושר זוכער	112
51.	די טאַדלונג פון זיכערהייטס־ראַט	115
52.	די מליצי־יושר	118
53.	די מלחמת־מצוה (פון דער אַלטער היים)	121
54.	וואס איז דעמאָקראַטיע ?	126
55.	עכלעכע פראַגן דעם זיכערהייטס־ראַט	129
56.	ובערת את הרע מקרבך	132
57.	קרומע־וועגן	134
58.	כל הכבוד לצה״ל	137
59.	סא״ל משה׳לע סטעמפעל ז״ל	139
60.	אַן ענטפער דע־גאָלן	141
61.	עין־תחת־עין	144
62.	עליה פנימית וחיצונית	146
63.	מענטשן־רעכט	150
64.	ביים שדכן, (הומאָרעסקע)	153
65.	דער אמתער פרצוף פון דער היינטיקער וועלט	155
66.	קאַזאַצקער יושר	159
67.	דער פאַרשטערטער שבועות (פון דער אַלטער היים)	161
68.	אקמצא ובר קמצא	164
69.	„נישט איבערגעכאַפּט די מאָס"	168
70.	דער זיכערהייטס־ראַט	170
71.	אַ צו טייערן פרייז	173
72.	יצחק באַשעוועס (זינגער)	176
73.	אויף דאַטשע (סקיץ)	179
74.	אם אין אני לי, מי לי ?	180
75.	הפקר־וועלט	182
76.	אַן אַנשיקעניש אויף מיין קאָפּ — אַ טעלעוויזיע (הומאָרעסקע)	185
77.	צום וועלט־געוויסן	188
78.	„ווער איז אַ ייד" ?	192
79.	די שטרייקן (פון דער אַלטער היים)	194
80.	לתולדות ר' נתן נטע קרוננברג מבילגורייי ובית דפוסו	201
81.	אַזעלכע זענען מיר	208

בילגוריי

שוין אָוועק 12 יאָר פון דעם גרויסן חורבן אויף דעם אייראָ־פּעאישן יידנטום, און צווישן זיי אונזער שטאָט בילגאָריי.

עס שוועבן כסדר פאַר אונזע־רע אויגן די גרויליקע מעשים פון די היטלערישע רוצחים, וואָס האָ־בן קאַלטבלוטיק אויסגעמאָרדעט א דריטל פון אונזער פאָלק.

פירט זיי צו־פוס צו דער באַן סטא־ציע קיין זשווזיניעץ. אויפן וועג האָט אן ס. ס.־מאַן אויסגעריסן דאס קליינע קינד ביי שאשע שלעכטערמאַן, וועלכע האָט עס געטראָגן אויף דער האַנט, געכאַ־פּט עס ביי די פיסלעך און מיטן קינד געקלאַפּט איבער די קעפּ פון די האַלב־טויטע גייענדיקע מתים.

חינקהלע מיטן זון אויפן בית־הקברות

ביי דער לעצטער אַקציע האָט מען צוזאַמענגענומען די בילגאָ־רייער יידן געפייניקטע און אויס־געמוטשעטע, האַלב־טויטע, און גע־

און געשריגן: יידן, שנעלער!

א געוויסן זונטיק האָט אן ס. ס. מאַן צוזאַמענגענומען 13 קליינע קינדער, זיי אריינגעפירט אויפן

פלאץ פון ברויד הערשמאן, נעבן ישעיהו נטע׳ס פלימפ, און זיי דארט גענומען אויסשיסן. אין מיטן דער גרויליקער ארבעט, האט אים אויסגעפעלט קוילן; האט ער 3 קינדערלעך אריינגעברענגט אין געטא, און געהייסן זיי גוט היטן. ער איז שנעל געלאפן ברענגען קוילן. צוריקקומענדיק מיט די קוילן, האט ער גענומען די 3 קינדערלעך און זיי דערשאסן.

נאך דער זעלבער אקציע פון חשון 1942, האבן זיי איבערגעלאזט פאכלייט, מיט זייערע פרויען און קינדער; זיי אריינגעפירט צוריק אין געטא, פון געטא האבן זיי גענומען אלע מענער; אפגעפירט זיי אין טורמע, און די פרויען מיט די קינדער איבערגעלאזט אין געטא. באלד איז געקומען אן ס.ס.־מאן, וועלכער האט געפרעגט, ווו זיי האבן די געפעק. זיי האבן געענטפערט, אז זיי האבן אלץ איבערגעלאזט אין געטא. זיי האבן באלד געברענגט א מאשין, מיטגענומען עטלעכע יידן, און געפארן אין געטא נאך די געפעק. צוריקקומענדיק צו דער געטא, האבן זיי געזען ווי אלע פרויען מיט די קינדער ליגן אויסגעשאסן, און אנגעווארפן אויף א קופע אין געטא־הויף. שפעטער האט מען די אלע פאכלייט אריבערגעפירט קיין זאמאשטש.

אין הויף פון ר׳ אליעזר שניידער אויף דער קאשציושקע גאס, אונטער דער דירה פון יעקעלע מיידאנער, האט זיך געפונען א ק׳ צר. קיין טרעפ איז דארט קיינמאל נישט געווען. עס איז דארט קיינער קיינמאל נישט אריינגעגאנגען, אויסער קעץ מיט מייז, וואס האבן כסדר געמאכט זייערע ווילדע געשרייען. נישט איינמאל פלעגט מען זאגן, ר׳ אליעזר: פארוואס פארשיט איר נישט דעם קעלער. האט ער געענטפערט: עס מאכט נישט. אז ער איז דא, זאל ער זיין. פונקט ווי ער וואלט געפילט, אז אין דעם צעבראכענעם פינסטערן גרוב, וועלן זיך דארפן אויסבאהאלטן העכער 50 בילגארייער יידן קנאפע 2 חדשים, נאך דער לעצטער אקציע.

ווען ר׳ מענדל הורוויץ איז אדורכגעגאנגען דורכן קעלער, האט ער זיך אביסל אפגעשטעלט, און א טראכט געטאן און דאן געזאגט: גוט, דא וועט מען זיך קענען אויסבאהאלטן.

ער האט באלד פארשטעלט דעם אריינגאנג מיט אלטע ברעטער און שטיינער, און פון אויבן פון דער פאדלאגע האט ער אפגעריסן א ברעט און געמאכט אן אריינגאנג. ער האט דארט אריינגענומען איבער 50 מענטשן, דערונטער פרויען מיט קינדער. קנאפע 2 חדשים האבן זיך אזוי געמוטשעט די מענטשן.

דער יונגסטער זון פון ר׳ מענדל הורוויץ איז דאן אלט געווען 12 יאר. ער איז געווען לויפער און שפיידברענגער. ער איז כסדר געווען אין דרויסן. יעדער נאכט פלעגט ער קומען און אריינברענגען 2 זעק מיט ברויט, און געפרייט מיט זיך מיט די באהאלטענע; געהאלפן ארויסגיסן די עמערס מיט שמוץ, וואס האבן זיך אנגעזאמלט במשך פון גאנצן טאג. אזוי האט ער יעדער נאכט אפגעארבעט ביז שפעט, ער האט צוריק געלייגט דאס ברעט פון דער פאדלאגע; פארשיט עס מיטן אנגעווארפענעם שטרוי וואס איז איבערגעבליבן פון די רויבער, נאכן אויסרויבן די יידישע הייזער.

סוף חודש דעצעמבער, ווען די לופט איז שוין געווען פראסטיק, און די יידן אין קעלער האבן דאס ברעט אין קעלער געעפנט, בכדי עס זאל אריין אביסל פרישע לופט; זענען פארביי געגאנגען 2 דייטשע זשאנדארמען, וועלכע האבן פאטרולירט די 3־טע מאי גאס. עס איז זיי אויסגעקומען פארדעכטיקט.

זיי האָבן געוווּסט, אַז דאָ האָבן אַמאָל געוווינט ייִדן, און איצט איז שוין קיין ייִדן דאָ נישט פאַראַנען. אויב אַזוי פון וואַנען נעמט זיך צו זיי אַזאַ שלעכטע לופט? זיי זענען צוגעגאַנגען נאָענטער, און אויפגעוועקט 2 קריסטן, וואָס האָבן טאַקע געוווינט אין הויז פון ר׳ אליעזר שניידער.

זיי זענען צוגעגאַנגען צו דער חורבה, און געהייסן אָפּעקנעמען די ברעטער מיט די שטיינער וואָס ר׳ מענדל הורוויץ האָט אַנגעלייגט. דאָ האָט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט אַ פינסטערער גרוב, פון וועלכן מען האָט געהערט נאָר שמע ישראל, שמע ישראל.

די ווילדע געשרייען פון די דייטשע מערדער: הערויס ייִדן; האָבן זיך אויסגעמישט מיט די שמע ישראל געשרייען. קיינער איז פון קעלער נישט אַרויס, ביז אַ האַנטגראַנאַט האָט געמאַכט אַן ענדע צו די שמע ישראל געשרייען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון קעלער. און אפילו די, וואָס זענען אַרויס, זענען ווייט נישט געלאָפן. ווייל די דייטשע רוצחישע קוילן האָבן זיי געטראָפן.

און מיט דעם איז בילגאָריי געבליבן ייִדן־ריין.

אין טאָג פון יאָרצייט נאָך די בילגאָרייער קדושים, שטייט די בילגאָרייער איבערגעבליבענע עדה און זאָגט קדיש נאָך אירע טייערע קדושים.

„ייִדישע צייטונג“ 14־טן נאָוועמבער 1954

ווער האט ארויסגעלאזן די שוועבעלעך אויפן מארק?

לעצטנס האבן זיך אויפן מארק באוויזן שוועבעלעך, אמת׳דיקע „יובילעאום־שוועבעלעך״. ווי מען פלעגט עס רופן אין רוסלאנד, ווייל פון 25 שוועבעלעך פלעגט זיך אנ־צינדן איינס.

אויף די שוועבעלעך איז פאראן א העברעאישער עטיקעט אבער דער עטיקעט איז ארויפגקלעפט אויף א צווייטן עטיקעט — „פּאָלסקי מאָ־נאָפּאָל זאַפּאַלטשאַני״.

וויל איך פרעגן, פון וואנעט שטאמען אָט די שוועבעלעך? ווער האט זיי ארויסגעלאזט אויפן מארק?

„לעצטע נייעס״ 1־טן פעברואר 1962



אן ענטפער דעם גענעראל יאנוש זאזשיצקי

אויף דער 20־טער יאָרצייט „למרד גיטו ורשה" האָט דער גענעראל יאנוש זאזשיצקי זיך אויסגעדריקט: „דאָס פוילישע פאָלק האָט נישט צוגעהאָלפן די נאציס אין פארניכטן די יידן".

עס שטעלט זיך א פראגע, מיט וואָס האָט דאָס פוילישע פאָלק פארגרינגערט די געפערלעכע לאגע אין וועלכע די יידן האָבן זיך געפונען?

ווו איז געווען איין פאל, ווי די פוילישע באפעלקערונג זאָל באפאלן די נאציס ווען זיי האָבן געפירט די יידן צום אומקום? זאָלן זיי כאָטש אומקומען מיט זייערע מערדער צוזאמען. „תמות נפשי עם פלישתים".

ווו איז געווען כאָטש איין באן, וועלכע איז געגאנגען מיט די יידישע קרבנות אין די פאר־ניכטונגס־לאגערן זאָל אויפגע־ריסן ווערן דורך דער פוילישער באפעלקערונג?

ווו איז געווען, כאָטש איין פאל, אז נאָכן אויסזידלען די יידן פון זייערע וווינונגען זאָלן די פוילישע שכנים, נישט צע־ראַבירן זייער האָב און גוטס?

ווו איז געווען כאָטש איין פאל, אז דאָס פוילישע פאָלק זאָל באפאלן די פארניכטונגס לאַ־גערן פון יידן?

ווו איז געווען כאָטש איין פראָטעסט פון פוילישן פאָלק קעגן מאָרדן יידן?

וואָס האָבן די פוילישע מא־מעס געטאָן, זעענדיק, ווי די מערדער ווארפן לעבעדיקע יידי־שע קינדער אין די מויערן ווענט?

וואָס האָבן די פוילישע מאמעס געטאָן זעענדיק ווי די מערדער ווארפן אריין יידישע לעבעדיקע קינדער אין זעק, פונקט ווי גע'שחט'ענע עופות?

ווו זענען געווען די פוילישע סאָציאליסטישע פאַרטייען? ווו זענען געווען די פוילישע קאָ־מוניסטן?

ווו איז געווען די פוילישע אינטעליגענץ? ווו איז געווען די פוילישע אונטערגרונט? ווו זענען געווען די פוילישע צער־בעלי־חיים? און איבערהויפט ווו איז געווען דער פוילישער רויי־טער־קרייץ?

דאקעגן האָבן מיר גענוג פאקטן:

אז יידן זענען געשפרונגען פון די טויט־וואגאָנען, האָבן זיי פאָליאקן געכאפט און איבער־געגעבן די מערדער, אָדער אליין דערהרגעט.

אז נאָכן צונעמען דאָס געלט ביי די יידן, וואָס זיי האָבן גע־

נומען מכלומרשט אויסצובאַהאלטן זיי, איבערגעגעבן זיי די דייטשן.

פּאָליאקן זענען ארומגעגאנגען אין די וועלדער כאפּן יידן, בכדי זיי איבערגעבן די דייטשן.

געווען גענוג פאלן, אז נאָך גרויסע וואנדערונגען האָבן יידן געפונען פוילישע פארטיזאנער, האָבן זיי די יידן נישט געוואָלט צונעמען, אָפּט פאריאָגט און אָפּגעטויט.

א גרויסער טייל פון פּוילישן פּאָלק האָבן אָנגענומען די מתנה א קילאָ צוקער פאר א יידישן קאָפּ.

ווען די דייטשן האָבן אויפגעריסן יידישע געשעפטן (אויך נאָכן אָנווייזן פון די פּאָליאקן) איז די פּוילישע באפעלקערונג געשטאנען מיט זעק און צעראַבירט דאָס האָב און גוטס פון די יידן.

ווי די דייטשן האָבן נאָר באַטרעטן די פּוילישע ערד, האָבן כמעט באלד אלע פּאָליאקן גערעדט דייטש: „יודע" אָנווייזנדיק ווער עס איז א ייד!

דאָס דייטשע מערדער־פּאָלק, ענטפערט, אז זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס פאר א רציחות עס ווערט אָפּגעטאָן אין די אָקופּירטע ערטער אין איראָפּע.

אָבער דאָס פּוילישע פּאָלק האָט מיט די אייגענע אויגן געזען די געפערלעכע פארברעכנס וואָס דאָס דייטשע פּאָלק טוט דעם יידישן פּאָלק, מיט וואָס האָט דאָס פּוילישע פּאָלק געהאָלפן כאָטש מיט עפּעס צו לינדערן זייער שלעכטן מצב.

טרויעריק איז דער פאקט, בעת דער רעפּאטריאציע פון רוסלאנד, ווען די פּוילישע יידן זענען אָנגעקומען קיין בעלזעץ, האָבן זיי געבעטן פון דער דאָרט מיליטערישער מאכט, א דערלויבעניש צו גיין באזוכן די דאָרטיקע ברידער־קברים, און זיי האָבן אזעלכעס באקומען. ווי די יידן זענען אָנגעקומען צום אָרט, איז ארויס דאָס פּוילישע מיליטער און מערדערלעך צעשלאָגן די יידן.

ווען די יידן האָבן נאָר איבערבערגעטראָטן די פּוילישע ערד, האָט זיי כמעט יעדער פּאָליאק געוויזן אויפן האַלדז דאָס הייסט: מען וועט זיי שחט'ן, גערופן זיי „ביע דאָרעזענע" די נישט דערשחט'ענע.

וויפל פאלן זענען דאָ, יידן וועלכע האָבן איבערגעלעבט דעם גאנצן קאטאקליזם, זענען נאָכן קומען אין זייערע היים־שטעט, דערשאָסן געוואָרן דורך פּאָליאקן.

א פאקט, היטלער האָט אפילו נישט געפונען קיין איין פּלאץ אין דער גאנצער וועלט, וווּ אויפצושטעלן די מאָרד־מאשינען, נאָר אין פּוילן, ווייל ער האָט גוט געוווּסט, אז ער וועט האָבן צו הילף דאָס פּוילישע פּאָלק.

דאָס פּוילישע פּאָלק איז געשטאנען מיט פארמאכטע אויגן, פילנדיק די שטיקנדע ריחות פון די ברענענדע יידן, האָבן זיי געזאָגט מיט חוזק: „מען ברענט די וואנצן".

הער גענעראל!

אויב עס האָט געקענט נאָך אזא גרויס אומגליק וואָס די וועלט געשיכטע האָט עס נאָך נישט פארצייכנט, אויסצו׳שחט׳ן 6 מיליאָן יידן, צו מאכן א פּאָגראָם אין קיעלץ איז קיין שום ענטפער נישט פאראן. די פּוי־לישע או. ב. איז שוין דאן גע־ווען גענוג שטארק אז ' במ־שך פון צוויי שעה אונטערצו־דריקן דעם פּאָגראָם און דאָך האָט ער געבושעוועט 2 טעג, דאָס האָט צוגעגעבן נאָך קרב־נות א צולאגע צו די 6 מיליאָן יידן. ווער ווייסט וויפל קרבנות עס וואָלט געווען, ווען נישט דאָס רוסישע מיליטער.

אמת, עס איז געווען מאנכע פּאָליאקן וועלכע האָבן מפקיר געווען זייערע לעבנס און גע־ראטעוועט יידן, דאָס זענען גע־ווען איינצלנע מענטשן פּאָליאקן, אָבער נישט דאָס פּוילישע פּאָלק.

„יידישע צייטונג״ 3־טן מאי 1963

צו די שטאט־טאטעס אין תל־אביב

אין דער גאַנצער וועלט פירט זיך אַז מען וואַרפט אַיין געזונטע הייזער, און אויף זייערע פלעצער שאַפט מען גערטנער פון וואַנען די שטאָטישע אַיינוווינער זאָלן קענען שעפן א ביסל פרישערע לופט.

ביי אונז איז עס פונקט פאַרקערט, עס איז געווען א שטאָט־גאָרטן אויף די גאַסן: נחלת־בנימין — גרוזנבערג, צוויי גאַסן וואָס האָבן בכלל נישט קיין שאָטן פון וועלכן ביים און זענען זייער שטאַרק ענג באַוווינט.

דאָך האָבן די שטאָט־טאַטעס אין א שיינעם העלן טאָג געשיקט שטאָטישע אַרבעטער, אויסגעהאַקט די בוימער פון גאָרטן און היינט הויבן זיך אויפן זעלבן פלאַץ הייזער מיט פרישע גע־וועלבער, פאַר וועלכע מען וועט נעמען זיכער 50,000 פונט פאַר יעדער געוועלב.

צו פאַרניכטן א גאָרטן אין אַזאַ ענג־באַווינטן אָרט און אין הארץ פון תל־אביב, איז פשוט א פאַרברעכן. ווו איז דער געזונטהייטס־מיניסטעריום, וועלכער דאַרף זאָרגן פאַרן געזונט פונעם בירגער?

פאַר לאָזן גאַז פון מאַשינען אין שטאָט ווערט מען פאַר׳משפט און אויסהאַקן גערטנער, דאָס איז פריי?

„יידישע צייטונג" 6־טן סעפטעמבער 1963



בילגורייער קריסט ראטעוועט 5 יידן אין אבונקער און שיקט ספרי־תורות קיין ישראל

אין דער פינצטערער צייט, ווען היטלער ימח שמו האט געבושעוועט אין איירָאפּע, ווען פאר אויסגעבן א ייד האט מען באקומען 2 קילאָ צוקער, האבן זיך געפונען ליידער זייער גענוג פאלאקן, אונזערע געוועזענע שכנים, וואס האבן זיך געיאגט נאך יידן, אפשר נישט נאר צוליב דעם וואס ער זאל באקומען דעם צוקער, נאר בכדי פטור צו ווערן פון די יידן.

די אויסבאהאלטענע יידן אין בונקער

דאך האבן זיך געפונען אזעלכע מענטשן וואס האבן געוווסט אז פאר אויסבאהאלטן א ייד דראט טויט פאר אים און פאר זיין משפחה, זיי האבן איינגעשטעלט דאס טייערסטע וואס איז ביים מענטשן דאס לעבן און אויסבאהאלטן ביי זיך יידן.

איינער צווישן די חסידי אומות העולם איז אויך דער פאדליעשנע (הויפט פון די מלוכה וועלדער) יאן מיקולסקי בילגורייי, וועלכער האט איינגעשטעלט זיין לעבן און דאס לעבן פון זיין פאמיליע און האט אויסבאהאלטן ביי זיך 5 בילגורייער יידן.

וואס עס האט געהייסן אויסבאהאלטן 5 יידן אין אזא געפערלעכע צייט, איז פשוט נישט אפצושאצן, ער האט אויסגעבויט א בונקער אונטער דער שטאל

פון זיינע בהמות און דאָרט האָט ער געהאַלטן די 5 בילגורייער יידן. יעדעס מאָל זענען די דייטשן געקומען זוכן, און נאָר על פי נס איז אַלץ אַדורך בשלום און ער, מיט זיין גוטן ווילן האָט עס גובר געווען. היינט רופן אים די פּאָלאַקן אין בילגוריי „זשידאָווסקי ראַבין" (דער יידישער ר"ב").

און אפשר איז דאָס נאָך ווינציק, האָט ער אויסבאַהאַלטן 2 בילגורייער ספרי־תורות. וועלכער עס איז אים נאָך שווערער מיגעלונגען ארויסצושיקן פון בילגוריי קיין י ש ר א ל. וועלכע מיר פאַריכטן זיי דאָ, און מיר וועלן זיי פירן מיט פולן פּראַכט, ווי עס פּאַסט פאַר ספרי תורות וואָס זענען בנס אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון די רוצחישע היטלעריסטישע הענט.

מיר בילגורייער יידן אין ישראל וועלן נישט פאַרגעסן זיין טאַט. מיר ווענדן זיך דאָ צו די בילגורייער יידן, זאָל יעדער העלפן אין דער מצוה פון כתיבת ספר־תורה ע ל ש ם ק ד ו ש י ב י ל ג ו ר י י.

„יידישע צייטונג" 15־טן נאָוועמבער 1963

סאציאליסטישע צביעות פון ניקיטא כראשטשאוו

אין דער צייט ווען ה׳ כרוּ־שטשאָוו שיקט ארויס ידידי בריוו צו דער גאנצער וועלט מיט א הייסער שלום־פעטיציע, אז אלע סכסוכים וואָס קומען פאָר אדער וועלן פאָרקומען זאָלן געלייזט ווערן אויפן פריי־דלעכן אופן, אין דער זעלבער צייט שטעקט אָפּ א באזוך ה׳ כרושטשאָוו ביים גרעסטן שונא ישראל נאצער דער מושל פון מצרים, און הערט זיך צו צו זיינע דרשות אז ער וועט אָפּרוי־מען די יידן מיט ישראל פון דער לאנד קארטע.

עס איז נאָך ווייניק וואָס כרושטשאָוו מאכט נישט קיין באמערקונג נאצערן וואָס ער גייט קעגן זיין מענטשלעכן־פּלאַן, צו לעזן אלע סכסוכים אויף א פרידלעכן אופן, זאָגט ער אים צו געבן אלע מינים געווער, ווויסנדיק געגווי אז דאָס גאנצע געווער איז צו פארניכטן ישראל.

אין דער זעלבער צייט הערט מען כסדר אין דער או״ם די גיפטיקע דרשות פון די אראַ־בישע פארשטייער, אז זייער איינציקער פלאן איז נאָר צו פארניכטן ישראל, און דאָרט זיצן פארשטייער פון אלע מלו־כות וועלכע געהערן צו דער או״ם, אָבער קיין איינער האָט נאָך נישט געפּרוּווט ארונטער־רייסן אזא מין רעדנער מיט זיין גיפט זייענדיקער דרשה.

ווו זענט איר אלע סאָציא־ליסטישע פארטייען? ווו זענט איר קאָמוניסטישע פארטייען? ווו זענען אלע יושר זוכנדיקע מענטשן? איר אלע זענט דאָך קעגנער פון מלחמה, פון מענ־טשן מאָרד, פון פעלקער מאָרד, און דאָ האָט איר אָנגענומען א מויל מיט וואסער? אלע שוויי־גן־ צי ווילט איר לעשן די שריפה ווען עס וועט שוין ברע־נען?

אָבער דאָ זעען מיר דאָס פאַ־רקערטע, אלץ פוצט זיך צו דעם מצרישן פאסטוך, יעדער לייגט אים פאָר גרויסע קוואנטומס פון געפערלעכסטן פארניכטונגס־געווער, וואָס אלע ווייסן און הערן פון אים צו וואס פאר א צוועק ער נויטיקט זיך אין דעם.

קיין איינער לייגט אים נישט פאָר קיין ברויט פאָר זיינע אויסגעהונגערטע בירגער, קיין מעדיקאמענטן צו זייערע פיל אָנשטעקנדיקע קרענק.

אבל לא אלמן ישראל הוא, נאצר האָט שוין פארגעסן, די אלע מצרישע מפלות וואָס זיי

האָבן געליטן און נישט פון קיין אנדערע נאָר פון די יידן.

האָט נאצער שוין פארגעסן זיין מפלה, אין דער מלחמת ה־שחרור? זיינע נצחונות, קען ער דערציילן זיינע פינצטערע אראַבער, אָבער דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט קען ער נישט אָפּנארן, זיי האָבן עס געזען און אָפּגעשאַצט.

האָט נאצער שוין פארגעסן זיין מפלה, ביי דער מבצע סיני? אפשר פארגלוסט זיך אים נאָך א רונדע, א פרישע מפלה, וועט ער זי האָבן, אבער מיט א פולן אונטערגאנג, און אויב די וועלט מיינט אז א מלחמה, וועט זיין נאָר מיט ישראל, איז עס א גרויסער טעות, עס וועט זיך שוין קיינמאָל נישט איבערחזרן די שחיטה פון היטלערן איבערן יידישן פאָלק, ווייל אויב פארניכטונג, וועט פארניכטעט ווערן די גאנצע וועלט, ווייל אזא מין געווער וואָס מיר האָבן, האָט קיינער נישט, אונזער אויסגעפרווט געווער איז „א. ב." (אין ברירה), און קעגן אזא מין געווער קען קיינער נישט געווינען...

און אויב איר וועט שאצן די גרויס פון אייער ארמיי, האָט איר א גרויסן טעות, ווייל אונזער גאנצע באפעלקערונג איז מיליטער, ווייל אפילו די מוטערס פון די זויג־קינדער, וועלן אויך זיין זעלנערנס.

און אפשר מיינען די איבערבלייבער נאציס פון היטלערן ימח־שמו, אז מיט מצרישע הענט וועלן זיי פארניכטן דאָס איבערבלייב פון יידישן פאָלק, וואָס וויל אויפבויען א רואיקע היים אין אויפגעלעבטן ישראל, האָבן זיי א טעות.

אבער זאָלן עס וויסן די, אז מען שפילט זיך מיט פייער, ברייט מען זיך אָפּ.

די וועלט קוקט זיך צו און זעט ווי די דייטשע געלערנטע שאפן דאָס געפערלעכסטע געווער, אין מצרים, מיינען זיי אפשר אז דאָס איז נאָר אויסשליסלעך א מתנה פאר ישראל, איז עס איז אַ טעות.

די מענטשהייט מוז וויסן אז אויב עס וועט איצט זיין אן א מלחמה וועט זי פארניכטן די גאנצע וועלט, ווייל אויב מיר וועלן אומקומען, וועט אומקומען מיט אונז די גאנצע וועלט.

„יידישע צייטונג" 5־טן יוני 1964

אבי מען זאָגט! עס קלאַפּט נישט...

ווער עס זאָגט עס קלאַפּט נישט, האָט א גרויסן טעות, אָט זעט א מעלדונג אין „ידיעות אחרונות“ פון 22.7.64, מען האָט נישט דערלויבט צו עפנען דעם קולנע, ווייל עס איז נישט געווען קיין מקום חניה פאר די כלי־רכב. נאָך פיל מי פון די אייגענטימער, האָט מען דערלויבט צו עפנען דעם קולנע, נאָכן שאפן א מקום חניה פאר 30 כלי־רכב.

עס שטעלט זיך א פראגע, יעדער בירגער, וועלכער באַקומט א דערלויבעניש צו פירן א מאשין, פארוואָס זאָל ער נישט דארפן אָנווייזן וווּ זיין מקום חניה איז?

מען מוז דאָך מודה זיין, אז פון די איינצלנע מאשינען, שאַפן זיך טויזנטער. אז א סבל דארף נעמען, אָדער ברענגען סחורה, מוז ער טראָגן די סחורה אין אן אומקרייז פון פיל מעטער, און פאר דעם מוז מען אים באַצאָלן, און אין גרויסע געשעפטן טרעפט עס אן א גאנץ באַדייטנדיקע סומע.

עס טרעפט, א מענטש גייט ארויס פון וווינונג אָדער געשעפט, קען ער נישט אריבערגיין דעם כביש.

עס וועט אין קורצן קומען א צייט אז גאנצע גאסן וועלן זיין איין שטיק מאשין, נישט צו גיין און נישט צום פאָרן.

שוין היינט צו טאָג, פאָרנדיק אין אן אויטאָבוס אין תל־אביב, אין מיטן טאָג, איז פשוט אן אָפּקומעניש. מען שטייט מער ווי מען פאָרט.

צי קען מען נישט אָפּשטעלן דאָס ארויסגעבן די פאָר־דערלויבענישן מענטשן וועלכע נוי־טיקן זיך נישט אין דער מאַשין?

ביי אַזאַ מצב פון פארשטאָפונג דארף מען ארויסגעבן רעכט צו פירן א מאשין, מענטשן ביי וועלכע די מאשין איז א קוואַל פון פרנסה, אינוואלידן און אנדערע אָבער נישט פאר די לעצטע מאָדעל לוקסוס־מאַשינען, וועלכע די דאַמען טרייבן איבער די תל־אביבער גאסן.

אדרבא, גייט ארויס יעדן טאָג 6 פרי וועט איר זען ווער עס לערנט זיך פאָרן? כמעט אלע בלויז דאמען, ביי וועלכע די מאשין וועט זיכער נישט זיין קיין חלק פון זייער פרנסה, נאָר א גרויסער חלק פון הוצאות.

בכלל, פארוואָס דערלויבט די רעגירונג צו ברענגען די זייער לאנגע מאשינען, וועלכע פארנעמען זייער פיל פלאץ, דאָס זענען מאשינען פאר לענדער, וואָס פארמאגן פיל שטח, נישט ווי מיר, וואָס יעדער שפאן איז מיט גאָלד גלייך.

„מהרסיך ומחריביך ממך יצאו"

די שטרייקן זיינען שוין ביי אונדז אין ישראל ווי א מאָדע, צי מען דאַרף יאָ, צי מען דאַרף נישט, צי דער שטרייק איז באַרעכטיקט צי נישט, מען שטרייקט.

ווער האָט שוין נישט געשטרייקט? דאָקטוירים, אינזשינירן, פּאָסט־אַרבעטער, באַן ארבעטער, מכס־ארבעטער, שאָפערן, מס הכנסה ארבעטער, יעדער שטרייק קאָסט מיליאָנען.

צי קען מען זיך פאָרשטעלן וואָס עס האָט געקאָסט דער שטרייק פון מס הכנסה? ווען עס פאַרשלעפּט זיך א ביסל לענגער דער שטרייק פון די מס־הכנסה ארבעטער, עס פליסט נישט אריין קיין געלט אין דער מלוכה־קאַסע, ווערט אלץ פּאַראליזירט. מיר האָבן נישט קיין רעזערוו געלטער.

עס שטעלט זיך א פראגע: ווער נאָך האָט צו שטרייקן? די איינציקע וואָס פעלן, זיינען די משטרה און דאָס מיליטער.

מען דערציילט, אין ווארשא האָט דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פון די הויז־דינערינס געריפן זיינע מיטגלידערינס אויף אן איבערגרופּירונגס־פאַרזאַמלונג. אין דינסט מיידל האָט זיך אָפּגעבעטן ביי איר בעל־הביתטע, זי זאָל איר דערלויבן צו גיין אויף א קורצער צייט. זי איז געשטאַנען און געוואַרט אויף דער פאַרזאַמלונג. און דאָ הויבט זיך גאָרנישט אָן, גייט זי צו צום סעקרעטאַר און זאָגט אים: איך האָב נישט קיין צייט, זייט אזוי גוט און גיט מיך אָן איבערגרופּיר איבער און לאָזט מיך גיין.

אפשר וואָלטן אונדזערע וואָס זיינען איצט אין טור צו שטרייקן געגעבן א שטרייק אָפּ און עס זאָל נעמען אן ענדע מיט איין מאָל.

דער געוועזענער שטרייק פון די שטאָטישע היגיענישע אַרבעטער, איז שוין א יוצא־דופן. די גאַנצע שטאָט איז געווען פאַרציפּגשט, עס איז פּשוט אוממעגלעך געווען צו גיין אין די גאַסן. און טאָמער איז עס נאָך ווינציק, גייען יעדער נאַכט ארום אויסוואורפן און שיטן אויס דאָס מיסט פון די גאַסן־קעסטלעך אויף דער גאַס. עס פרעגט זיך א פראגע ווו איז געווען די משטרה?

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אונדזער שטאָט איז געווען אקופּירט דורך עסטרייך, זיינען די זשאַנדאַרן ארומגעגאַנגען פון הויז צו הויז און גענויט צו האַלטן ריין. איינער אן אלטער ייד, משה טאַרם, האָט נישט געקענט אויס־האַלטן און איז אנטלאָפן אין א קליין שטעטל גאָריי. אין א שטיקל צייט ארום איז ער צוריקגעקו־

מען, האָט ער דערציילט: אין גאריי איז גוט, פונקט ווי אין גן עדן. מען קען גיין ביז איבער דער קני אין שמוץ, און די זשאנדאַרן זאָגן גאָרנישט.

דאָס זעלבע איז געווען ביי אונדז. דאָס מיסט זאמלט זיך אין די גאַסן, אין די הייפן, עס שאַפן זיך געפערלעכע מיקראבן וואָס קענען ברענגען פארשידענע קראנקייטן און די משטרה מאכט נישט קיין ראפּאָרטן. עס איז שוין ווי אין גארייער גן־עדן, מען גייט שוין ביז דער קני אין שמוץ.

דער מצב פון די שטרייקן שאפט א תוהו־ובוהו אין לאנד, מען מוז דאָך מודה זיין אז איינער פון די צדדים איז דאָך זיכער שולדיק, אפשר די רעגירונג, וואָס גיט נישט די מעגלעכקייט דעם ארבעטער צו לעבן פון זיין ארבעט, אָדער דער ארבעטער, וועלכער פירט אומבארעכטיקטע שטרייקן.

ווי אזוי עס זאָל נישט זיין, „מהרסיך ומחריביך ממך יצאו".

איז גוט וואָס עס איז שוין נאָכן שטרייק פון די מיסט פירער. מען קאָן שוין אטעמען כאָטש פרישע לופט.

„יידישע צייטונג" 11־טן סעפטעמבער 1964

וווּ איז דאָס געוויסן פון דער דייטשער דעמאָקראַטיע

אין דייטשלאַנד, אויפן פּראָ־ צעס פון די מערדער פון ווּלאַ־ דאַווער יידנטום — האָט א דיי־ טשער אדוואָקאַט די חוצפה א־ וועקצושטעלן זיך און אָפן דער־ קלערן: „די מערדער האָבן בלויז אויסגעפילט די באַפעלן און אינסטרוקציעס פון נביא היט־ לער" און אויב זיי האָבן בלויז אויסגעפירט יענעמס באַפעלן — קומט דאָך זיי נישט קיין שטראָף פאר אומברענגען מיליאָנען אומ־ שולדיקע מענטשן און פאר־ וואַנדלען בליענדיקע ישובים איבערן גאַנצן כדור הארץ — אין וויסטע חורבות.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז פון די ריכטער אין זאַל האָט קיינער נישט רעאגירט אויף די דאָזיקע חוצפהדיקע ווערטער און נישט אָפּגעשטעלט דעם אדוואָקאַט אין זיין נאַצישע דרשה.

פאַרשטייט זיך, אז אזעלכע ווערטער ווערן אויפגעכאַפּט מיט פרייד און באַגייסטערונג דורך אלע נאַציס, נעאָ־נאַציס, יידן־ פרעסער און אנטיסעמיטן אין דער גאָרער וועלט, וועלכע וואַ־ רטן נאָר אויף דער געלעגנהייט ווידער צו באַקומען א „פירער" און אויספירן פלייסיק זיינע באַ־ פעלן...

גאָר באַזונדערס וועלן זיך קוויקן מיט אַזאַ נאַצישער דרשה די „נייע דייטשן" אין דייטש־ לאַנד גופא, וועלכע האָבן אויף זיך ארויפגעצויגן א „דעמאָקראַ־ טישע" פעל און ווילן אָנגיין פאַר צדיקים גמורים...

איצט שטעלט זיך פאָר, ווי עס וועט זיין דער מצב אין „ניי־ עם דייטשלאַנד", ווען עס וועט אין 1965 דאָרט אריין אין קראַ־ פט דער פארעלטערונגס געזעץ פאַר אמאָליקער נאַצישע פאַר־ ברעכנס און די מערדער וועלן קאָנען שטאָלצירן מיט זייער „רומפולער" פארגאַנגענהייט און אָפן פריידיקן די נאַצישע תורה.

איז פרעגן מיר נישט פאַר־ וואָס עס רעאגירט נישט אויף אזעלכע נאַצישע דרשות די דיי־ טשע יוסטיץ — אָבער וווּ איז דאָס געוויסן פון דער פּראַגרע־ סיוו־ דעמאָקראַטישער וועלט? פאַרוואָס קוקט זי זיך צו גלייכ־ גילטיק, ווי אין הארץ פון איי־ ראָפּע ווערט אויסגעהאָדעוועט א גיפטיקע שלאַנג.

און וואָס פון דעם קאָן ארויס־ קומען — דאָס ווייסן מיר שוין פון אונדזער ביטערער דערפאַ־ רונג...

וועגן די נייטראַליסטן קאָנפערענץ אין מצרים

די „נייטראַליסטן קאָנפערענץ" אין קאַיר, האָט באַוויזן די צביעותדיקייט פון דער וועלט.

א העלפט פון די אונא מיטגלידער, זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין קאַיר און האָבן איינשטימיק אָנגענומען, אז די אראבישע פליטים האָבן א רעכט אויף פאלעסטיין, צי ווייסן זיי דען נישט, אז נאצער שאַפט א פאלעסטינער ארמיי מיט אַ גאנצן מלוכה אפאראט, די ארמיי ווערט אויסגעהאלטן דורך דער אונרא, ווייל די אונרא, גיט זיי לעבן־אויסהאלט און זיי לערנען זיך זיין די באַפרייאונגס ארמיי פון דעם באפרייטן פאלעסטיין.

עס שטעלט זיך א פראגע: ווער האָט דען ארויסגעיאָגט די אַראַבער פון ישראל? ישראל האָט קיין איין אראבער נישט ארויסגעיאָגט. ווער עס האָט זיי ארויסגעשלעפּט, כמעט מיט כוח, דער דאַרף זאָרגן פאר זייער עקזיסטענץ.

ווען די אראבישע מדינות וואָלטן געוואָלט, וואָלטן די אראבישע פליטים מיט דער הילף פון אמעריקע שוין לאנג געווען זייער גוט איינגעאָרדנט.

פאר די אראבישע אויסגעווארצלטע פליטים, האט מען מיטגעפיל, ווי זענען געווען די מיטגעפיל האָבער, ווען היטלער האָט אויסגעוואָרצלט די די יידן פון דער גאנצער וועלט, פיל שיפן האָבן זיך ארומגעדרייט אויפן אפענעם ים, און קיין איינער האָט זיינער צייט נישט אָנגענומען א בשלוס אז מען מוז די אומגליקלעכע העלפן.

נאָכן ענדיקן די צווייטע וועלט־מלחמה, האָט מען פוילן צוגעטיילט דייטשע שטחים. די דייטשן פון יענע געביטן זענען איבערגעפירט געוואָרן קיין דייטשלאנד, עס פרעגט זיך: ווען אָט די אויסגעוואָרצלטע דייטשן וואָלטן געוואָלט צוריקקומען קיין פוילן, צי וואָלט זיי פוילן צוריקגענומען, און צו וואָלט דאָס וועלט געוויסן אָדער די זעלבע „נייטראַליסטן" פארשטאנען אז פוילן מוז זיי צוריקנעמען?

מיר זענען זיכער, אז עס וואָלט קיינער נישט איינגעשטימט, אז מען דאַרף די דייטשן צוריקנעמען. און אָט די זעלבע דייטשן האָבן דאָך געלעבט אויף דער דאָזיקער טעריטאָריע, נישט ווינציקער ווי די אראבער אויף דער ערד פון ישראל.

און איבערהויפּט אז ישראל האָט אריינגענומען מער יידישע פליטים פון די אראבישע לענדער, און וואָס שייך דעם אראַבישן פארמעגן וואָס די אראַבער האָבן איבערגעלאָזט אין ישראל, האָבן די אראבישע לענדער און איבערהויפּט מצרים קאָנפיסקירט אלע יידישע פארמעגנס ביי די פליטים וואָס זענען געקומען קיין ישראל ווי

אויך ביי די יידן דאָרט אין זייע־
רע אראבישע לענדער.
עס שטעלט זיך נאָר די פראַ־
גע, „אויף וואָס פאַר אַ וועלט
לעבן מיר ?״

„יידישע צייטונג״ 23־טן אקטאָבער 1964

א יידיש קינד קעגן די נאַצישע מערדער

די שפאלטונג אין מפא״י

(צום לייט־ארטיקל אין דער יידישער צייטונג)

די טעזיסן פון דער נייער בן־גוריון פארטיי, זענען גאנץ שיינע, עס פרעגט זיך נאָר פארוואָס האָט ער זיי נישט אויסגעפירט אין דער צייט פון 16 יאר וואס ער איז געווען פרעמיער, דאָס הייסט, אז אויספירן זיי, האָט נאָר אשכול געדאַרפן.

וואס איר שרייבט, אז דאָס אוועקגיין פון דער לבון גרופע האָט א טרייסל געטאָן, עס איז א טעות, לבון איז נישט אוועק, נאר בן־גוריון האט אים פשוט פארטריבן

וואס איר שרייבט אז דער יעצ־טיקער טרייסל קען חס־וחלילה צעברעכן דעם ריקן־ביין פון דער מפא״י.

איר באווייזט עס, גלייך דער מפא״י וואָלט געווען די מדינה, צי מיינט איר, אז אָן דער מפא״י וואָלט קיין מדינה נישט עקזיס־טירט?

וואס איר שרייבט אז די מער־הייט אונטערשאַצט די מינדער־הייט.

אדרבא, ווי האט מען שוין גע־זען אז א מערהייט, זאָל זיך אונ־טערוואַרפן א מינדערהייט, ביי אונז איז דאָך דעמאָקראטיע, ווי מיר זעען כסדר אין דער כנסת, וואָס עס באַשטימט די מערהייט, מוז זיך די מינדערהייט אונטערוואַרפן, ווי יעצט מיט דעם דייטשן הער פאולס אלס ערשטער דייטשער אמבאסא־דאָר אין ישראל.

נאָר וואס איר ברענגט ארויס די גרויסע דינאמישקייט פון בן־גוריון, אז ער האָט געוואגט צו שיסן אויף דער „אלטאלענא״, דאָס איז שוין נישט אויפן אָרט, אָך און וויי איז צו אזא דינאמישקייט, דען א דאנק דער גוטער שטעלונג פון „אצ״ל״, פאר ווען די שאַ־פונג פון דער מדינה איז געווען א הייליקייט, איז טאקע אויסגע־מיטן געוואָרן א ברודער־קריג, ווען דאס וואלט געווען פארקערט, וואלט זיכער צו א בלוט־באד גע־קומען.

עס פרעגט זיך פשוט, וואָס האָט געבראַכט אז בן־גוריון זאָל הייסן שיסן אויף דער שיף מיט יידן? עס איז דאָך געווען אן אָפּמאַך צווישן אצ״ל און דער הגנה וועגן אראָפּנעמען דאָס געווער, ער האָט נאָר דעם אָפּמאַך פאַראַטן, ווייל עס איז געווען נאָר די פראגע פונם „בענקל״, ער האָט מורא געהאט מען זאל אים חלילה דאס בענקל נישט אויסכאַפּן.

ווי מען האָט דערציילט, איז דער פרעזידענט פון טשעכן, בע־נעש, באגאנגען זעלבסטמאָרד, ווען אזא זאך וואלט חלילה גע־דאַרפן טרעפן ביי אונז, וואָלט מען זיך מיטן בענקל אַראָפּגע־וואָרפן.

דער אויסדרוק פון בן־גוריון, געבענטשט זאָל זיין דער הארמאט וואָס האָט געשאָסן אויף דער שיף „אלטאלענא״, דאָס האָט דאָך קיין אנדערער נישט אנטוואגט צו זאָגן אויסער בן־גוריונען דער דינא־מישער.

ענגלאנד, אין דער צייט פון מאנדאט איבער ישראל, האָבן זיי געשפריצט מיט וואסער אויף די יידישע שיפן וועלכע זענען גע־קומען צו די ברעגן פון ישראל און בן־גוריון האָט געשאָסן מיט הארמאטן אויף א יידישער שיף. דאָס איז א פארברעכן, וואָס די געשיכטע וועט עס נישט מוחל זיין.

וואָס איר שרייבט, נאָך 60 יאָר זיין פּאָליטיש טעטיק, געפירט די מדינה, איר אויסגעקעמפט, אויס־געטרוימט און געטשאנען אין שפּיץ, וועט יעצט אראָפּבויגן דעם קאָפּ? און איבערגעבן די מאכט צו אשכול, אבא־אבן און גולדה?

זיי האָבן דאָך ביי אים די מאכט נישט פאַרכאַפּט, ער האָט דאָך זיי אליין אלץ איבערגעגעבן און וואָס מיינט איר? אז טאקע בן־גוריון מוז פירן די מדינה ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, צי איז עס דען זיינס א פריוואַטער פאַלוואַרק? דאָס איז דאָך א זאַך וואָס קיינער קען עס נישט פאַר־שטיין, א מענטש זאָל זאָגן, איך וויל און מוז זיין ראש־הממשלה.

אדרבא, אפשר וואלט זיך גע־פונען איינער, ער זאָל קענען אנ־ווייזן דעם אידייאישן אונטער־שייד פון בן־גוריון און אשכול צוליב וועלכן עס האָט אים געצ־וווּנגען צו שאפן א פרישע פּארטיי, דאָס איז דאָך קעגן דעם ערשטן פונקט פון זיינע טעזיסן, ראַיאָן־וואלן, בכדי עס זאָל ווערן וויי־ציקער פּארטייען און דאָ איז ער אליין געקומען מיט נאָך א פרישע פּארטיי.

עס האָט זיך נאָר געשאפן א „בן־גוריוניזם״ און א „אשכוליוני־זם״, דאָס איז א ריינע אינדיווידו־עלע רייבעניש און פון דעם דארף דער דעת־הקהל נישט ליידן.

אמת, עס איז טאקע ביי אונז דעמאָקראַטיע, אבער דעמאָקראַטיע האָט אויך א גרענעץ, ווי פאַר־גינט זיך בן־גוריון אָנרופן אונזער אויטערן־מיניסטער „די יידענע״, אשכולן, דער ליגנער און אבא אבן אויך מיט אזעלכע נעמען, ווי זעט עס אויס? אז אונזערע פאַר־שטייער זענען אזעלכע, זענען דאָך זייערע שיקער נאָך ערגער.

צי געפונט זיך טאקע נישט קיין געזעץ וואָס זאָל פארווערן אזעלכע ווידערשפּעניגונגען? ווי דאָס א־רויסגעבן דאָס בוך וועגן דער „פרשה״ איז געווען פארבאָטן פון דער רעגירונג און בן־גוריון האָט זיך מיט גאָרנישט גערעכנט און דאָס בוך פאַרעפנטלעכט, ער איז דאָך נאָך ערגער פון דער נטורי־קרתא און דאָך האָט מען זיינער צייט די בחורים פון נטורי־קרתא פאַר׳משפּט.

די גוטע בשורה וואָס איר זאָגט אונז אָן, עס וועט נאָך זיין ערגער, דאָס איז נאָר אן אנהייב.

די מדינה מוז טאקע באלד אָנ־נעמען מיטלען קעגן דעם, מיר קע־

נען נישט זיין אנדערש ווי צווייטע מדינות, אז איינער גייט אוועק, אָדער מען באזייטיקט אים, זיצט ער שטיל.

מיר קענען נאָך פון דעם דינאַמישן מענטש, דערוואַרטן, ער זאָל זיך ווענדן שאפן א באזונדער מדינהלע.

בן־גוריון מוז זיך אָפּגעבן א חשבון, וואָס עס איז פאַריבער, איז פאַרפאלן. די געשיכטע קען מען נישט צוריקרוקן, נאָר די ירושה וואָס ער האָט אונז איבערגעלאָזן, ווי ער האָט זיך אויסגעדרוקט: „ווער עס גלויבט נישט אז עס איז יעצט בעסערע דייטשן” דער איז א נאַר, אָט שניידט מען שוין די פרוכטן: „דער דייטשער היטלער אָפיציר, פּאולס”.

„יידישע צייטונג”, 13־טן נאָוועמבער 1964

ווען בן־גוריון און די פרשיות

אין דער „יידישער צייטונג" פון פרייטיק דעם 20.11.64, אין די טאָג פראגן", שטעלט דער שרייבער פאָר דעם ה' בן גוריון ווי עפעס א צעפּיעשטשעט קינד. וועלכן מען דאַרף נאָכגעבן, ווי ער דריקט זיך אויס: „און דאָס איז נאָר אן אָנהויב". שטעלט זיך די פראגע: צי האָבן מיר נאָך געהאט זוינציק חרפות און בושות פון דער גאנצער „פרשה"?

איצט וויל דער ה' בן־גוריון נישט מער ווי א משפט. אפשר מיינט ער א משפט אין א וועלט פארנעם, א מין שוי־פּראָצעס, מיט קאָרעספּאָנדענטן פון דער גאנצער וועלט, בכדי אונזערע שונאים זאָלן קענען לעקן די פינגער, פון די מטעמים וואָס ישראל פארקאָכט זיך אליין?

דער שרייבער שרייבט: „וואָס פּראכט איר, אז בן־גוריון וואָלט אַרויסגעטרעטן קעגן דער ריכטער קאָמיסיע אויך"? און איר אליין גלויבט דען יאָ אין דעם? כל־זמן דער אורטייל וועט זיין גינסטיק פאר אים — וועט ער אים רעספּעקטירן. מיט וואָס איז דער באשלוס פון דער כנסת קאָמיסיע אנדערש ווי פון די שופטים? און בכלל ווי קומען צו דעם גאנצן ענין שופטים? א משפט קומט פאָר ווען דער פארמשפטער פילט זיך באעוולט, קוקט די העכערע אינסטאנץ אדורך דעם גאנצן ענין און באשליסט: אָדער דער צד איז שולדיק אָדער דער צווייטער — און איינער פון די ביידע צדדים ווערט פארמשפט.

דאָ איז דאָך בכלל די דאָזיקע פראגע נישט פאראנען. דאָ וועט דאָך קיין איינער פון ביידע צדדים נישט פאַרמשפט ווערן — איז צוליב וואָס אויפמישן דעם גאנצן ענין?

וואָס זענען מיר זיכער, אויב מען וועט איצט אויפמישן די פרשה פון „עסק ביש" מיט דער „דריטער פּערזאָן" — אז די גאנצע באפעלקערונג פון ישראל וועט נישט פאָדערן און זאָגן אויפן קול: וואָס איז די „פרשה" און ווער איז די „דריטע פערזאָן"? מן־הסתם וועט דאָך זיין דער ענטפער: דאָס זענען זיכערהייטס־סודות", איז פארוואָס זאָל דער גאנצער ענין נישט זיין קיין זיכערהייטס־סוד פאר אלע? נאָר דעם ה' בן־גוריון מיט זיינע אדוואָקאטן איז דערלויבט זוכן אין די זיכערהייטס פאפירן גלייך עס וואָלט געווען זיין פריוואטער ארכיוו?

עס דערמאָנט זיך: אין אַ קליין שטעטל איז געווען א פאָר פאָלק, וואָס האָט געהאט א האָטעל. דאָס פאָר פאָלק פלעגט זיך כסדר שעלטן מיט געפערלעכע קללות. האָבן די געסט איינגעהערט אריינצוקומען. ווען די אייגענטימער האָבן זיך דערוווּסט, פארוואָס די געסט מיידן אויס דעם האָטעל, האָבן זיי צווישן זיך אָפּגעמאכט, אז זיי זאָלן פארטײַשן די יוצרות: אנשטאט שעלטן — זאָלן זיי זיך בענטשן. און די געסט האָבן אָנגעהויבן צוריק א־

ריינצוקומען אין האָטעל. איינמאָל האָט אים די פרוי זייער אויפגעהעגט, האָט ער געכאַפּט אַ שטעקן און דערלאַנגט איר איבערן קאָפּ און דערביי זי זייער געבענטשט. אפשר וואָלט מען דער ישראל באַפעלקערונג ענדלעך אויפגעקלערט די געהיימנישפולע ווערטער „עסק ביש״, „דריטע פּערזאָן״, „העכערער אָפיציר״ ?

דער שרייבער פון די טאָג־פראגן שטעלט פאָר גלייך די מדינה וואָלט געווען דעם ה׳ בן־גוריונס אַ ירושה פון זיין זיידן און ער האָט זי געגעבען דעם יידישן פאָלק אויף אַ זילבערנער טאַץ אַ מתנה. נישט בן־גוריון האָט געשאפן די מדינה — די מדינה האָבן געשאַפן די טייערע זין און טעכטער אונזערע, וואָס זענען געפאַלן אין מלחמת־השחרור, און די 6 מיליאָן יידן, וועלכע זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים. ווייל געווינען אַ קריג — געווינען נישט די לעבעדיקע, נאָר די טויטע. די לעבעדיקע האָבן נאָר די זכיה וואָס זיי זענען געבליבן לעבן. די מדינה האָבן אונז געגעבן די טייערע קרבנות וועלכע זענען געפאַלן און נישט דערלעבט די אנטשטייאונג פון דער מדינה, די לעבן געבליבענע האָבן די זכיה צו זיין די בירגער פון מדינת־ישראל.

דער שרייבער דריקט זיך אויס: „די האנדלונג קעגן בן־גוריון, גייט איבער אלע גרענעצן פון דעמאָקראַטיע״. וואָס הייסט דען דעמאָקראַטיע? אַ מינדערהייט ווארפט זיך אונטער דער מערהייט. אָט האָבן מיר טאקע א פאקט, אז אלע אינסטאַנצן האָבן באַשלאָסן נישט צו באַנייען די פרשה. און נאָר דער „אלטער״ ער אליין, ער וועט אלץ צעברעכן — און זיינס וויל ער פאר יעדן פרייז אויספירן.

וואָס איר שרייבט וועגן זיין מוט, וואָס ער האָט נישט געהערט שרתן און האָט זיינער צייט פּראָקלאמירט מדינת־ישראל. קען זיין אז ער האָט עס דעמאָלט געטאָן, ווייל דער „אצ״ל״ האָט געמאָלדן, אז אויב מען וועט נישט פּראקלאמירן מדינת־ישראל — וועלן זיי פּראָקלאמירן. קען זיין אז ער האָט מורא געהאט, מען זאָל אים נישט אויסכאַפּן די בכורה...

דער שרייבער דריקט זיך אויס: „חרות רייסט זיך צו דער מאכט, די נישט דערפארענע „שאָפערן״. גענוג טייערע קרבנות האָבן די דאָזיקע „שאָפערן״ באצאָלט אין קאמף פארן אנטשטיין פון מדינת ישראל!

מיר האָבן נישט פארגעסן, אז יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק האט בן־גוריון אונז געוואָרפן דעם גט פאר די פוס און אנטלאָפן קיין שדה־בוקר.

ער האָט דאָס געקאָנט אויסמיידן. ווי איר אליין שרייבט: „דער נעגער האָט זיינס געטאָן ער קאָן גיין״. ער האט געקאָנט אוועקגיין מיט כבוד, ער זאָל ווערן פארהערלעכט ביים גאנצן פאָלק פונקט ווי ווינסטאָן טשערטשיל, אבער ווי זאָגט דאָס פאָלקס־ווערטל: „געגעבן די מילך — און שפעטער זי אליין אויסגעגאָסן״...

„לעצטע נייעס״ 18־טן דעצעמבער 1964
„יידישע צייטונג״ 26־טן דעצעמבער 1964

א פראגע דער עיריה

חבל על כל טיפה...

די לאָזונג „חבל על כל טיפה" איז באמת א שיינע, אָבער די אויפזעער איבער דער לאָזונג זענען זייער ווייט נישט אין אָרדענונג, אָט למשל:

שוין העכער צוויי וואָכן ווי איך קלינג אין דער עיריה אין מפעל המים והמאור, רחוב פילון 5, אז אויף רחוב מרכז מסחרי 4 אין הויף, פליסט כסדר פון דעם ציבור וואסער, נישט פון ביוב נאָר ריינע וואסער, חס וחלילה נישט קיין טיפות, נאָר ממש עס רינט.

ביי יעדעס מאָל פרעגט מען גענוי די אדרעס, און עס קומט דער שטאנדארטנער ענטפער, בסדר, נבוא. און מיט דעם ענדיקט עס זיך. און דאָס וואסער רינט ווייטער.

די וואָך ווי עס איז געווען געמאָלדן אין דער פרעסע, אז מיר האָבן וואסער נאָר ביז 1970, האָב איך זיך ווייטער פארשטענדיקט מיטן מפעל המים, שטייענדיק ביים טעלעפאָן א האלבע שעה ווי עס קלינגט ביי דעם מודיעין דער טעלעפאָן קוים עס רופט זיך אָן א פריילין, (מן הסתם איז זי געווען פארנומען ביי לייענען א ראָמאַן אָדער מאכן מאניקור).

ווען איך האָב איר געפרעגט, וואָס דויערט אזוי לאנג ביז זי ענטפערט? האָט זי געענטפערט: היה תפוס, עס איז דאָך אן אבסורד, דער מודיעין איז דאָך נישט תפוס, עס קען נאָר זיין תפוס אַ פערזאָן וואָס מען דארף צו אים.

זי פארבינט מיך מיט א פרוי. איך קלער איר ווייטער אלעס אויף גענוי, אז אויף רחוב מרכז מסחרי 4, רינט פון א רער וואסער, און זי ענטפערט מיר, יהיה בסדר.

מאָנטיק דעם 1.2.65, 9 פרי, האָב איך זיך ווייטער פארבונדן מיטן מפעל המים, ווייטער זאָס זעלבע, דער טעלעפאָן קלינגט ואין קול, קוים מיט צרות עס רופט ווייטער אָן די דאמע פון מודיעין, איך דערצייל ווייטער די זעלבע מעשה מיט מרכז מסחרי 4, און בעט איר זי זאָל מיר געבן דעם וואָס איז ממונה איבער דעם, און זי פירט מיך איבער צו איינעם ה' כץ, איך פארצייל ווייטער די זעלבע מעשה, ער פארשרייבט גענוי די אדרעס און ער ענטפערט דעם זעלבן בסדר, נבוא.

דינסטיק דעם 2.2.65, ווען דער ה' כץ איז נישט געקומען, האָב איך זיך ווייטער פארשטענדיקט מיטן מפעל המים, בעט ביים מודיעין מיך איבערפירן צום ה' כץ, אָבער אָנשטאָט צו פארבינדן

מיטן ה׳ כץ, האָט זי מיך פאַרבינדן מיט עפּעס א בייזן מאַן, וואָס האָט געענטפערט מיט א הארטן זה לא כץ, און איך האָב שוין נישט מיט וועמען צו רעדן, איך האָב קוים ביי אים גע־פועלט ער זאָל מיך צוריק איבערפירן אין מודיעין.

ווען מען פארבינדט מיך מיטן צימער פון ה׳ כץ, ווייזט זיך אַרויס אז דער ה׳ כץ איז גאָר אין חופש, עס פרעגט זיך, צי דארף דער מודיעין נישט וויסן אז דער ה׳ כץ איז נישט געקומען צו דער ארבעט?

ווען איך פרעג ביי דעם פערזאָן וואָס איז אין דעם צימער פון ה׳ כץ, ווער איז דער פאַרטרעטער פון ה׳ כץ, ענטפערט ער מיר, אז ער נעמט עס אָן און עס וועט זיין געבוי ווי עס וואָלט אָנגענומען דער ה׳ כץ, איך דערצייל ווייטער די זעלבע מעשה פון מרכז מסחרי A און ער פארשרייבט געבוי.

און עס האָט זיך טאקע אַרויסגעוויזן אז עס איז אזוי, אזוי ווי דער ה׳ כץ איז נישט געקומען אזוי איז דער פאַרטרעטער אויך נישט געקומען און דאָס וואסער רינט ווייטער.

עס שטעלט זיך א פראגע אין א צייט ווען די וואסער פראגע קען אין יעדער רגע ברענגען צו א שטארקן קאָנפליקט מיט אונזערע שכנים, דארפן אויף אזעלכע פּאָסטנס זיצן מער פאראנטוואָרטלעכע מענטשן, זיי זאָלן וויסן ווי אָפּצושאצן דעם „חבל על כל טיפה",

ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט אונדזער פרעמיער: „דאָס וואסער פאר אונדז, איז ווי די לופט צום אטעמען".

„יידישע צייטונג", „לעצטע נייעס" 12־טן פעברואר 1965

די צרה מיט די ביטניקעס

אפשר האָבן מיר נאָך ווינציק אונזערע אייגענע שלעפער, וואָס זענען אויסגעלייגט איבער די תל־אביבער גאסן און איבערהויפט איבער דער דיזענגאָף גאס, — האָט זיך א שאָט געטאָן אויף אונזער קאָפ ביטניקים וועלכע ווארפן אָן אן עקל אויף יעדער איינעם, הן מיט זייער האלטונג און הן מיט זייער ברודיקער קליידונג און פארלייזיקטע קעפ מיט לאנגע האָר, אז עס גייט ממש אָן צו דער נשמה.

וואָס פאר אן איינדרוק קען עס מאכן אויף אונזער יוגנט, וועלכע איז אָן דעם אייך גענוג צעלאָזן, דאָס איז דאָך די ערגסטע דעמאָראליזאציע פאר דער יוגנט, די ביטניקים מענער מיט פרייען שלעפן זיך ארום אָן וועלכער עס איז וועמענס השגחה.

אלע טראָטוארן זענען באמאָלן מיט אויפרופן, העלפט און העלפט! און שטייען דערביי מיט א פושקע גלייך ווי אינזערע אייגענע שלעפער.

אמת, אייביקע יאָרן זענען געווען וועלט־רייזנדע, אָבער דאָן זענען זיי געווען מענטשן וועלכע האָבן געצויגן צו זיך רעספעקט און יעדער איינער איז געווען גרייט זיי צו העלפן מיט וואָס מען האָט נאָר געקענט, אָבער די היינטיקע פארלויזיקטע און ברודיקע ביטניקים ציען צו זיך עקל און שפאָט, און ווער וועט אזעלכע ארייננעמען אויף איבערצונעכטיקן.

עס פרעגט זיך: די אלע קומען דאָך אריין אין לאנד לעגאַל, פארוואָס לאָזט מען אזעלכע אריין? ווי מיט א צייט צוריק האָבן זיי געמאכט סקאנדאלן אין אילת.

מען טאָר זיי בשום אופן נישט געבן די מעגלעכקייט ארומצושלעפן זיך איבער די גאסן בררדיקע און שנאָרן, ווייל שנאָרער האָבן מיר אייגענע גענוג.

און איבערהויפט, גענוג ווערט געשריבן אין דער וועלט וועגן דער פארפלייצונג אין ישראל פון שנאָרער און קיינער קען נישט אונטערשיידן צי איז דאָס אונזערע שנאָרער אָדער אפשר גאָר ביטניקים?

„יידישע צייטונג" 11־טן יוני 1965

מער הארץ צו אונזערע זעלנער

דאָס פּנים ווערט רויט פון בושה זעענדיק ווי אונזערע זעלנער שטייען אויף די וועגן, הייבן די הענט און בעטן א טרעמפּ פון די אדורכפאָרנדיקע מאשינען און איבערהויבט פון די לוקסוס מאשינען, אָבער איי־נער פון צווישן הונדערט קומט אנטקעגן דעם זעלנער.

מען מוז וויסן אז אונזערע חיילים זענען די היטער פון אונזער לעבן, פארמעגן און פון אונזער אויסגעבענקט לאנד, זיי געפינען זיך אין די פארוואָר־פנסטע ערטער נישט אויסגע־שלאָפענע און נישט אָפּגעגעסע־נע, נישט חס־וחלילה ווייל זיי האָבן נישט וואָס צו עסן, פאר־קערט עסן איז דאָ איבערגע־נוג, אָבער ווער קען עסן? צו־ריקקומענדיק פון א שווערן טאָג ארבעט אָנגעגעסן מיט שטויב.

צוריקקומענדיק פון א שווערן טאָג ארבעט, און פון די ברע־נענדיקער זון, טרעפט ער א אָנגעהיצטע פּאַלאטקע, ווו עס איז פשוט אוממעגלעך צו שלאָפן, און אויב ער שלאָפט איין, איז ווייל ער פאלט אוועק א טויט מידער.

און אויב א חייל האָט א מעג־לעכקייט א היים צופארן אויף א נאכט, זיך אויסשלאָפן אויף זיין היימישן געלעגער, פארוואָס זאָל מען אים נישט צוהעלפן? פון די טאשן געלט וואָס דער חייל באקומט א חודש, קען ער בשום אופן נישט באצאָלן פאר א בילעט היין און צוריק צו זיין מיליטערישע באזע.

אונזערע וועגן זיינען פול מיט מאשינען און איבערהויפט מיט אזעלכע לוקסוס מאשינען וואָס יעדער קען אריינעמען עטלעכע זעלנער, ווו איז דאָס מענטשלע־כע הארץ?

און איבערהויפט מוז מען ווי־וויסן, אז א דאנק אָט די חיילים וואָס בעטן זיך ביי אייך א טרעמפּ, קענט איר פאָרן רואיק אויף די ישראל שאָסייען.

פארוואָס זאָל מען לאָזן שטיין א זעלנער שעה'ן און הייבן די הענט אין דער צייט וואָס ער האָט שוין פון לאנג געקענט זיין אין זיין היים און זיך אויסרוען פון דער ברענענדיקער זון אין נגב און פון אנדערע ערטער אין לאנד.

דאָס איז א פּראָבלעם וואָס מען מוז געבן וועגן דעם א טראכט. דער זעלנער זאָל מער נישט דארפן הייבן קיין האנט, נאָר מען זאָל זיך אליין אָפּשטעלן און פארבעטן דעם חייל אויפן טרעמפּ, זאָל דער זעלנער זיך פילן שטאָלץ אז אים איז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו היטן די זיכערקייט פון אונזער לאנד.

די טראַגישע קאָמעדיע

מען האָט שוין אַזוי איינגעשלעפערט דעם ישראל עולם, אַז ער האָט שוין אויפגעהערט צו זיין קעגן דעם אויפשטעלן אַ דייטשן קאָנסולאַט אין ישראל.

עס איז שוין אַראָפּ פון טאָגאָרדענונג צי זאָל מען אויפשטעלן אַ דייטשן־קאָנסולאַט אין עס איז איצט שוין נישט די פראַגע ווער עס זאָל זיין דער קאָנסול?

אָבער די חוצפה פון בון איז אַזוי גרויס, אפשר האָבן מיר געהאַט ווייניק דעם אָפיציר „פאולס" האָבן זיי נאָך צו געשמאַלצן מיט נאָך אַ ווער־מאַכט אָפיציר „טערעק".

אָבער ווי לעכערלעך האָט די ישראל רעגירונג געהאַנדלט? גענומען די אָט פאַרשטייער און זיי באַזעצט אין האָטעל „שרתון".

דער „שרתון" האָטעל איז דאָס אָרט ווו עס קומען אונזערע רייכע טוריסטן פון דער גאַנצער וועלט זיך פרייען מיט יעדער שפאַן אויפגייענדער ישראל, שעפן נחת פון אַלץ. דאָ האָט מען אָפגעטאָן אַזעלכעס וואָס דער טייוול אַליין קען נישט צוטראַכטן, באַזעצט דאָרט דעם דייטשן קאָנסולאַט.

מען מוז וויסן אַז צווישן די אַלע טוריסטן געפינט זיך נישט כמעט קיין איינער וועלכער האָט נישט פאַרלוירן זיינע נאָענטע, קרובים, באַקאַנטע, קינדער, ווייבער, שוועסטער, ברידער און עלטערן אומגעבראַכט דורך די מיט וועלכע ער מוז זיך איצט טרעפן אין אָט דעם האָטעל, און נישט קיין אַנדערע, נאָר פאַרשטייער פון מערדער־פאָלק, אין לאַנד ווו עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די נישט דער'שוחטענע דורך די יידן.

האָט שוין אונזער מדינה נישט געפונען ווו זיי צו באַזעצן מחוץ למחנה, בכדי זיי זאָלן מיט זייער אַדורכגיין נישט אויפרייסן כאָטש די איטערדיקע נישט פאַרהיילטע וונד.

האָט שוין טאַקע די ישראל רעגירונג נישט געפונען קיין צווייטן פלאַץ ווי עס זאָל פלאַטערן די דייטשע פאָן, נאָר אין דעם מלון „שרתון" ווי עס איז פול מיט יידישע טוריסטן?

„יידישע צייטונג", 18־טן יוני 1965

די עירי‍ה זארגט נישט

די תל־אביבער עיריה פרעדיקט די איינוווינער פון שטאָט, אז „חבל על כל טיפה״. אָבער ווי עס קומט צו א זאך, וואָס געהערט דער עי־ריה, פארגעסט זי אָט דעם לאָזונג.

אָט, למשל, געפינט זיך נישט ווייט פון גן מאיר אין צענטער פון שטאָט א קליין געסעלע מיטן נאָמען משעול גן מאיר, עס איז א קליין געסעלע סך הכל 15—20 מעטער די לענג, אָבער יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק זענען דאָרט צעבראָכן די רערן און דאָס וואסער פליסט. אמת, די עיריה האָט שוין נישט איינמאָל פאריכט אָט די רערן, אָבער וואָס קומט א־רויס דערפון, אז גלייך נאָכדעם ווי מען פאריכט, הויבט אָן דאָס וואסער צו פליסן פון א צווייטן אָרט.

אָט צ. ב. האָט די עיריה פאראָכטן די רער אין א געוויסן אָרט און די ארבעטער האָבן דאָרט איבערגעלאָזן א באריערע אפילו מיט א לאָמפ, וואָס האָט געברענט ביינאכט. די לאָמפ האָט דאָרט געברענט אין משך פון צוויי וואָכן. קענטיק אז די ארבעטער האָבן געוווסט, אז זיי וועלן דארפן קומען, און אזוי איז טאַקע, שוין איבער 8 טעג ווי דאָס וואסער פליסט פונדאָסניי, און ווו איז די עיריה

מיר רעדן וועגן היטן יעדן טראָפן וואסער און דאָ גייען אין גיוועץ טויזנטער און טויזנטער ליטער וואַ־סער, און די עיריה זאָרגט נישט.

„לעצטע נייעס״, 4־טן סעפטעמבער 1965

זיי בויקאטירן אונז און מיר דעמאנסטרירן זייערע פילמען

א גרויסער קינא אין תל־אביב, און מן הסתם אויך אנדערע אין גאנצן לאנד, גיבן כסדר אן איבעררייס אראבישע פילמען.

די קינא איז כסדר געפאקט מיט אונזערע אראבער וועלכע קומען אויך פון דעם גאנצן ארום און איבערהויפט אונדזערע אחינו בני־ישראל וואס שטאמען פון די אראבישע לענדער.

עס טרעפט, אז עס באווייזט זיך א אראבישע בויך־טענצערן צעגייען זיך די צושויער אין פרייד. עס פעלט נאר אז מען זאל צושרייען, הייל נאצער.

ווו איז די ישראל צענזור? אין דער צייט ווען אונזערע שכנישע אראבישע לענדער בויקאטירן אלץ וואס שמעקט מיט ישראל, זיי בויקאטירן נישט נאר אונזערע פילמען נאר יעדן ארטיסט וואס וואגט איבערצוטרעטן די ישראל ערד.

דאס איז א בושה פאר זיך אליין, זיי די אראבישע שכנים אונזערע בויקאטירן אונז אויף טראט און שריט און מיר געבן זיי פאר דעם מיליאנען וואס עס טראגט זיי איין די פילמען, ווייל ישראל איז א גאנץ גיטער אפנעמער פון זייערע אראבישע פילמען.

אויף דער הויפט גאס פון תל־אביב, דיזנגוף, זעט מען אלע מאל גרויסע מודעות אז אין דער „פאנאראמע" ווערט געוויזן: **מצרים, ירדן, סוריע און אנדערע, וואס דארף מען גיין זען אין פאנאראמע, מען קען דאך גלייך א טשעק געמען און איבערשיקן דאס געלט אונזערע שונאים,** נישט דורך דער פארמיטלונג פון דער „פאנאראמע".

עס קען נישט זיין קיין ענטפער אז מיר נעמען ניט די פילמען דירעקט פון אונזערע אראבישע שונאים, מיר ווייסן דאך אז דאס געלט פאלט אריין יא צו זיי.

דעריבער מוזן מיר זען, אז קיין איין אגורה זאל פון אונז ניט אריינפאלן אין זייערע קעשענעס, אפילו דורך אנדערע פירמעס.

„יידישע צייטונג", 22־טן אקטאבער 1965
„לעצטע נייעס", 9־טן נאוועמבער 1965

דאס פאלק רעאגירט

אפשר האבן מיר געהאט ווינציק פון די ערשטע פרשה, פון וואס מיר האבן געהאט אויסצושטיין חרפות, האט מען אונדז הארט פאר די וואלן צו דער 6־טער כנסת צוגעטראגן א פרישע פרשה „קיביה".

פון דער מעשה קיביה איז שוין אריבער 13 יאר, די גאנצע וועלט האט שוין דערפון פארגעסן.

די וועלט ברענגט אונדז מער וויכטיקערע געשעענישן און מכ־לומרשט קליינע מלחמהלעך מיט גרויסע בלוט־פארגיסונגען, וואס אקעגן דער ענין „קיביה" איז אן אפס.

האט אבער דער „הארץ" פון 19.12.65 צוגעטראגן דער ברייטער וועלט א מתנה מיט גרויסע בילדער פון דער מעשה „קיביה".

די גאנצע וועלט האט שוין פון לאנג פארגעסן, וואס די דאמאלסדיקע „פאדאאין" האבן אונדז פארשאפן, טאג איין טאג אויס זענען געווען קרבנות, און אפשר נאך גרויזאמערע ווי עס איז געווען אין „קיביה", דאס באשיסן אויטאבוסן, אריינווארפן באמבעס אין די שולן, זיי זענען שוין דערגאנגען ביז די טויערן פון תל־אביב.

מען מוז וויסן, אז דיווערסאנטן מוזן אויך האבן אן אונטער־באזע, זיי האבן דאך געמוזט האבן און האבן טאקע געהאט, ווו צו באהאלטן דאס געווער און דאס אויפרייס־מאטעריאל, ווו אריינצוקומען און פון ווו ארויסצוגיין אויסצופירן די מערדערלעכע ארבעט און דאס האבן זיי טאקע געהאט ביי די איינוווינער פון „קיביה".

ווי מען זעט איצט די מלחמה אין וויעטנאם, וואלטן די איינוווינער פון וויעטנאם נישט צוגעהאלפן די וויעט־קאנגער, וואלט די מלחמה דארט פון לאנג שוין געווען געענדיקט.

וואלט לכל־הפחות דער „הארץ" איצט געווען געדרוקט נעבן די בילדער אויך די בילדער פון די רציחות, וואס די „פאדאאין" האבן דאן אונדז אפגעטאן, וואלט די וועלט זיך עפעס דערמאנט, אז נישט אומזיסט איז דאס פארגעקומען, אבער דא ווייזט מען נאר די בילדער, וואס מיר האבן אפגעטאן די נעבעכדיקע אראבער פון „קיביה", מיר געבן זיי אליין מאטעריאל, אז זיי זאלן ווייזן דער וועלט, זעט אליין, וואס די ישראלים שרייבן.

און אפשר מיינט מען, אז עס איז געווען ניט בארעכטיקט, האט מען א טעות, מען מוז וויסן, אז ווען ניט די מעשה „קיביה", וואלטן ביז היינט די „פאדאאין" געזייט טויט אין ישראל, ווייל יעדער אראבער איז א פחדן, האט

מורא פאַר זיך און פאַר זיין משפּחה.

ווי מען זעט איצט מיטן „אַל־פאַטאַך״, ווען ניט דער שטאַרקער ענטפער פון ישראל, וואָלטן נאָך היינט די „פאַטאַך״־לייט גע־מאָרדעט.

ווען ניט די „סיני־אַקציע״, וואָלטן מיר היינט ניט געהאַט דעם פאָרט אין אילת.

וואָלט ניט געווען די אַקציע דיר־יאסין, וואָלטן מיר היינט געהאַט אין ישראל מער פון 2 מיליאָן אַראַבער און עס וואָלט געווען איצט דער זעלבער מצב ווי אין ראָדעזיע.

וואָס קען מען טאָן, דאָס אַראַ־בישע פאָלק איז שוין אַזוי, זיי פאַרשטייען ניט קיין רייד, זיי פאַרשטייען נאָר כוח און ווען עס רעדט כוח, קען מען זיך ניט רעכענען ווער און וואָס עס פאַלט.

„יידישע צייטונג״, 24־טן דעצעמבער 1965

איז טאַקע דאָס געשען?

(צום יום השואה והגבורה)

ערד, ווי האָסטו זיך נישט געשעמט?
איינצוזאַפּן אין זיך די טייכן בלוט,
דאָס בלוט האָט געדאַרפט שטראָמען
בלייבן פאַר דער וועלט ווי אַ קין־צייכן.

זון, ווי האָסטו זיך נישט געשעמט?
צו לייכטן פּונקט ווי נעכטן און אַמאָל,
פינצטער האָסטו געדאַרפט זיין
צוזעענדיק דעם הריגה־טאָל.

זון, ווי האָסטו זיך נישט געשעמט?
צו פאַרטריקענען דאָס בלוט פון די טויטע,
אַפּגעווישט האָסטו דעם שאַ:ד פון די מערדער
וואָס האָבן אומגעבראַכט אַ וועלט, אַ שיינע
אַ געבויטע.

לבנה, האָסט געדאַרפט איינשלאָפן ווי אין
סוף חודש
לכל־הפנים באַהאַלטן דיין שיין,
זאָלן די מערדער נישט באַנוצן דיין ליכט
צו מאָרדן יידן אין צרות און אין פּיין,
ים, ווי האָסטו זיך נישט געשעמט ?
מענטשן זענען פון דעם גיהנום אַנטרונען,
מיינענדיק אויף דיר זיך צו רעטן
ליידער, אין דיינע אָרעמס האָבן זיי דעם טויט
געפונען.
ים, שיפן מיט פליטים האָבן זיך אויף דיר
געוויגט
אַנטלויפנדיק פון דער רוצחישער האַנט,
נישט געווען פאַר זיי קיין פלאַץ אין דער וועלט
פאַרשלאָסן געווען פאַר זיי יעדער לאַנד.
הימל, ווי האָסטו זיך נישט געשעמט ?
ווען קולות פון קרבנות האָבן זיך צו דיר געטראָגן,
געוויינען האָבן הערצער געריסן
און דו האָסט די מערדער נישט דערשלאָגן.
איז דאָס טאַקע געשען ?
מ׳זאָל אַרויסרייסן דאָס קינד פון דער מוטערס
הענט,
צעשמעטערט דעם קינדס קעפעלע
און מיטן בלוט באַשפּריצט די ווענט ?
איז דאָס טאַקע געשען ?
אויסגעמאָרדעט קינד־און־קייט,
געוואָרפן זיי אין די גריבער
פאַרשאָטן זיי לעבעדיקערהייט.
מענטש, חיה, ווי האָסטו זיך נישט געשעמט ?
האָסט געמאָרדעט און ציניש געלאַכט,
האָסט אויסגעמאָרדעט מיליאָנען יידן
געטאָן דאָס, וואָס אַ חיה האָט נישט געטראַכט.
קען דאָס נאָך געשען ? ניין, בשום אופן ניין.
אַוועק אויף אייביק אַמאָליקע פינצטערע צייטן
צו להכעיס אונדזערע שונאים, מיר לעבן!
מיר זענען דאָ.

„יידישע צייטונג“, 2־טן מאַי 1970

אין ענטפער דעם ה׳ סוואַרזענסקי פון אַרגענטינאַ

אין דער „יידישער צייטונג" פון דעם 18/2.66, שרייבט איר וועגן „ווידערגוטמאַכונג" רופט אָן די פאַרברעכערישע אַדוואָקאַטן, אַ נאָמען, וואָס עס פּאַסט זיי בכלל ניט.

איר קומט מיט טענות, אַז מען מאָנט זייער גרויסע סומעס געלט פון דעם נעבעכדיקן דייטשישן פאָלק און מאַכט אַן אונטערשיד פון עפּעס אמתע מאָנער און ניט אמתע מאָנער.

איר שרייבט, אַז די יידן אין פּוילן האָבן ניט געהאַט אויף שבת, איר מאַכט פון אַלע יידן פון אַמאָ־ליקן פּוילן איין גרויסן קבצן, ניט קשה, עס איז נאָך געווען זייער רייכע יידן אין פּוילן, און איצט שרייבט איר, מאָנען זיי פּלוצים אַזעלכע גרויסע פּיצויים, וואָס שלמה המלך׳ס מאַיאָנטעק האָט עס ניט געקענט באַצאָלן.

לויטן מענטשלעכן און יורידישן פאַרשטאַנד, קומט יעדן, וואָס איז געווען אין פּוילן ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, פּיצויים, ניט קיין אונטערשיד צי זיי זיינען געווען אין אַ דייטשישן לאַגער אָדער אין אַ לאַגער פאַר־שיקט אין רוסלאַנד צו די ווייסע בערן.

אמת, ווי איר שרייבט, אַז יידן אין פּוילן האָבן ניט געהאַט אויף שבת, אָבער זיין היים האָט ער געהאַט, אַ דאַך איבער זיין קאָפּ האָט ער געהאַט? יעדער בעטלער האָט פאַרמאָגן זיין טאָרבע און דעם ווערט פון אַט דער טאָרבע, קען קיינער ניט אָפּשאַצן.

צי קען ווער אָפּשאַצן ווי טייער און ליב עס איז געווען ביי דעם ייד וואָס האָט ניט געהאַט אויף שבת ווי איר שרייבט, אָבער ער איז דאָך אַריינגעקומען אין זיין פאַר אים וואַרעמער היים און דאָס איז פאַר אים ווערט מיליאָנען.

צי ווייסט איר, אַז באַלד אין דעם ערשטן טאָג פון דער מלח־מה, האָבן די היטלער־מערדער געזייט טויט און פאַרניכטונג, פאַר ברענט אַט די וואַרעמע היים, פון דעם אָרעמען ייד אין פּוילן, אויס געשאָסן זיינע ליבע און נאָענטע פאַר זיינע אויגן.

און ווייטער, ער האָט געמוזט נעמען זיין וואַנדער־שטעקן, ניט צוליב פאַרגעניגן, נאָר בכדי צו ראַטעווען זיין גאַנץ פאַרמעגן, זיין לעבן, ווייל יעדער ייד איז געווען באַדראַט און הפקר.

אַנטלאָפן מיטן ציל צו ראַטע־ווען זייער לעבן, אַריין קיין רוס־לאַנד און דאָרט האָט מען זיי פאַר שיקט צו די ווייסע בערן. וויפיל

טויזנטער זייגען אומגעקומען פון דער שלעכטער דערנערונג פון דעם קליינעם שטיקל ברויט מיט מער גאָרניט, מיט אַ ביסל וואַסער פון דעם ברונעם, אָדער פון דעם אַריק.

פרעגט זיך אַ פראַגע, צי קומט אָט די הונדערטער טויזנטער פליטים ניט קיין פאַרגיטיקונג? צי זייגען זיי ניט געוואָרן פליכטלינגער צוליב דער מערדער־האַנט פון דער היטלער־מאַכט.

צי קומט זיי ניט קיין פיצויים פאַרן צונעמען ביי זיי דעם דאַך איבער זייער קאָפּ, און די בעסטע יאָרן אַרומגעוואַלגלט זיך פון איין לאַגער אין צווייטן, אויף הונגער, קעלט און נויט.

צי ווייסט איר, ווי די פוילישע יידן האָבן געליטן אין די סיבירער וועלדער, אין די טייגעס און טונדרעס, ווו מיליאָנען קאָמאַרעס, באַנקעס און פּענקעס זייגען זיי באַפאַלן און פון זיי דאָס בלוט געזויגן, אַרומגעגאַנגען געשוואָלענע, קוים די פיס געשלעפּט און פון די אָפענע אייטערדיקע ווונדן זייגען כסדר געגאַנגען און אין דער גאַנצער וועלט בתי־קברות'ן איבערגעלאָזט פון מענטשן פון הונגער און נויט אומגעקומען.

עס פרעגט זיך די פראַגע, ווען מען ווילט איר פאַרטיידיקן? דעם אמתן ביי אייך פיצויים מאַנער, אָדער ווילט איר באַשטעטיקן דעם דייטשישן מערדער־פאָלק, אַז עס איז דאָ, ניט אמתע מאַנער.

און ווער ווייסט, צי דער איצטיקער גוטער עקאָנאָמישער מצב פון דייטשלאַנד איז ניט פון די יידשע מאַיאָנטקעס (פאַרמעגן), ווייל די דייטשן האָבן דאָך אַלעס צוגערויבט פון יידישן פאָלק, אַפילו די גאָלדענע ציין פון די טויטע אַרויסגעשלעפּט, און אַלץ איבערגעשיקט קיין דייטשלאַנד, צי מיינט ווער, אַז דאָס איז אַריין אין דער ערד, האָט אַ טעות, דאָס איז אַריין אין זייערע הענט, און איצט איז עס די ירושה פון די בעסערע דייטשן.

יעדער סאָלדאַט האָט גערויבט ביי יידן אין פוילן, און וועלכער אָרעמער ייד האָט ניט געהאַט קיין צירונג, אַ קייט, אַ רינג, שבת־לייכטער מן־הסתם ירושה פון דורות, און דאָס האָבן די סאָלדאַטן איבערגעשיקט זייערע גרעטכנס, עלטערן צו זיך אַהיים.

ווען געדענקט ניט ווי אָרעם עס איז געווען די דייטשן באַלד נאָכן קריג, זיי האָבן נאָך מורא געהאַט אַרויסצונעמען די אַנגערויבטע זאַכן, און מיט דער צייט, זייגען זיי אַרויס פון דער מורא און האָבן אַלץ אַרויסגענומען, און אַז דאָס פאָלק איז רייך, בויט מען, שאַפט מען און אַזוי ווערט אויך רייך די מדינה.

עס איז ניט דאָ קיין ניט אמתע פיצויים מאַנער, יעדער ייד, וואָס האָט געמוזט ווערן אַ פליכטלינג, צוליב דער היטלער־שולד, האָט אַ רעכט צו פאָדערן פיצויים, עס קען ניט זיין ריכטיק דער געזעץ וואָס עס האָט געשאַפן די דייטשישע רעגירונג. אַז רעכט אויף פיצויים האָבן נאָר די, וועלכע זיי־

נען געוועזן אין די דייטשישע לאַ־
גערן, דעריבער הייסט עס דאָך
„ווידערגוטמאַכונג״, ד. ה. גוט־
מאַכן פאַר די צרות, וואָס זיי האָבן
פאַרשאַפן די יידן, וואָס האָבן
געמוזט ווערן פליכטלינגער.

„יידישע צייטונג״, 25־טן פעברואר 1966

א טראַנספּאָרט יידן אָנקומענדיק קיין אָשוויענטשים

אפענער בריוו צום קאנצלער ערהארדט

ד"ר לודוויג ערהארד, האָט זיך לעצטנס אויסגעדריקט, אַז: „דייטשלאַנד האָט שוין גענוג געצאָלט" און זאָל מען וויניקער קריטיקירן דייטשלאַנד.

ביים שליסן דעם שילומים־אָפּמאַך, איז מען בכלל ניט געגאַנגען אויף דעם ריכטיקן וועג, ווייל ניט אַזוי האָט מען געדאַרפן מאָנען, פאַר אומברענגען 6 מיליאָן יידן, עס האָט זיך ניט געקענט צוזאַמענקומען איך און דו און אַזוי איז עס געוואָרן דערליידיקט. אָבער אַ פאַקט איז, עס זיינען זיך דאָן צוזאַמענגעקומען 2 צדדים, 2 פאַרשטייער, די מדינת ישראל, דער צד פון די געמאָרדעטע, און איר „בעסערע", אַנדערע דייטשן, דער צד פון די מערדער.

מיט דעם אַליין האָט איר דאָך באַשטעטיקט, אַז אייערע דייטשן האָבן געמאָרדעט און ראַבירט דעם גאַנצן אייראָפּעאישן יידנטום און אויסגעמאָרדעט 6 מיליאָן און לויטן געזעץ, קומט דאָך יעדן דייטש וואָס האָט געמאָרדעט, טויט־שטראָף און איר, אַלס פאַרשטייער פון די מערדער, טראָגט די אחריות.

דען ניט סתם אַזוי, זענט איר געקומען און געצאָלט שילומים מיליאָנען?

עס פרעגט זיך, פאַרוואָס האָבן האָבן אַנדערע אייראָפּעאישע מדינות ווי: ענגלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד און אַנדערע ניט געצאָלט פּיצויים? ווייל זיי האָבן געקענט זאָגן ריין „ידינו לא שפכו את הדם הזה", זיי האָבן גענוג געטאָן בכדי צו ראַטעווען זייערע יידן.

אָבער אייערע הענט, זיינען נאָך דאָן געווען אויסגעשמירט מיטן פרישן יידישן בלוט. עס איז אייך נאָכגעגאַנגען דער ריח פון בלוט און דער ריח פון די פאַרברענטע יידן. איר האָט ניט געקענט עסן, ווייל דער „קול הדם זועק אליכם", איר האָט ניט געקענט רוען, געזוכט ווי אַזוי וואַשט מען זיך אָפּ די בלוטיקע הענט!

דאָ האָט איר, אַנדערע דייטשן געפונען אַנדערע יידן, ווייל מיט די אַמאָליקע יידן, וואָלט איר קיין בלוט־טראַנזאַקציעס ניט געקאָנט שליסן, זעט ביים גירוש־שפּאַניע, האָבן די אַמאָליקע יידן געמאַכט אַ חרם, און הונדערטער יאָרן האָבן יידן זייער ערד ניט באַטראָטן.

ה' דאָקטאָר, צי ווען איר האָט זיך אויסגעדריקט די ווערטער, אַז: „דייטשלאַנד האָט שוין גענוג געצאָלט", זיינען ניט געשטאַ

נען פאַר אײיערע אויגן די 6 מיל־יאָן יידישע קרבנות, וואָס אײיערע ברידער און איר, זײיערע פאַרטרעטער, האָבן אַזוי ברוטאַל אויסגעמאָרדעט.

צי זײינען ניט געשטאַנען פאַר אײיערע אויגן די זיסע יידישע קינדערלעך און מיט זײיערע ווײינענדיקע אײיגעלעך זיך געבעטן בײי די מערדער, אײידער מען האָט זיי מיט די קעפּלעך אין די ווענט געוואָרפן, אָדער אונטער די קלאַנגען פון מוזיק, זיי צום טויט געפירט, אָדער די זויגלינג קינדער אין די זעק געוואָרפן, אָדער ווי שמאַטעס אין די לאַסט מאַשינען געוואָרפן, אָדער לעבעדיקערהייט אין די גריבער פאַרשיט, זיי האָבן דאָך אַזוי געוואָלט לעבן און געהאַט די רעכט דערצו, פונקט ווי די, וואָס איר פאַרטײידיקט.

צי געדענקט איר ניט, אַז אַזוי ווי די דײיטשישע האָרדעס האָבן נאָך אײיראָפּע באַזעצט, זײינען כסדר, טאָג און נאַכט ספּעציעלע באַנען געגאַנגען און דעם גאַנצן רויב פון די יידן פון זײיער היים לאַנד קיין דײיטשלאַנד איבערגעפירט?

עס איז דאָך ניט קיין פראַגע, יעדן מערדער קומט טויט־שטראָף און ווער איז ניט געוועזן קיין מערדער פון דער דײיטשישער אַרמיי? אײין קלײיניקײיט, אומצובורענגען 6 מיליאָן יידן און וויפל מיליאָנען פון אַנדערע פעלקער?

און מיט וואָס האָט איר אָפּגעקויפט אײיערע זינדיקע נשמות? מיט אַ טאָפּ לינזען, מיט די נאַרישע שילומים? דאָס איז דאָך ניט קיין ברוך־טײיל, וואָס איר האָט צוגערויבט בײים יידישן פאָלק, דאָס דײיטשע פאָלק האָט זײינס ניט געצאָלט, דאָס איז דאָס געלט פון די יידישע קרבנות.

די דעמאָקראַטישע וועלט איז טאַקע קעגן טויט־שטראָף, מיטן מאָטיוו, „ווײיל עס איז ניט דאָ דער מענטש, וואָס האָט די רעכט צוצונעמען דאָס טײיערסטע בײים מענטשן, דאָס לעבן".

אָבער, אַז דער מערדער זאָל ווערן באַפרײיט פון יעדער שטראָף דאָס טרעפט ניט, אמת, די מערדער האָבן זיך אויסגעדרײיט פון טויט־שטראָף, דאַרפן דאָך לכל־הפחות זײין די טורמעס פול מיט די, וואָס איר פאַרטײידיקט.

דער גאַנצער ענין שלומים, וואָלט דאַן געדאַרפן אַדורכגעפירט ווערן דורכן האַגער אינטערנאַציאָנאַלן געריכט און וואָס זיי וואָלטן געוווען געפּסקנט, אַזוי וואָלט עס געוווען.

עס קען ניט געמאָלט זײין, אַז עס זאָל זײין אַ בעל־חוב, וואָס זאָל צאָלן זײינע חובות במשך פון יאָרן און ער זאָל ניט צאָלן קײין צינזן, יעדער שופט פּסקנט, אַז דער בעל־חוב מוז צאָלן זײין חוב אין ראַטעס (תשלומים) אָבער מיט אַ געוויסן פּראָצענט, און פּראָצענט פון אַזעלכע סומעס טרעפט אויך אָן מיליאָנען.

עס האָט זיך גאָרניט געענדערט, די זעלבע דײיטשן, דאָן האָבן זיי אָפּגענאַרט זײיערע יידי־

שע קרבנות, אַז מען פירט זיי אויף אַרבעט, אָדער אין באָד, מען האָט די קרבנות אַפילו אַ האַנט-טוך מיט זייף געגעבן און אַנשטאָט אויף אַרבעט, האָט מען זיי אין פאַרניכטונגס-לאַגער געשיקט און אַנשטאָט אין באָד, אין דער גאַז-קאַמער געשיקט.

היינט זייענען מיר ווייטער די אָפּגענאַרטע, ביים שליסן די באַציאונגען, האָבן זיי אַלץ צוגעזאָגט און היינט איז אַפילו ניט דאָ דער, וואָס האָט צוגעזאָגט.

העכער 20 יאָר נאָך דעם קריג, פירט מען משפטים קעגן קריגס-פאַרברעכער, צי האָט מען נאָך דער קריג ניט געוווסט פון אַט די מערדער?

מען האָט עס אָפּגעשלעפּט אַזוי פיל יאָרן, אַריין דער פאַרעלשערונגס-געזעץ, שוין אַרויס פון וועלטס-געוויסן און היינט באַקומען די מערדער אַזעלכע אורטיילן, וואָס זיינען פאַר דער גאַנצער וועלט אַ לעכערלעכקייט.

איצט ביי די ווירטשאַפטלעכע אונטערהאַנדלונגען, קענט איר ניט פאַרגלייכן דאָס פון אייערע אויסגעשחטענע יידישע פאָלק צו אַנדערע אַנטוויקלונגס-לענדער, ווי עס שרייבט די מערב-דייטשישע סאָציאַליסטישע פּרעסע: „ישראל איז ניט ענלעך צו אַנדערע פעלקער און זאָל מען ניט פאַרלעצן די געפילן פון תל-אביב און ניט שטעלן קיין שום פאַרבאַדינג", די צייטונג „גענעראַל אַנצייגער" שרייבט: „אַפילו דער גרעסטער ציניקער קען ניט אָפּלייקענען, אַז דאָס דייטשישע פאָלק האָט אַ געוויסן חוב כלפי די יידן".

עס איז ניטאָ „גענוג געצאָלט" וויפל זיי האָבן געצאָלט און וועלן נאָך צאָלן קען ניט פאַרגיטיקן דעם שאָדן, וואָס זיי האָבן פאַרשאַפן דעם יידישן פאָלק.

עס איז ניט דאָ „גענוג געצאָלט", ווען זיי זאָלן אַפילו צאָלן זייער גאַנץ לעבן, וועלן זיי ניט קענען באַצאָלן פאַר די 6 מיליאָן קרבנות.

איז עס ניט ציניש? ווען דאָס דייטשישע געריכט פאָדערט ביים מאַנען פאַר פאַרמעגנס, אַ באַשטעטיקונג פון די מערדער, אַז זיי האָבן דאָס געראַבעט. ווער האָט זיך דען איינגעשטעלט אַזעלכעס צו פאַרלאַנגען פון מער דער מיטן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער. מען קען זיין זיכער, אַז ווען ער וואָלט פאַרלאַנגט אַזעלכעס, וואָלט ער שוין היינט פאַר זיין פאַרמעגן ניט געקענט מאָנען.

„יידישע צייטונג", 11-טן מערץ 1966

וואס זאל איך ענטפערן מיין זון?

אין שבת'דיקן נומער „יידישע צייטונג" פון דעם 16.4.66, איז געווען געדרוקט שואה בילדער, מיט אן אונטערשריפט: „דייטשע מערדער פירן יידן צו פארניכטן", אָבער לײדער איז עס אַ טרויעריקער אמת, מען זעט דאָרט ניט קיין דייטשן, מען זעט דאָרט 2 קאַפּאָס, מיט די מגן־דודס אויף די הענט.

מיין זון ברענגט מיר צו דעם צייטונג און פרעגט מיך:

אבא, ווער פירט דאָ די יידן?

אבא, קוק גוט וועסטו זען!

איך, וועלנדיק אפווענדן מיין זונס בליק, זאָג איך אים, האָסט אַ טעות, זעסט דען ניט, דאָס זענען דייטשן.

מיין זון קוקט אויף מיר און אויפן צייטונג מיט דעם בילד, ער וויל זען צו איך באַהאַלט עפּעס ניט פון אים.

און פארוואס טראָגן זיי מגן־דודס אויף די הענט? פרעגט ער מיך.

זיי האָבן זיך אָנגעטאָן די מגן־דודס אויף די הענט בכדי זיי זאָלן חוזק מאַכן פון די יידן, האָב איך אים געענטפערט.

איך דריי זיך אויס אין אַ זייט, איך וויין זיך גוט אויס, אמת, מיין זון זאָל עס ניט באַמערקן, טראַכט איך ביי זיך, די וואָס פירן אונזערע ברודער, זענען טאַקע אויך יידן.

מען מוז זיין געהיטן מיט בילדער, מען מוז זיי גוט דורכקאָנטראָלירן, צי האָט דאָס בילד ניט עפּעס אַ שמץ פון פאַרדאַכט, ווייל ניט אלץ וואָס מען קען שרייבן, קען מען געבן אין בילדער.

אמת, די וועלט גיט אונז יעצט גענוג צו זען ווי אין תימן, וויעטנאַם, ווי איין ברודער מאָרדעט דעם צווייטן, אָבער דאָרט איז דאָך ווי איין טייל קעמפט קעגן צווייטן פאַר אַ געוויסער איינשטעלונג אין דער ארדענונג, כאָטש דאָרט אליין איז עס נאָר אויך אונטערן פּראָטעקטאראַט פון רוסלאַנד און אַמעריקע.

אָבער ביי דער פארניכטונג די יידן דורך די דייטשע רוצחים, איז סיי דער וואָס טרייבט זיי און סיי דער וואָס ווערט געטריבן, איז זייער איינציקע שולד נאָר געווען וואָס זיי זענען געווען „יידן".

מיר דאַרפן דאָך אליין ניט צוגעבן „שטיינערן" מאַטעריאַל, עס איז גענוג אַז דער פּראָבלעם גייט ניט אראָפּ פון טאָג אָרדענונג: „זיי זענען געגאַנגען ווי שעפּסן צו דער שחיטה", אָבער ווי זאָגט מען עס: „אל תדון חברך עד שתגיע למקומו", דאָס איז אַ פּראָבלעם וואָס דער מענטשלעכער שכל וועט עס קיינמאָל ניט קענען באַנעמען.

דעריבער זאָל מען ניט דאַרפן דערמאָנען: „חכמים הזהרו בדבריכם", ווייל נאָך ערגער איז ווען מען דאַרף דערמאָנען: „חכמים הזהרו במעשיכם".

„יידישע צייטונג", 6־טן מאַי 1966

בילגארייער יידן זענען זיך משמח

מיט ציטער אין הארצן און מיט טיפן געפיל פון פרייד, האבן די בילגארייער יידן ל״ג בעומר, תשכ״ו, אריבערגעטראגן אין „אהל יוסף״ פון תל־אביב. די 2־טע ספר תורה וואס דער ביל־גארייער קריסט, יאן מיקולסקי, איינער פון די געציילטע חסידי־העולם האט אפגעראטעוועט און זיי אפגעשיקט אהער.

יאן מיקולסקי האט אויסבא־האלטן אויך 5 בולגארער יידן. דאס איז א טהאט פון א קריסט, וואס מוז באגריסט ווערן און פארשריבן מוז עס זיין פאר דור דורות.

ספר תורות פון גהינום, ספר תורות און וועלכע אונזערע טייי־ערע קדושים האבן זייערע חתנים אויפגערופן, בר מצוה׳ת געפרא־וועט, פאר קראנקע ביים ארון־הקודש געבעטן פאר זייער גע־זונט, הייליק עס געהאלטן.

די יידן אויסגעהרגעט, די תו־רות פארברענט. יאן מיקאלסקי האט ניט געקאנט צוזען ווי אזעל־כע הייליקטימער ווערן געטראטן מיט די פיס. האט ער 2 אזעלכע געראטעוועט און נאך גרויסע מי און מאטערניש איז אים געלונגען די 2 ספרי־תורות איבערצושיקן קיין ישראל, ווייל נישט איינמאל האט ער געמוזט פארן קיין ווארשע, כדי מען זאל גוט איבער־מעסטן וויפיל מעטער תורה ער וויל ארויסשיקן פון פוילן קיין ישראל.

דער ארגון יוצאי בולגאריע אין ישראל האט זיך נישט גערע־כנט מיט די גרויסע אויסגאבן פון פאריכטן די 2 ספרי־תורה און האט צוזאמען מיט די לאנד־מאנשאפטן פון אמעריקע און ארגענטינע די 2 ספרי־תורה פאראכטן.

דאס ערשטע ספר האט מען געפירט אין דער גרויסער שול „היכל מאיר״ און איצט דאס צווייטע ספר האט מען געפירט אין דער שול „אוהל יוסף״ ביידע אין תל־אביב.

די שמחה וואס האט זיך גע־פילט ביי די בילגורייער יידן ביים פירן די ספרים איז ממש ניט צום באשרייבן.

אין דער צייט ווען טויזנטער ספרי־תורות זענען דורך די דייי־טשע הארצעס ימח־שמם גע־שענדעט געווארן, האבן די ספ־רי־תורות געהאט די זכיה גע־שיקט צו ווערן קיין ישראל און דא זייער תיקון באקומען. פא־ראכטן געווארן, געפירט מיט גרויס פראכט אין די שולן, ווי מען וועט אין זיי ווייטער לייע־נען און שמחה׳ס פראוון ווי אמאל אין דער אלטער היים.

דער צוג מיט דער באטיילי־

קונג פון אונזערע חשובע געסט ווי: ה' פרידמאַן און פרוי, בער־גער טבל און פרוי, גרויסמאַן אליה און פרוי, גליקליך יוסף און פרוי אַלע פון אַמעריקע, יוסל קופּיעץ מיט זיין פרוי פון אַר־גענטינא — איז ארויס פון א. קרוננברג וווינונג, רחוב המליץ, דורך די גאַסן: באַגראַשאָוו, מלך ג'ורג' און דיזנגוף — האָט די טאַנצענדיקע און זינגענדיקע שמחה פון עטלעכע הונדערט מענטשן איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען, און אויך כמעט אַלע מענטשן וועלכע זענען גע־ווען אין גאַס, האָבן זיך אין דער שמחה אַנגעשלאָסן.

די אָרדענונג איז געווען אַ מוס־טערהאַפטע. דער דאָזיקער ל"ג בעומר תשכ"ו, האָט זיך גוט איינגעקריצט אין דעם זכרון פון די לעבן געבליבענע בילגורייער יידן אין ישראל.

„לעצטע נייעס", 12־טן מאי, „יידישע צייטונג" 13־טן מאי 1966

מיקולסקי מיט די ספרים, גייענדיק זיי שיקן קיין ישראל

נאכן שטרייק אין חיפער פּאָרט

(אַן ענטפער דעם פּאָרט־אַרבעטער ה׳ שולמאַן)

דער שטרייק אין חיפער פּאָרט איז געענדיקט און איצט קאָן מען מאַכן אַ סך הכל פון אַלעמען.

מען מוז וויסן, אַז לע שטרייקן וואָס זיינען געווען ביז איצט און וועלכע וועלן זיין להבא, וועלן האָבן די זעלבע באַרעכטיקונג, און מיר מוזן קומען צו די זעלבע רעזולטאַטן.

ה׳שולמאַן שרייבט, אַז נאָר 10 פּראָצענט פון די פּאָרט־אַרבעטער פאַרדינען איבער 600 פונט אַ חודש, דאָס הייסט, פון 600 ל״י אַ חודש אַפילו ביז 1.500 ל״י און מער, איר שרייבט, אַז די אַנלאַדענער, אָבער עס איז זיכער, אַז אַלע מעכאַניקער, טעכניקער, די, וואָס אַרבעטן ביי פאַרשידענע הויב־קראַנען, שאָפערן און מנהלים, זיי זיינען זיכער פון אָט די 10 פּראָצענט.

פרעגט זיך: ווער זיינען די 90 פּראָצענט אַרבעטער וואָס ביי אייך פאַרדינען זיי ווייניק, נאָר ביז 600 ל״י ? לויטן פאַרשטאַנד, זיינען עס דאָך די, וואָס אַרבעטן ביי די האַנט־וועגעלעך, קערער, שומרים, ווייל אַלע וועלכע האָבן נאָר עפּעס אַ ספּעציאַליטעט, זיינען דאָך פון די בעסערע, פון די ביי אייך 10 פּראָצענט.

פרעגט זיך אַ פראַגע, אַ פּאָרט וואָס איז שוין אַ ביסל פון די מאָדערנע פּאָרטן, זאָל באַשעפטיקן 10 פּראָצענט פאַכלייט, ספּעציאַליסטן און 90 פּראָצענט פּשוטע אַרבעטער, דאָס הייסט פּשוט, 90 פּראָצענט אַרבעטער דרייען זיך אַרום 10 פּראָצענט פאַכלייט, דאָס איז אַ זאַך, וואָס עס טרעפט אין קיין שום לאַנד ניט.

מען דערציילט, ווען רוסלאַנד איז אַריין קיין פוילן און פאַרנומען די דאָרטיקע געביטן, האָבן זיי כסדר געהאַלטן דרשות, וואָס פאַר אַ טובות זיי האָבן געטאָן, זיי האָבן באַפרייט די אַרבעטער, פון די „פּאַנעס״ (בורזשועס), האָט זיך איינער אָפּגערופן, אמת, 100 אַרבעטער קאָנען נאָך אויסהאַלטן איין „פּאַן״ (מנהל), אָבער 1 אַרבעטער קען ניט אויסהאַלטן 100 „פּאַנעס״) (מנהלים).

פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן שטרייק איז די רעגירונג און זי טראָגט די אחריות, ווייל מען האָט פאַר קיין שום פאַל ניט געטאָרט שליסן די פּאָרטן אין תל־אביב און אין יפו, ווייל מיט דעם האָט מען זיי געגעבן די כל־זין, מיט וועלכע זיי שיסן איצט אויף אונז. מיר האָבן נאָך מזל, וואָס דער שטרייק איז אַרויס נאָכן עקספּאָרטירן די מאַראַנצן, און דעם נחת, וואָס מיר האָבן פון חיפה און

אשדוד, זעט מען דאַך, מען שטרייקט מער ווי מען אַרבעט.

די רעגירונג האָט געדראָט מיטן שליסן דעם פּאָרט אין חיפה, דאָס מאַכט מען דאָך פון זיך אַליין חוזק, וואָס האָט מען געטראַכט צו טאָן? צוריקשיקן די שיפן, וואָס האָבן געוואַרט אַ סך וואָכן אויף דער אויסלאָדונג?

דער ענטפער האָט געדאַרפט זיין, עפענען די פּאָרטן אין תל-אביב און אין יפו, אמת, די שיפן קענען דאָרט ניט צוקומען צום ברעג, מען מוז נעמען מיט קליינע שיפלעך. עס קאָסט טייער. אָבער דאָס קאָסט דאָך ניט טייערער ווי מיר באַצאָלן פאַרן אויפהאַלטן 20 שיפן אין חיפה, דאָס איז דאָך אַ פראַגע פון מיליאָנען צו באַצאָלן.

עס דערמאָנט זיך די מעשה מיטן חדר-ייִנגל, וואָס אַ הינטל האָט אים צוגעכאַפּט זיין עסן, האָט ער אים געוואָרפן זיין סידורל און זיך אָפּגערופן, גיי דו אין חדר.

די פּאָרט-אַרבעטער טענהן, זיי פאַרלאַנגזאַמען ניט די אַרבעט, זיי ווילן נאָר ניט אַרבעטן קיין איבערשעהן און אָט טאַקע ביי אָט דעם פרינציפּ, דאַרף די רעגירונג זיך האַלטן. עס איז ניטאָ קיין איבערשעהן. מיר האָבן היינט צו טאָג גענוג אַרבעטסלאָזע, נאָכן אָפּאַרבעטן זייערע 8 שעה, זאָלן נעמען אַרבעטן פרישע, עס וועט זיין גוט פאַר ביידע, די פּאָרט-אַרבעטער, וועלן ניט אַרבעטן איבער זייערע כוחות און אַרבעטסלאָזע אַרבעטער, וועלן האָבן באַשעפטיקונג, און פאַרדינען ביז 600 ל״י, וואָס גאַנץ גענוג מלוכה באַאַמטע האָבן עס ניט.

זיי מאַכן זיך פאַר לעמעלעך, זיי פאַרלאַנגען ניט קיין הוספות, זיי פאַרלאַנגען נאָר צו ענדערן די קאַטעגאָריזאַציע (וותק) און ענדערן דאָס הייסט ניט קיין תוספת? פון דעם וועט די מלוכה דאַרפן צאָלן טויזנטער לירות אַ חודש און ווי מען וועט נאָר אַדרכ קומען מיט די פּאָרט-אַרבעטער, וועט באַלד צומאָרגנס זיין אַ צווייטער שטרייק.

דער ענטפער דאַרף זיין, עפענען צוריק די פּאָרטן אין תל-אביב און אין יפו, און כאָטש די שיפן קענען ניט צוקומען צום ברעג, דאָך וועט עס אונז קאָסטן פיל ביליגער ווי צו ענדערן דעם וותק.

„ייִדישע צייטונג״, 1־טן יולי 1966

צו די מהנדסים פון עיריית תל־אביב

אפשר האָבן מיר נאָך געהאַט ווינציק איין קרבן פון דער שריפה אין „צים״־בנין ?

נאָך דעם, ווי עס איז געוואָרן באַשטעטיקט, אַז דער בנין פון „צים״ איז מסוכן, האָט זיך באַוויזן אַ שילד בנין מסוכן און איז אַרומגעצוימט געוואָרן מיט אַ גדר.

מען מוז אָבער וויסן, אַז מבנה מסוכן, מיינט ניט, אַז מען טאָר נאָר ניט ווינען אין אים, נאָר דאָס מיינט אויך, אַז דעם בנין דראָט איינצופאַלן, אַ סימן אַז דער גאַנצער בנין, יעדער שטאָק איז געוואָרן אונטערגעשטעלט מיט אייזערנע סלופעס.

לעצטנס האָט זיך שוין באַוויזן אַ פרישער שילד „קבלנים לעבודת בנין והריסה״, דאָס הייסט, די חברה וואָס דאַרף שוין צענעמען דעם בנין.

פרעגט זיך אַ פראַגע, קען דער גדר, וואָס איז אַרום דעם 6־שטאָקיקן אָפּגעברענטן בנין פאַר היטן פאַר קרבנות, ווען ער פאַלט חלילה אַליין איין ? זיכער ניט, ווייל ער קען ביי יעדער טרייסל, איינפאַלן, ווי אַ קאָרטן הייזל און וויפל קרבנות אַזאַ אומגליק קען חלילה ברענגען, קען קיינער ניט פאָראויסזען.

דאַרף אפשר דער אויסגעברענטער בנין זיין אַ שיינהייטס דעקאָראַציע אין צענטער פון תל־אביב, איז עס אַ טעות.

טראַכט אפשר ווער, אַז די רעגנס, וועלכע דאַרפן קומען, וועלן העלפן צענעמען דעם אָפּגעברענטן בנין, טאָר מען עס פאַר קיין שום פאַל ניט דערלאָזן.

דער בנין מוז באַלד צענומען ווערן און וואָס פריער ער וועט צענומען ווערן, וועט זיין געזונטער.

„יידישע צייטונג״, 5־טן יולי 1966

וואס איז ווייטער?

זאָל זיין, אַז די פּאָליטיק פון דעם ווירטשאַפטס־פּלאַן, גייט אין בעסטן אָרדענונג, עס זיינען שוין אָפּגעזאָגט געוואָרן טויזנטער ניט נויטיקע אַרבעטער, די מחנה אַר־בעטסלאָזע פּראָגרעסירט זיך פון טאָג צו טאָג, לויט דער פּרעסע, ווי: „אילין" „אילת"־פּאַרט און אין אַנדערע רעגירונגס־אַנשטאַל־טן.

אמת, זיי זיינען טאַקע ניט נויי־טיק צו דער אַרבעט. ווי זיי האָבן געאַרבעט ביז איצט. צופּיל באַ־אַמטע, אָבער פון וואָס צו לעבן דאַרפן זיי דאָך האָבן, דאָס זיינען דאָך מענטשן מיט משפחות, און מען דאַרף דאָך טראַכטן וועגן זיי צו באַשעפטיקן. עס איז דאָך ניט קיין קונץ צו זאָגן מענטשן: גע־נוג, עס איז ניט דאָ קיין אַר־בעט.

קיין פּערספּעקטיוון צו שאַפן פרישע אונטערנעמונגען זעען זיך ניט, עס שליסן זיך אַלטע, די סיבה: גרויסע שטייערן און אַלע מאָל „איינזאַפּן די יקרות־הוספות" אין דער צייט, ווען אַלץ שטייגט און וויפל איז דער שיעור איינצו־זאַפּן?

עס איז פּונקט ווי די מעשה פון שלום־עליכם מיט דער „קלאַטשע" אַרויפגעלייגט אַלץ מער און מע־ אויף איר, און צוליב דער בידנער טאַרבע פון דעם אָרעמאַן איז די קלאַטשע געפאַלן, און טאַקע פאַר־דעם שליסן זיך כסדר אונטערנע־מונגען.

עס איז קאָמיש, אין דער צייט ווען עס ווערט געפירט אַן אַקציע אָפּצוזאָגן די ניט נויטיקע אַרבע־טער, וועלכע בלייבן אָן ברויט, קומט פאַר שטרייקן צי העכערן דעם געהאַלט, עס איז אַ פראַגע, ווי לאַנג וועט מען קענען שלעפּן אַ וואָגן וואָס איז איינגעשפּאַנט אין פערד פון ביידע זייטן, וואָס איי־נער שלעפּט אין דער זייט און דער צווייטער שלעפּט אין דער צווייטער זייט?

עס מוז געשאַפן ווערן אַ דראַס־טישע ליניע, וואָס זאָל כאָטש פאַר זאָרגן איין מענטש פון אַ משפחה מיט סטאַבילע אַרבעט, ווייל אויב ניט, ווער ווייסט, צו וואָס דאָס קען דערפירן.

און בכדי דאָס צו פאַרזיכערן, מוז מען גיין, לויט מיין מיינונג, מיט אָט דער ליניע:

1) אויף אַ פלאַץ, ווי עס איז אָפּגעזאָגט געוואָרן אַרבעטער צו־ליבן איבערפלוס, טאָרן די אי־בערגעבליבענע אַרבעטער ניט אר בעטן קיין איבערשעהן, עס קען ניט געמאָלט זיין, אַז איינער, אַ־פילו ער איז איבעריק, וואָס ווערט אָפּגעזאָגט, און אַ צווייטער, וואָס בלייבט אַרבעטן זאָל נאָך אַר־בעטן איבערשעהן און פאַרדינען ביז 1.000 ל"י אַ חודש, אויף די

איבערשעהן קענען אַרבעטן די אָפּגעזאָגטע.

2) עס טאָרן ניט אַרבעטן צו עטלעכע מענטשן פון איין משפחה, אין דער צייט ווען אַ צווייטע משפחה הונגערט זאָל איין משפחה האָבן ביז 2.000 ל״י אַ חודש.

3) ייִנגע פּאָר־פּעלקער, וועלכע גייען אַריין נאָך דער חתונה אין אַ נייער דירה, געקויפט און אויסגעצאָלט פון די עלטערן, אַפילו מיט אַ מקרר און פאַרשײדענע לוקסוס־זאַכן, זאָלן ביידע אַרבעטן, בכדי דאָס קאַנטאַ ־ ביכל זאָל כסדר וואַקסן פון חודש צו חודש און די צווייטע משפחה האָט ניט אויף קיין ברויט.

קען זיין, אַז עס זעט אויס אַ ביסל ניט דעמאָקראַטיש, און אַז איין משפחה אָדער אַ ייִנג פּאָר־פּאָלק האָט פון 1.000 ביז 2.000 ל״י אַ חודש און אַ צווייטע משפחה זאָל הונגערן, איז דאָס דען יאָ דעמאָקראַטיש?

אין פּוילן, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען עס איז געווען אַרבעטסלאָזע, האָט מען אויך באַגרענעצט די צאָל אַרבעטנדיקע פון איין משפחה.

און ווי אַזוי דאָס איינצופירן, האָט די רעגירונג געבוג מיטלען און וואָס פריער דאָס וועט געטאָן ווערן, אַלץ געזינטער וועט עס זיין פאַר אונזער ווירטשאַפט.

„ייִדישע צייטונג", 2־טן סעפּטעמבער 1966

גענוג געשפּיגען אונז אין פּנים

דער קולטור־אָפּמאַך מיט רוס־לאַנד, איז דאָך נאָר אַ מכשיר, וועלכער ווערט אויסגענוצט פון איין צד, נאָר פון רוסלאַנד.

נאָר איצט, דאָס איבערייסן דעם הסכם מיט דעם סימפאָנישן אָרקעסטער, דאָ איז שוין „די אַל אַרויס פון זאַק" און מען טאָר זיך פאַר קיין שום פאַל ניט לאָזן שפּייען אין פּנים, ווייל דער כבוד און רעספּעקט פאַר אַ מלוכה, איז די זעלבע, עס איז ניט קיין אונ־טערשיד, צי זי איז אַ גרויסע ווי רוסלאַנד, אָדער קליינע, ווי יש־ראל.

אפשר קען ווער פאַרשטיין דעם קולטור־הסכם צווישן ישראל און רוסלאַנד? עס פרעגט זיך, וויפל ישראל צייטונגען, עברית אָדער יידיש, אָדער ביכער, ווערן גע־שיקט קיין רוסלאַנד? אָבער דעם „אָגאָניאָק" און אַנדערע צייטונגען און ביכער פון רוסלאַנד איז פול אונזער ישראל מאַרק און דער עולם כאַפּט זיי.

אפשר ווייסט ווער, וואָס פאַר אַ קולטור עס ברענגט אונז אַ־ריין דער מאָסקווער צירק? אוי־סער וואָס דער עולם לויפט פאַר־שמייעט און קויפן בילעטן פאַר געזאַלצענע פרייזן און זיי ווען אַזוי אויספּאָמפּען די לעצטע פונטן ביים עולם, עס איז דאָך פאַר אונ־זערע סנאָבן ניט שיין, עס זאָל זיין דער מאָסקווער צירק און ניט צוטראָגן עטלעכע פונט, און דאָס נוצן זיי טאַקע אויס, זיי מאַכן גרויסע סומעס געלט און דאָס וועלן זיי מן הסתם אַרויספירן אין האַרטער וואַלוטע.

איז טאַקע איצט, נאָכן איבער־רייסן דעם הסכם מיטן סימפאָ־נישן אָרקעסטער, וואָלט ניט גע־ווען אומרעכט, אַז זיי זאָלן איינ־פּאַקן זייערע וויעשטשעס און גע־מען וועג.

זאָלן מיר ניט זיין פויפּסטלע־כער פונעם פויפּסט, ווייל ווען עס וואָלט ביי זיי געווען גערעכטיקייט און יושר, וואָלט סטאַלין ניט גע־מאַכט זיין אָפּמאַך מיט היטלער דייטשלאַנד, בכדי צו פאַרטרינקען אַ גאַנצע וועלט אין בלוט.

עס שטייט נאָך פאַר די אויגן די קאַריקאַטור, וואָס רוסלאַנד האָט אַרויסגעגבן נאָך דעם, ווי דייטשלאַנד איז אים באַפאַלן, ווי סטאַלין האַלט דעם אָפּמאַך און היטלער, ווי אַ ווילדער טיגער צערייסט דעם אָפּמאַך, און נאָך געציילטע טעג, ווען דאָס היטלער מיליטער איז געווען ביי מאָס־קווע, האָט ער געמאַכט דעם אָפּ־מאַך מיט אַמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרייך און האָט געהאַט די חוצפה און תרעומות הלמאי זיי עפענען ניט דעם צווייטן פראָנט.

וואָלטן זיי געהאַט בושה, וואָלט כרושטשאָוו ניט געקלאַפּט מיטן שוך אין אונא.

וואָלטן זיי געהאַט בושה, וואָלטן זיי זיך ניט באַנוצט מיטן וועטאָ־רעכט, כסדר לטובת די אַראַבער, ווי איצט דער פאַל ביים כנרת, ווען די גאַנצע וועלט און בתוכם די אונאָ, האָט ענערקענט, אַז סיריע איז שולדיק, דאָך האָט זיך רוסלאַנד באַנוצט מיטן וועטאָ־רעכט.

עס איז שוין צייט אַראָפּצונעמען דעם וועטאָ־רעכט, ווייל דאָס איז דאָך בכלל ניט קיין דעמאָקראַטישער מכשיר, ווייל ווען העכער 100 מדינות פאַרשטייען אַנדערש קומט איין מאַן און לייגט אַ וועטאָ און רעדט מיר צום דאַשעק, עס בלייבט ביים אַלטן.

עס האָט זיך אין רוסלאַנד גאָרניט געענדערט, אין צאַרישן רוסלאַנד האָט מען יעדן ערב־פּסח אינסצעניזירט פּאָגראָמען, „יידן דאַרפן בלוט אויף מצות״, אַזוי פלעגן דאָרט פאָרקומען יאָר איין יאָר אויס פּאָגראָמען.

היינט יעדן ערב ראש־השנה, אינסצעניזירט מען פאַרשידענע מעשיות אויפן ישראל קאָנסולאַט מיטגלידער, זיי פירן פּראָפּאַגאַנדע קעגן רוסלאַנד, אָבער דאָס איז דער מיטל אָפּצושרעקן די דאָרטיקע יידן.

דער זעלבער „הורא נאַ זשידא״, פונקט ווי אַמאָל, עס האָט זיך גאָרניט געענדערט, אַמאָל פּאָגראָמען, היינט אַרויסגעשיקט און זייַנע יידן־בירגער זיינען אין כסדרדיקע מורא.

און בכלל, וואָס ברענגט אונז דער קולטור־אָפּמאַך? אמת, פון באַזוך פון אונזער זינגערין גאולה גיל, האָבן די דאָרטיקע יידן געהאַט זייער הנאה, עס איז אָבער אַ פראַגע, צי לוינט זיך וואָס מיר שיקן זיי הנאה האָבן און שפּעטער באַצאָלן זיי זייער אַ טייערן פרייז, ווי מען הערט די משפּטים אין ווילנע, און וויפל משפּטים עס קומען פאָר און וויפל עס וועלן פאָרקומען, ווייסט מען דערווייל ניט און מען וועט ניט וויסן.

עס קומט אויס קאָמיש, דער פאָרשטייער פונעם סימפאָנישן אָרקעסטער, זאָגט, ער ווייסט נאָך גאָרניט, דער אָפּמאַך איז פעסט געריכטלעך, אָבער היינט ווייסט ער שוין אָפיציעל.

„יידישע צייטונג״, 14־טן אָקטאָבער 1966

25 יאָר נאָכן חורבן בילגאָריי

שוין אדורך 25 יאָר פונעם גרויסן אומגליק, ווען דאָס היטלער פאָלק האָט מיט אַ מערדערלעכער רציחה אומגעבראַכט אַ דריטל פונעם יידישן פאָלק און אויך די בילגורייער יידן צווישן זיי.

טײַערע יידן האט בילגוריי



חדר „יבנה" אין בילגוריי

פאַרמאָגט, פונעם רייכן ביזן אָרעמאַן, פונעם סוחר ביזן אַרבעטער, פונעם חסיד ביזן פרייען, אַלע זיינען זיי געווען האַרציקע יידן, מיטגעפרייט זיך מיט יענעמס שמחה, מיטגעוויינט מיט יענעמס צרות, כסדר געווען גרייט צו טאָן יענעם טובות.

עס שטייט פאַר די אויגן די אָנגעפראַפטע בתי־מדרשים יעדן פאַרנאַכט ביי מנחה ומעריב, אַוועקגעוואָרפן די טעגלעכע דאַגות און פאַרטיפט זיך אין אַ ספר, אָדער מיטגעלערנט אַ פרק משניות מיטן עולם.

פאַרטאָג ווען עס האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן, זיינען שוין יידן מיט זייערע הדרת־פנימדיקע בערד, געגאַנגען מיטן טלית ותפילין צום ערשטן מנין דאַווענען בכדי זיי זאָלן זיך קענען נעמען וואָס פריער צו דער אַרבעט, ווער אַלס בעל־מלאכה„ ווער צום מס־

חר און ווער אַלס דאָרפס־גייער.

עס שטייט פאַר די אויגן דער שול־הויף מיט דער פּרעכטיקער שול און דאָס שיינע פּרישע אויפגעבויטע חדר, פון וואַנען עס האָט כסדר געקלונגען דער זיסער קול פון די תינוקות של בית־רבן.

אין קליינעם בית־המדרש׳ל, האָבן געדאַוונט אַלע בעלי־מלאכות פון שטאָט, שוסטער, שניידער, שמידן, סטאָלער, מאָלער, זיפּער און אנדערע, פרייטיק צו נאַכטס נאָכן עסן איז דאָרט געווען פול, אַלע זיינען געקומען לערנען די פּרשת השבוע ביי הערשעלע מלמד, ער איז געווען זייער אַ גוטער מסביר.

ווער געדענקט ניט אַ יידישע חתונה, ווען מען פלעגט פירן איבער דער גאַנצער שטאָט מיט מוזיק חתן־כלה צו דער חופּה ביי דער גרויסער שול, ווער האָט מורא געהאַט, אַ שטאָט מיט העכער 70 פּראָצענט יידן, ווער האָט געטראַכט אַז עס וועט קומען אַזאַ מטורף׳דיקער היטלער און וועט אַזוי גרויזאַם אַלץ פאַרניכטן.

עס שטייען פאַר די אויגן די פאַרפייניקטע יידן, וואָס זיינען געכאַפּט געוואָרן דורך זייערע שכנים און פאַר אַ קילאָ צוקער זיי אויסגעליפערט צו די דייטשע רוצחים.

ווער געדענקט דען ניט די פּאָלן, ווען די פּויערים פלעגן אַריינגעמען זייערע יידישע שכנים, בכדי זיי צו ראַטעווען, אָבער נאָכן צונעמען ביי זיי אַלץ, פלעגן די פּויערים זיי מיט העק דערהרגענען.

עס שטייט פאַר די אויגן, ווען אַ קליין קינד וואָס איז געבליבן אַליין נאָכן אומברענגען זיינע עלטערן, איז געלאָפן פון איין שטוב צו דער צווייטער, בעטנדיק מען זאָל אים אַריינגעמען, אָבער אַלע טירן זיינען געווען געשלאָסן, ביז אַ מערדערלעכע קויל האָט עס אומגעבראַכט.

ווער האָט ניט געזען ווען די דייטשע באַרבאַרן, פלעגן וואַרפן קליינע קינדער אין די מויערן, אָדער עס געוואָרפן אין דער לופטן און אַזוי עס דערשאָסן.

איצט, 25 יאָר נאָך דעם גרויסן אומגליק, ווען מען הערט זיך צו צו די משפּטים, וועלכע קומען פאָר אויף די מערדער און זייערע צינישע ענטפערס און צום סוף די נישטיקע אורטיילן, וואַרפט עס אַן אַ פּחד, וועלכע באַדראָט ווייטער די מענטשהייט פון דער גאַנצער וועלט.

עס איז נאָר קוים אָוועק 25 יאָר פון דעם אומגליק, טענהן שוין די דייטשן אַז זיי האָבן שוין גענוג באַצאָלט די יידן, מען מוז וויסן, אַז זיי האָבן אפילו קיין ברוך־טייל ניט באַצאָלט פאַר די פאַרמעגנס וואָס דאָס דייטשע פאָלק האָט צוראַבירט ביים יידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט.

און פאַרן אומברענגען 6 מיליאָן יידן, זיינען זיי מיט זייער גאַנץ לעבן ניט אומשטאַנד צו באַצאָלן, ווייל עס איז ניט דאָ קיין פּרייז צו באַצאָלן פאַר אַ מענטשלעך לעבן.

עס איז אַוועק ניט מער ווי 25 יאָר און יידן וווינען שוין צוריק אויף דער פאַרשאַלטענער דייטשער ערד, אין דער צייט ווען הונדערטער יאָרן נאָכן גרוש־שפּאַניע האָט קיין יידישער פוס ניט באַטראָטן די ערד פון שפּאַניע, ווייל זיי האָבן געהאַט „אמונה", געגלויבט און פאַרשטאַנען אַז דורות נאָך זיי זאָלן עס וויסן, כאָטש דאַן איז ניט געווען קיין טאָטאַלער פאַרניכטונג, ווייל וואָלטן דאַן די יידן געביטן זייער גלויבן, וואָלטן זיי געקאָנט בלייבן לעבן.

אָבער ביי היטלערן האָט מען אויסגעזוכט קינדער וואָס זייער עלטער־זיידע איז געווען א ייד און נאָר פאַר זיין אַן אָפּשטאַמיקער פון יידן, האָט מען זיי אומגעבראַכט.

דאָס ווייזט, אַז מען האָט אַוועקגעוואָרפן דעם גלויבן, האָט מען אויך מיטגעוואָרפן די מענטשהייט, דאָס גלויבן אין המשך־דיקייט און עס איז ביי אים געבליבן נאָר דער „איך".

מען מוז זען, אַז דער אָנטייל פון די אזכרות זאָלן ניט פאַרקלענערט ווערן, אַז דער צוקונפטיקער דור זאָל וויסן אַז די זין פון היטלער פאָלק האָט אומגעבראַכט אַ דריטל פון יידישן פאָלק.

איצט, אין דער 25־טער יאָרצייט, ווען מיר זיינען זיך מתיחד אויף דער אזכרה מיט זייערע פאַרפייניקטע נשמות, איז דאָס דער גרעסטער כבוד וואָס מיר גיבן אָפּ אונדזערע טייערע קדושים.

זאָלן מיר הערן דעם לעצטן געשריי זייערן פאַרן אומקומען אין די גאַז־קאַמערן אָדער דורך אַנדערע טויטן:

„זכור אשר עשה לך עמלק"!

„יידישע צייטונג", 4־טן נאוועמבער 1966

צו די אויפזעער פון מגן־דוד אדום אין תל־אביב

מיינער אַ באַקאַנטער איז דעם 18.10.66, 7 אַזייגער אָוונט גע־פאָרן מיט אַ ראָווער אויף אלנ־בי גאַס, פאַר רחוב ברענער איז געשטאַנען אַן אמבולאַנס פון מגן דוד אדום מספר 52310 און זיין נהג איז געווען דער ה׳ אוזאַן יצחק, אָבער פלוצים, ניט געבנ־דיק קיין שום סימן, האָט דער נהג געעפנט די טיר פון אַמבו־לאַנס גלייך ארויף אויפן פאָרענ־דיקן מיטן ראָווער און מיטן גאַנ־צן אימפעט אים אַריינגעוואָרפן אין דער גרויסער באַוועגונג פון אלנבי גאַס .

עס איז ממש געווען אַ נס, וואָס ער איז ניט איבערגעפאָרן געוואָרן פון דער שטאַרקער באַ־וועגונג, אָדער סתם פון דעם שטאַרקן קלאַפּ ניט דערהרגעט געוואָרן.

פאַרשטענדלעך אַז אן עולם האָט זיך פאַרהאַלטן, אָבער דער נהג האָט געזאָגט, אַז מיין באַ־קאַנטער איז געפאָרן צו נאָענט צום אַמבולאַנס און ניט ער איז געווען שולדיק און איז אַוועק, ניט פרעגנדיק אפילו צי מען דאַרף דעם באַשעדיקטן איבער־פירן אין מגן דוד אדום. נאָכן באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ אין פוס איז מיין באַקאַנטער צוגע־גאַנגען צום מגן דוד אדום, ער איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן דורך דעם דיזשורירנדיקן דאָק־טאָר, אויסהערנדיק אַז ער איז באַשעדיקט געוואָרן דורך אַן אַמ־בולאַנס פון מד״א, האָט באַטראַ־כט דעם פוס, ניט געפונענדיק אַ־פילו פאַר נויטיק צו לייגן עפּעס, כאָטש מיין באַקאַנטער האָט זיך באַקלאָגט אויף שטאַרקע ווײ־טיקן, גיי אהיים און לייג דיר צו קאַלטע קאָמפּרעסן, האָט אים געראָטן דער דאָקטאָר.

ווען מיין באַקאַנטער האָט גע־בעטן דעם נאָמען פון נהג, האָט מען אים איבערגעשיקט צום אויפזעער פון די אַמבולאַנסן, אמת, מען האָט אים טאַקע יע־נעמס נאָמען באַלד געגעבן, אָ־בער איינער פון די אַנוועזנדע דאָרט, געוויס אויך דאָרט אַ פקיד האָט געזאָגט: „אדוני, איר מוזט דאָך וויסן אַז דער אַמבולאַנס איז געפאָרן ברענגען אַ קראַנקן״, אויף דעם האָט מיין באַקאַנטער זיי געענטפערט: „אמת, איינעם זענט איר געפאָרן ראַטעווען און אַ צווייטן האָט איר געקענט אומ־ברענגען.

ביינאַכט האָט מיין באַקאַנטער געהאַט שטאַרקע ווייטיקן. צו־מאָרגנס איז ער געגאַנגען אין קופת חולים, האָט אים דער דאָק־טאָר געשיקט צום אָרטאָפּעד און געהייסן ליגן דריי טעג צו בעט.

עס איז די העכסטע צייט, אַז אַ נהג זאָל וויסן, אויב ער וויל עפּע־נען אַ טיר פון זיין אויטאָ, מוז ער געבן אַ סימן, דאָס ווערט דאָך געלערנט ביים באַקומען דעם רשיון־נהיגה.

עס מוזן שטאַרק געוואָרנט ווע־רן די נהגים פאַר אַזעלכע פאַ־לן, ווייל דער אַנפאָרנדיקער איז ניט קיין נביא, ער זאָל וויסן צי דער נהג פון אויטאָ, וויל אַ־רויסגיין.

„יידישע צייטונג״, 18־טן נאָוועמבער 1966

אפענער בריוו צו די מושלים פון ראטן־פארבאנד

איך, א בירגער פונעם לאַנד וואָס אייער רעגירונג איז געווען פון די ערשטע וואָס האָט עס אָנערקענט באַלד נאָכן פּראָקלאַמירן די „ישראל מדינה", ווענדע זיך מיט אַן אָפענעם בריוו.

איך בין זיכער אַז איר האָט דאָס געטאָן באַוווסטזיניק, גוט אַדורכגעטראַכט און איינגעזען, אַז עס קומט און מיט רעכט, דעם אויסגעמאָרדעטן יידישן פאָלק, אַן אייגענע מלוכה.

איר זענט געווען פון די ערשטע, וואָס האָט אונדז אונטערשטיצט, בעתן קאַמף מיט די אַראַבישע מדינות ווען זיי זיינען באַפאַלן מדינת ישראל, באַלד ביים אַנטשטיין.

איר האָט אונדז אונטערשטיצט, ווייל איר האָט געזען אַז אונדזער קאַמף איז אַ גערעכטער, כאָטש באַלד דאַן איז דאָך שוין געווען די זעלבע פליטים, זיי זיינען אַנטלאָפן, קיינער האָט זיי ניט פאַריאָגט פון זייער ערד.

די אַראַבישע מדינות האָבן געמיינט אַז אין קורצן וועלן זיי די פליטים, מיט מוזיק צוריקברענגען קיין ישראל.

די אַראַבישע מדינות האַלטן ספּעציעל אויף מיט כח די פליטים לאַגערן, זיי ווילן מיט דעם אַרויסרופן ביי דער וועלט מיטלייד, ווען זיי וואָלטן געלאָזט איינאָרדנען די פליטים, וואָלטן זיי שוין פון לאַנג געווען איינגעאָרדנט, זיי רעכענען זיך אַפילו ניט מיט די ליידן וואָס זייערע ברידער פליטים האָבן.

ישראל אַליין האָט איינגעאָרדנט, אַלע יידישע פליטים, וואָס זיינען געקומען בעירום ובחוסר כל, פון אַלע אַראַבישע לענדער, אויסער די פליטים און עולים פון דער גאַנצער וועלט.

ווער געדענקט ניט ווי אייערע זין און טעכטער האָבן געקעמפט מיטן דייטשן אָקופּאַנט מיט מסירות־נפש, ווייל זיי האָבן געוווסט אַז זייער קאַמף איז אַ גערעכטער און דער שונא פון דער גאַנצער מענטשהייט האָט געליטן אַ טאָטאַלע מפּלה.

דאָס זעלבע ביי אונדז, עס איז נישטאָ דער כוח אין דער וועלט, וועלכער וועט קענען באַזיגן מדינת ישראל, ווייל אונדזער קאַמף איז אַ גערעכטער.

— ★ —

היינט, צי זעט איר ניט? ווי די אַראַבישע מדינות זייען טויט און פאַרניכטונג, טאָג איין טאָג אויס, אויף אונדזערע וועגן, אויף מענטשן וואָס באַאַרבעטן רואיק זייערע פעלדער, צי וואָלט איר אַזעלכעס געדולדעט?

צי האָבן אייערע מוטערס, מער געבלוטיקט פאַר זייערע קינדער, ווי אונדזערע מוטערס? אַז מיר זאָלן זיי לאָזן מאָרדן?

צי האָט איר ניט געזען? ווי סיריע האָט געשאָסן אויף אונדזערס אַ שיף אויפן כנרת, און נאָכן אָפּשלעפּן די זיצונגען פון זיכערהייטס־ראַט אַ גאַנצן חודש כאַטש די גאַנצע וועלט האָט **איינגעזען זייער שולד, האָט איר** געלייגט אַ „וועטאָ" און מיט דעם אפילו ניט דערלאָזן זיי צו טאַדלען.

צי הערט איר ניט, ווי סיריע און אַלע אַראַבישע לענדער דערקלערן אפילו אין „אונאָ", אַז זיי מוזן אָפּמעקן ישׂראל פון דער מאַפּע, אַ מדינה וואָס איז אַ מיטגליד אין „אונאַ" און איר אַליין האָט זי אנערקענט פון די ערשטע.

צי ווייסט איר ניט? אַז יעדן טאָג ווערן מינירט די ישׂראל־וועגן דורך די אַראַבישע אַריינדרינגלער און אומשולדיקע קינדער קומען אום.

צי ווייסט איר ניט? אַז דער געווער וואָס איר שיקט קיין סיריע, געפינט זיך איצט אין די הענט פון „אל פאטאך" און אַנדערע אַראַבישע באַנדעס, וואָס איז נאָר געצילט צום פאַרניכטן ישׂראל.

צי ווייסט איר ניט? אַז דער מיג וואָס איז געוואָרן אַראָפּגעשאָסן ביי כנרת, איז ניט געקומען זיך פאַטײדיקן, נאָר איז געקומען אָנגרייפן די שיף.

און דאָס ווייסט איר דאָך זיכער, אַז ביי דער גאַנצער צייט פון דער באַהאַנדלונג די אָנקלאַגע פון ישׂראל קעגן סיריע, האָבן זיי כסדר, יעדן טאָג, באַשאָסן ישׂראל עראָפּלאַנען.

און אויב איצט, צוליב פּאָליטיק, פאַרשטייט איר אַז די אַראַבער זיינען גערעכט, דאַרפט איר דאָך פאַרשטיין אַז עס איז דאָ נאָך גערעכטע, פאַרוואָס זאָלט איר טאַקע ניט צוריקגעבן די פאַרכאַפּטע שטחים, וואָס אייערע צאַרן האָבן פאַרכאַפּט ביי אייערע כינעזישע ברידער, אָדער לכל הפּחות אַריינעמען עטלעכע מיליאָן כינעזער.

און אויב איר פאַרשטייט יושר? פאַרוואָס זאָלט איר ניט צוריקגעבן די געביטן וואָס איר האָט אנעקסירט פון פּוילן, רומעניע און אַנדערע לענדער.

אויב איר פאַרשטייט יושר, פאַרוואָס האָבן אייערע האַרמאַטן געשאָסן אויף דער אונגאַרישער באַפעלקערונג, פאַר איין זאַך, ווייל עס איז ניט געווען לויט אייער געשמאַק.

אויב איר פאַרשטייט יושר, פאַרוואָס האָבן אייערע טאַנקען געריירט אויף וואַרשע, ווען די פּירער פון פּוילן האַבן ניט געטאַנצט לויט אייערע קלאַנגען.

וואָלט ביי אייך געווען יושר, וואָלט איר ניט געפונען פאַר נויטיק צו טאַדלען די איצטיקע אַקציע קעגן ירדן, ווייל איר ווייסט גענוי אז פון זייער לאַנד האָט מען מינירט דעם וועג, פון וואָס עס זיינען אומגעקומען דריי חיילים און זעקס פאַרוואונדעטע.

אפילו איצט, זאָגט ירדן, אויב זי וועט ניט באַקומען אַ באַשלוס פון זיכערהייטס־ראַט לטובת איר,

וועט זי מוזן פירן מלחמה, דאָס הייסט, ירדן דיקטירט שוין דעם זיכערהייטס־ראַט.

איצט, ווען די פיר גרויסע האָבן זיך פאַרייניקט אין זיכערהייטס־ראַט קעגן ישראל, דאָס איז דאָך אַ מאָראַלישע דערנידערונג פאַר זיך אַליין, מיט געציילטע טעג צוריק, האָט דער זיכערהייטס־ראַט, ניט געהאַט דעם כוח אַפילו צו טאַדלען סיריע פאַר אירע מערדערלעכע אָנפאַלן, וואָס האָבן זיך אפילו ביזן היינטיקן טאָג ניט אָפּגעשטעלט, אַלץ צוליב דעם „וועטאָ” פון ראַטן־פאַרבאַנד, ווייל דאָס גיט זיי נאָך צו מוט, ווילט איר איצט טאַדלען ישראל פאַר איר אַקציע קעגן ירדן, אַן אמתדיקער „הורא נאַ זשידאַ”.

זאָל ווער קאָנען און האָבן דעם מוט צו זאָגן, אַז עס וואָלט זיך געפונען אַ מדינה, ווען מען מאָרדעט אירע בירגער טאָג איין טאָג אויס און וואָלט אויף דעם ניט רעאַגירט, אָדער אפילו אַנדערש רעאַגירט ווי ישראל איצט אין ירדן, איז עס ניט ריכטיק, ווייל אַ מדינה מוז זיכערן אירע בירגער.

קען זיין אַז די וועלט האָט זיך שוין צוגעווינט אַז מען קען מאָרדן יידן, אָבער דאָס איז אַ גרויסער טעות, די גלות יידן האָט מען טאַקע אויסגעמאַרדעט און יעדע מלוכה האָט זיך צוגעקוקט מיט גלייכגילטיקייט ווי היטלער מאָרדעט דאָס יידישע פאָלק.

אָבער דאָ אין ישראל איז אנטשטאַנען אַ פרישער דור, אַ דור, וואָס וועט זיך פאַר קיין שום פאל ניט לאָזן מאָרדן, ווייל אויב עס טראכט ווער אַז עס קען אונטערגיין ישראל, מוז אויך וויסן, אַז מיט אים, קען אונטערגיין די גאַנצע וועלט.

„יידישע צייטונג”, 25־טן נאוועמבער 1966

די עפנטלעכקייט מעג עס וויסן

דעם 1.11, 1966 האָבן מיר, לעבנסגעבליבענע פון בילגוריי, זיך געוואָנדן צו „מעריב" און „ידיעות אחרונות", זיי זאָלן אָפּדרוקן אַ נאָטיץ צו דער 25־טער אזכרה נאָך אונדזערע 7000 טייערע אומגעקומענע בילגורייער קדושים.

ווייל ווער נאָך ווי, די פּרעסע, דאַרף כסדר דערמאָנען דער וועלט, וואָס דאָס מערדער־פאָלק האָט געטאָן צום יידישן פאָלק, אומברענגענדיק אַן רחמנות אַ דריטל פון אים.

קען זיין אַז מען האָט ניט גערופן צום וועלט־געוויסן וועגן די גרויל־טאַטן און די רעזולטאַטן זעט מען איצט, ווי דער פאַרוועלקטער נאַציזם, הויבט אָן פריש שפּראָצן אין דעם זעלבן מערדערלעכן לאַנד ווי פריער.

מען דאַרף אַלאַרמירן די גאַנצע וועלט, כל־זמן עס איז נאָך ניט שפּעט.

אָבער ליידער ווען מיר האָבן זיך געוואָנדן צום „מעריב", זיי זאָלן דרוקן אַזאַ נאָטיץ, איז געווען דער ענטפער: „ווען מיר זאָלן וועלן דרוקן אַזעלכע זאַכן, וואָלטן זיי געהאַט כסדר"...

עס איז אַ טעות, די אזכרות קומען פאָר נאָר אין דריי חדשים, אָקטאָבער, נאָוועמבער, דעצעמבער און ווען מען דאַרף אפילו כסדר שרייבן, איז מה־רעש? האָבן די זעקס מיליאָן קדושים ניט קיין ווערט מען זאָל פון זיי דערמאָנען.

פאַרקערט, מען מוז און מען דאַרף פון דעם כסדר שרייבן, זאָל עס זיך איינבאַקן ביי יעדן אין האַרצן, זאָל די וועלט וויסן אַז דאָס יידישע פאָלק האָט איר גרעסטן שונא ניט פאַרגעסן.

איבערהויפּט, ווען איר ווייסט אַז די יוגנט לייענט ניט קיין יידיש, און בכדי דער יונגער דור זאָל וויסן וואָס דאָס היטלער־פאָלק האָט געטאָן מיט זיין זיידן, באבען, פעטער, מומע, קרובים און באַקאַנטע, נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען געווען יידן, מוזט איר, און אויף אייך ליגט דער חוב וועגן דעם צו באַריכטן, דערמאָנען און מאָנען!

ד'ערקעגן זעט מען ווי די „יידישע צייטונג", האָט כסדר פּלאַץ און מיט דעם גרעסטן כבוד, פאַרעפנטלעכן זיי אַזעלכע באַריכטן.

— ✶ —

אָבער „שענער" האָט געטאָן

„ידיעות אחרונות", זי האָט נאָך געפונען פאַר נויטיק צו ענטפערן שריפטלעך, וואָס לויטעט: „ר"ב מוחזרת לך הכתבה „לזכרה של קהלת בילגוריי".

לצערי לא מצאה המערכת ענין בחומר זה ולא נענתה לבקשתי לפרסמו בעתון. בכבוד רב, חלמיש.

עס לאָזט זיך ממש ניט גלויבן, אַז די רעדאַקציע ווייסט פון אַזעלכעס, אַז אַ נאָטיץ וועגן אַן אויסשטעלונג, אַ מלכת־היופי אָדער עפעס אנדערש, זאָל זיין וויכטיקער ווי צו געבן אַ נאָטיץ וועגן אַן אומגעקומענער קהלה פון 7000 יידן.

קען זיין, אַז ביי אייך הערן פון „ידיעות אחרונות" איז אפשר מער אַ מאָדע אויסשטעלונג, אַ מלכת היופי, אָבער ביי אונדז איבערגעבליבענע פון דער שואה, מיר קענען דעם אנדענק פון אונדזערע פאַרפייניקטע טייערע קדושים, ניט פאַרבייטן פאַר וואָס עפעס אַן אויסשטעלונג אָדער מלכת־היופי.

איר מוזט וויסן אַז די ארגונים זיינען אַ כוח און דאָס זיינען אייערע טויזנטער לייענער און איר מוזט זיך רעכענען מיט זייערע געפילן.

עס פעלט דער „מקונן", וועלכער זאָל ניט נאָר קלאָגן אויפן חורבן פון די זעקס מיליאָן קרבנות, ער דאַרף שוין אויך קלאָגן, אַז עס געפינט זיך אַ צייטונג אין ישראל וואָס זאָל זיך קענען אויסדרוקן: „לא מצאנו עיניין בזה".

ידיעות אחרונות
עתון הערב של ארץ־ישראל
YEDIOTH AHRONOTH
THE EVENING NEWSPAPER OF ISRAEL

Management: Tel-Aviv, 1, Barzily St. P.O.B. 109, Tel. 61884—5—6 : הנהלה: תל־אביב, רח' ברזילי 1, ת.ד. 109, טלפונים
Editorial Offices: Tel-Aviv, 7, Nahal Ayalon St. P.O.B. 109, Tel. 32284—6 : מערכת: תל־אביב, רח' נחל איילון 7, ת.ד. 109, טלפונים

לכבוד
מר מרדכי מינץ
רחוב שינקין 57
גבעתיים

א.נ.
ר"ב מוחזרת לך ~~הכתבה~~ הכתבה „לזכרה
של קהלת בילגוריי"
לצערי לא מצאה המערכת ענין בחומר
זה ולא נענתה לבקשתי לפרסמו בעתון
בכבוד רב
חלמיש
4/11/66

„יידישע צייטונג", 9־טן דעצעמבער 1966

אַ חתונה מיט אַ קאָקטייל

(הומאָרעסקע)

איר ווייסט, וואָס עס איז אַ קאָקטייל? זיכער ניט, אַ קאָקטייל איז אַזאַ מין אויפנאַמע, וואָס אַלץ קומט פאָר שטייענדיק.

דער עולם באַפאַלט דעם בופעט, ווי אויסגעהונגערטע וועלף, מען כאַפּט, מען שלעפּט, מען גיסט, אַ ביסל אין כוס און דעם רעשט אויף דעם פאָל, אַלץ גייט שנעל, אַ פּנים מען האָט מורא, עס זאָל חלילה ניט אויספעלן.

דער גאַנצער עולם גייט אַרום מיט די טעלער און גאָפּל אין האַנט, מען עסט, מען שלינגט שטייענדיק. עס איז נאָר אַ שאָד, אויב מען האָט געקענט אויסקלערן אַזאַ מין מאָדערנעם „קאָקטייל", פאַרוואָס האָט מען ניט דערפונדן אַזאַ מין אָנהאַלטער? (ווי להבדיל ביי אַ פערד דער אָבראָק), ווי מען זאָל קאָנען אַנידערשטעלן דעם טעלער. ז

יעדער גאַסט איז באַהאָנגען מיט כלי־עסנוואַרג, אַז יעדן פעלט צו עטלעכע הענט. אין איין האַנט האַלט מען דעם טעלער, אין דער צווייטער, דעם כוס מיט וויין, ווי נעמט מען אַ האַנט אויף אַ שטיקל לעקעך? אַ שטיקל הערינג און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס רייצן דעם אַפּעטיט?

אויב איר ווילט וויסן וואָס מיין באַקאַנטער האָט געגעסן אָדער געטרונקען אויף דער חתונה־קאָקטייל, קענט איר דערקענען אויף זיין ניי העמד, וואָס ער האָט געקויפט ספּעציעל צו דער חתונה.

שטייענדיק מיט זיינע קלאַפּערגעצייג, וועלנדיק נעמען אַ לחיים, באַקומט ער אַ שטויס אין האַנט און דער גאַנצער וויין, אַנשטאָט אין מויל, איז ער אויסגעגאָסן געוואָרן אויף זיין ניי העמד.

אָבער ווי לאַנג קען מען שטיין הונגעריק? די פיס ווערן מיד, ווי ער האָט נאָר באַוויזן צו נעמען אַ שטיקל פלייש אויפן גאָפּל, איינגעטונקען עס אין כריין, וועלנדיק עס אַריינגעמען אין מויל, האָט ער באַקומען אַ שטאָרך פון אַן עלנבויגן, אַז דער גאָפּל איז אים אַריין אין דער צונג און דער גאַנצער כריין מיטן פלייש איז אים אַרויף אויפן ווייסן נייעם העמד.

אָפּשפּרונגענדיק פון ווייטיק, איז ער אַרויף, אויף די הינעראויגן פון אַ דאַמע, וועלכע האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי, פּונקט ווי אַ פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו, אַז דער גאַנצער עולם האָט זיך דערשראָקן, מיינענדיק אַז אַ באַן קומט אָן.

קוים מיט צרות האָט ער אַרויסגעשלעפּט דעם גאָפּל, ווייל ער איז אַ מענטש, וואָס האָט מזל,

ווי זאָגט מען עס: ביי יעדער אומגליק איז דאָ אַ שטיקל גליק, זיין גליק איז געווען, וואָס ער האָט געהאַט פרעמדע ציין, ווען ניט, וואָלט ער געבליבן אָן אַ צאָן אין מויל.

דעם פאַל, איז ניט געווען צום דערקענען: אָנגעגאָסן, אָנגעוואָרפן מיט פאַרשידענע ביינער פון עסנוואַרג, האָט עס אויסגעזען ווי אין אַ שיכורים־שענק.

איך מיינט אפשר, אַז עס האָט זיך ווער געפונען צו כאַפּן אַ טאַנץ? האָט איר אַ טעות. ווי דער עולם האָט נאָר באַוויזן אַראָפּצושלינגען דאָס עסן, איז מען אַוועק, איבערלאָזנדיק דאָס קליינוואַרג טאַנצן.

אפשר מיינט איר, אַז נאָר מיין באַקאַנטער איז געווען דער קרבן פון דער חתונה־קאָקטייל, האָט איר אַ טעות, יעדער איז אַרומגעגאַנגען אויסגעשמירט פון די אַלע מינים עסנוואַרג, אַז עס האָט בעסער אויסגעזען ווי אַ פורים מאַסקן־באַל, אַנשטאָט אַ חתונה־קאָקטייל.

פון דאַן אָן, ווען מען בעט מיין באַקאַנטן אויף אַ שמחה, איז זיין ערשטע פראַגע, וועט נאָר ניט זיין קיין „קאָקטייל״?.

„יידישע צייטונג״, 10־טן פעברואר 1967

אפענער בריוו צום פרעמיער פון רוסלאנד, הער קאסיגין

הער קאַסיגין! איר האָט בעת אייער באַזוך אין פראַנקרייך אויף אַ פראַגע פון זשורנאַליסטן, וועגן א שלום צווישן ישראל און אירע אַראַבישע שכנים, איז געווען אייער ענטפער, אַז אויפן מיטל־מזרח, קען ניט זיין קיין שלום לויטן נוסח „טאַשקענט", ווייל ביידע צדדים ווילן ניט קיין שלום.

ערשטנס, לויט אייער ווייסער שלום ־ טויב, פאַרוואָס האָט איר טאַקע נאָך ביז איצט ניט געפרוווט אינטערווענירן ביי די סיריער אַז זיי זאָלן וועלן איינגיין אויף אַ שלום, איר ווייסט דאָך זיכער, פון וועלכער זייט עס איז די מניעה צום שלום.

ווי עס ווערט דערציילט, מען האָט אַמאָל געכאַפּט אַ גרויסן מערדער, צום משפּט, האָט ער געשטעלט דעם בעסטן אַדוואָקאַט, נאָכן אַרויסטראָגן דעם אורטייל אַז ער איז באַפרייט, איז ער צו צום אַדוואָקאַט און אים געוואָלט קושן, רופט זיך אָן דער אַדוואָקאַט, אַוועק פון מיר, איך ווייס דאָך אַז דו ביסט אַ מערדער, עס וואָלט שוין טאַקע געווען די ריכטיקע צייט, אַז איר, הער קאַסיגין, זאָלט נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון דעם אַדוואָקאַט.

צווייטנס, צי האָט איר שוין, הער קאַסיגין, ווען געפרוווט אין דער זייט פון ישראל? זיכער ניט! ישראל איז גרייט יעדע מינוט און אויף יעדער פרייז, אויף אַ שלום מיט אירע אַראַבישע שכנים.

דריטנס, עס איז דאָ ניט פאַראַנען קיין צוויי זייטן וואָס ווילן ניט דעם שלום, איין זייט פון ישראל האָט איר, און אויב עס איז דאָ נאָר איין זייט וואָס איז געניגט צו שלום, קען שוין אַדורכגעפירט ווערן שלום פאַרהאַנדלונגען לויטן נוסח טאַשקענט, ווייל וואָלטן ביידע צדדים געווען פאַר שלום, וואָלט מען דאָך ניט געדאַרפן קיין פאַרמיטלונג.

— □ —

איצט, די מעשה מיט אייער פעקינער שכן, וואָס רודערט איר אַזוי? עס פלאַצט אייך שוין דער געדולד, איר קענט אייך ניט באַהערשן? וואַרט צו אַ ביסל, איר האָט דאָך נאָך קיין מענטשן־קרבנות ניט געהאַט, ישראל ליידט שוין אַזוי פיל פון אירע אַראַבישע שכנים זינט 18 יאָר, מיט גענוג מענטשלעכע קרבנות, דאָך קענט איר זיך פאַרגינען כסדר מיט אייער וועטאָ־רעכט און זאָגן אַז ישראל איז אומגערעכט, ווי זאָגט דאָס פאָלקס־ווערטל: „אַ מכה ביי יענעם טוט ניט וויי". וואָס ליאַרעמט איר אַזוי קעגן

כינע? וואָס ווילן זיי דען ביי אייך, אַ קלייניקייט, זיי פאַרלאַנגען פון אייך דעם באָדן וואָס אייערע צאַרן האָבן ביי זיי פאַרכאַפּט, זייער טענה איז ניט ווינציקער ריכטיק, ווי די וואָס איר פאַרשטייט, אַז ישראל דאַרף צוריק געבן די אַראַבישע פּליטים.

מען מוז וויסן, אַז עס איז נאָך אַ גרויסער אונטערשייד פון ישראל צו אייך, ישראל איז געוואָרן אנערקענט פונעם „אונאָ” און מיט אייער הסכמה און מיט ליבשאַפט דאַן צו ישראל, געשטיצט דאַן מיט אַלעם קעגן די אַראַבישע אַגרעסאָרן, וואָס עס איז שפּעטער געוואָרן? מן־הסתמה „פּאָליטיק”.

אָבער איר, אייערע צאַרן האָבן טאַקע פאַרכאַפּט דעם כינעזישן באָדן, ווי אויך איצט נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה, לויט דעם אָפּמאַך מיט היטלערן, האָט איר אנעקסירט האַלב אייראָפּע, פון פוילן, טשעכן, אונגאַרן, רומעניע און פון וועמען ניט?

עס וואָלט געווען פון אייער זייט זייער מענטשלעך צו ווייזן אַ ביישפּיל, ווי אַזוי מען גיט צוריק, וואָס מען האָט פאַרכאַפּט, אפשר וואָלט ווער נאָכגעטאָן אייער ביישפּיל.

איצט, ביי די וואָפן־שטילשטאַנד פאַרהאַנדלונגען צווישן ישראל־סיריע, ווער עס פאַרשלעפּט כסדר די זיצונגען, זעט איר און ווייסט גוט, אַז זיי, די סיריער, זיינען שולדיק און זיינען פאַראינטערעסירט צו שלעפּן, אָבער מיר קענען שוין זאָגן פאַרויס, אַז אייער ענטפער וועט זיין, אַז שולדיק איז ישראל.

הער קאסיגין! דאָס וואָס איר זאָגט כסדר, אַז איר זענט פאַר דער פאָדערונג פון די אַראַבער, אַז ישראל דאַרף אַריינעמען די אַראַבישע פּליטים, איר געדענקט דאָך גוט אַז נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז געווען אן איבערזידלונג פון בירגער פון איין לאַנד אין צווייטן.

האָט איר דען ניט אַליין איבערגעזידלט די דייטשן פון דעם פאַרנומענעם געביט דורך פוילן, קיין דייטשלאַנד?

ביי ישראל איז דאָך די פראַגע ניט אַקטועל, ישראל האָט דאָך אַריינגענומען מער יידן פון די אַראַבישע לענדער, ווי עס זיינען געווען אַראַבישע פּליטים פון ישראל.

ישראל איז גרייט יעדער צייט, אויסצוצאָלן די פּליטים אַנטשעדיקונג פאַר זייער האָב און גוטס וואָס זיי האָבן דאָ איבערגעלאָזן.

דאָס זעלבע קען ישראל און דאַרף פאָדערן פון די אַראַבישע לענדער, אַנטשעדיקונג פאַר די פאַרמעגנס, וואָס זיי האָבן צוגענומען ביי די יידן פון דאָרט, וועלכע זיינען געקומען קיין ישראל.

צום סוף, וואָס איר האָט אייך אויסגעדריקט, אַז די רוסישע יידן וועלן זיך קענען פאַראייניקן מיט זייערע משפחות, ווער עס וועט עס נאָר פאַרלאַנגען.

הלוואי וואָלט עס אמת געווען, ווי זאָגט מען עס: „פון זיין מויל אין גאָטס אויערן”, אָבער זאָל עס נאָר ניט זיין ווי ביי דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָכן אָפּמאַך מיט היטלערן, האָט רוס־

לאַנד געמאָלדן, ווער עס וויל צוריקפאָרן אין די פאַרנומענע געביטן פון פוילן דורך דייטשלאַנד, קען צוריקפאָרן.

דער סוף איז געווען, ווער עס האָט זיך פאַרשריבן, איז געוואָרן פאַרשיקט צו די ווייסע בערן.

הלואי, זאָל עס ניט זיין אַזוי, די צייט וועט עס באַווייזן.



„יידישע צייטונג״, 17־טן מערץ 1967

אַ מצרישן געפאַנגענעם אין סיני זעלנער פון צה״ל גיבן וואַסער

בנים גדלנו ורוממנו והם פשעו בנו

דער אנפאל פון פארזיצער פון סטודענטן־פארבאנד אויפן ראש הממשלה ושר הבטחון, גרענעצט זיך שוין מיט פארברעכן און פאר פארברעכן דארף מען משפטן, ווייל ווען מען באליידיקט דעם ראש הממשלה, באליידיקט מען די מדינה מיט אלע אירע בירגער.

איך בין נישט קיין מפא״י־חבר, נאר א בירגער פון דעם לאנד אונטער דעם ראש הממשלה ושר הבטחון, וועלכער איז אזוי מיאוס באפאלן געווארן דורך די סטודענטן. דאס איז נישט געווען אן אוונט פון שאלות ותשובות, ווי עס פירט זיך, נאר ממש א צוגעגרייטער אנפאל.

ווען מען זאל וועלן נאכזוכן פון וועלכער צוגעהעריקייט עס איז אט דער פארזיצער, וועט מען צוקומען צום פאלקס־ווערטל: „קליינע קייען, וואס גרויסע שפייען". אז גרויסע מעגן אזוי אנפאלן, טא פארוואס זאל זיך נישט פארגלוסטן נאכטון עס די קליינע.

נאך גרעסער איז דער ווייטיק, וואס אזא פאל איז פארגעקומען פון די, וועלכע דארפן זיין אונדזער צוקונפטיקע „גענעראציע", זיי זאלן אמאל איבערנעמען דעם מלוכה־רודער. אזא אויפפירונג באווייזט, אז דאס איז נאר א צוקונפטיקע „דעגענעראציע"...

אזא קבלת־פנים ווי דער ראש־הממשלה האט באקומען פון אונדזערע סטודענטן, קאן זיך נאר טרעפן ביי ווילדע פעלקער, ווייל אויב מען האט נאר א ביסל מענטשלעכקייט, וועט אזא אנפאל נישט זיין, ווי עס ווערט געברענגט אין מגילה טז: „תעלא (שועל) בעידניה סגיד ליה" (ווען דער פוקס איז מלך, בוקט זיך צו אים דער לייב). ווילנדיק אדער נישט ווילנדי"ק איז אשכול דער ראש הממשלה און שר הבטחון אין מדינת ישראל און אים דארף מען רעספעקטירן. אזעלכע ווילדע אנפאלן טארן נישט פארקומען.

עס שטעלט זיך אויך א פראגע, צי אין דער גאנצער וועלט, נעמט אויף א ראש ממשלה ושר בטחון יעדן איינעם, ווען יענער וויל נאר? זיכער נישט.

פארן לעצטן אנפאנג פון שול־יאר, האבן די סטודענטן געשטרייקט קעגן דער העכערונג פון שכר־לימוד, וועלכער איז 600 ל״י א יאר. מען פארלאנגט איצט 1000 ל״י. מען דארף וויסן, אז צווישן די סטודענטן זענען דא אזעלכע, וועלכע קומען אין אוניווערסיטעט מיט זייערע אייגענע מאשינען, וועלכע קאסטן היינט אויסהאלטן 400 ל״י א חודש. אויף דעם האט מען יא, אבער צו צאלן די העכערונג האבן זיי נישט.

עס וואלט טאקע געווען א פלאן איינצופירן אויך אויפן אוניווערסיטעט א „דירוג", ווער עס קען, פארוואל זאל ער טאקע נישט צאלן?

אט צום ביישפיל, איך אליין, אן ארבעטער, צאל פאר מיין זון, וועלכער לערנט אין תיכון, קנאפע 800 ל״י א יאר.

מען מוז וויסן, עס זענען דא צוויי שיכטן וועלכע קענען געבן אומזיסטע הויך־בילדונג, די קאמוניסטישע לענדער, ווו דאס גאנצע פאלק ארבעט פאר דער מדינה און דאס פאלק האט טאקע „קדחת". דארט זענען

נישטאָ קיין בתּים־משותּפים, וועלכע קאָסטן 50 טויזנט ל״י, מיט שיינע טייערע מעבל. זיי קענען זיך פאַרגינען צו געבן אומזיסטע הויך־שול־בילדונג, אָדער די רייכע לענדער, אויך זיי קענען זיך אַזעלכעס פאַרגינען.

אָבער מיר, אַ קליין אָרעם לאַנד, מיר קענען זיך אַזעלכעס נישט פאַרגינען. מיר קענען זיך נישט גלייבן נישט צום ערשטן קלאַס און נישט צום צווייטן קלאַס, ווייל אויך אפילו אין דעם רייכן אַמעריקע, קאָסט הויך־בילדונג זייער טייער און נישט יעדער איינער קען עס דערגרייכן.

„לעצטע נייעס", 28־טן מערץ 1967

דאָס וואָס דער ארגון הסטודנטים באַדויערט זייער דעם אינצידענט, דאָס קען נישט זיין קיין ענטפער אויפן אַנפאַל.

אַזאַ מין פאָרזיצער, מוז גיין אין דעמיסיע! אויב ער גייט נישט אַליין, מוז מען אים שיקן, ער קאָן מער נישט זיין קיין פאָרשטייער פון די סטודענטן, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק העלפט זיי לערנען, ווייל די 600 ל״י אַ יאָר, וואָס זיי צאָלן, דאָס איז נאָר אַ קליינער פּראָצענט צו דעם, וואָס עס קאָסט אונדז יעדער סטודענט.

פאַרשוועכט ניט די אַלטערטימלעכקייטן

מיר ווילן שאַפן אין לאַנד אַ גרויסע טוריסטיק, עס איז דאָ אַ ספּעציעלער מיניסטער מיט אַ גאַנצן שטאַב פון באַאַמטע, זיי זוכן ווי אַזוי און מיט וואָס קען מען צוציען טוריסטן.

אָבער דער גאַנצער סיסטעם פון בויען ביי אונדז אין לאַנד איז פונקט פאַרקערט צום סיסטעם פון צוציען וואָס מער טוריסטן, איין מיניסטעריום רעכנט זיך ניט מיטן צווייטן.

דער טוריסט קומט ניט זען די שיינע נייע הייזער אָדער אַ מגדל־שלום, אַזעלכע וואָלקן־קראַצער וואָס פאַרשטעלט זיי די לופט, האָבן זיי ביי זיך אין דער היים. דער טוריסט קומט אין לאַנד, זוכט ער אַלטערטימלעכקייטן און טאַקע נאָר דאָס איז דער איינציקער פונקט וועלכער ציט צו טוריסטן.

אָבער ביי אונדז איז עס פונקט פאַרקערט, אַ „הרצליה גימנאַזיע", ווער קען עס זיך פאַרשטעלן, די ערשטע גימנאַזיע אין לאַנד נאָך 2000 יאָר גלות, איז געוואָרן איינגעוואָרפן בכדי אויף דעם פלאַץ אויפצושטעלן אַ „מגדל־שלום", אויף אַ נאָמען פון אַ מיליאָנער, האָט מען דעם „מגדל־שלום" ניט געקענט אויפשטעלן אויף די חולונער, ראַשון־לציונער אָדער אויף די זאַמדן, וועלכע זיינען דאָ אויפן וועג קיין חיפה?

האָט טאַקע געמוזט זיין דער קרבן די הרצליה גימנאַזיע?

דאָס ערשטע הויז פון תל־אביב, האָט מען איינגעוואָרפן אויף דער יהודה־הלוי גאַס, בכדי צו פאַרגרעסערן די בנק־דיסקונט, אָדער עס זאָל בלייבן אַ פאַרקינגס־פלאַץ. נאָך משפטים איז געבליבן אַז די פאָדערשטע וואַנט זאָל געבויט ווערן לויטן סטיל פון יענעם הויז.

אין די גאַסן שבזי, נוה־צדק, האָט מען מיט עטלעכע וואָכן צוריק געפייערט דעם 80־יאָריקן יובל מיט אַ גאַנצער פאָמפּע, מען מאַכט פון זיך אַליין חוזק, מען האָט אויפגעקלאַפּט אַנדענקס־טאַוולען, אַריינגעלייגט געלט, עס איז דאָך פשוט אַ שאָד די הוצאות, דער גאַנצער שטח איז דאָך באַשטימט אַראָפּגעוואָרפן צו ווערן, בכדי אויף דעם שטח אויפצושטעלן די „סיטי", מיר האָבן שוין אַלץ, נאָר די „סיטי" פעלט אונדז?

זעט אויס אַז מדינת ישראל האָט נאָך ווייניק געלערנט פון „צים", „רסקו", „הילטון", „שלום". ביי דער שיף „שלום" איז אַנגעגאַנגען אַ גאַנצער

ויכוח וועגן דער קיך און מיט גרויס פּאָמפּע האָט מען אַרויסגעלאָזן אַ ספּעציעלן מעדאַליאָן, עס פרעגט זיך וואָס דאַרף מען טאָן מיט די מעדאַליאָנען, אפשר זיי מיטפאַרקויפן די דייטשן?

בײַ אָט די אַלע גוטע געשעפטן האָט מדינת ישראל אַריינגעבראַקט מיליאָנען און בײַ דער „סיי־טי" וועט מען באַגראָבן מיליאַרדן.

עס דערציילט זיך: אין אַמעריקע גייט דאָך אַלץ מיט „מאַגאַזינען" איז אויך דאָ אַ מאַגאַזין צו מאַכן תכריכים, קומט אַריין אַן אַלטער ייִד זיך באַשטעלן תכריכים, פאַרלאַנגט מען בײַ אים 50 דאָלאַר, ער האָט זיך ניט געכאַפּט צום באַצאָלן, ער האָט געטראַכט, ער וועט אַריין אין אַ צווייטער מאַגאַזין, זען אפשר איז דאָרט ביליקער.

אָבער ווען אין צווייטן מאַגאַזין, האָט מען בײַ אים פאַרלאַנגט 75 דאָלאַר, רופט ער זיך אָן, וואָס עפּעס אַזוי טייער, אָט דאָרט פאַרלאַנגט מען בײַ מיר נאָר 50 דאָלאַר.

רופט זיך אָן דער בעל־הבית פון מאַגאַזין, ווי קענט איר עפּעס פאַרגלייכן אונדזערע תכריכים צו זייערע? אין זייערע תכריכים ליגט מען נאָך איינציקע אַכט טעג מיטן אונטן אין דרויסן...

יפו, ווערט צעוואָרפן, דאָרט איז דאָך דאָ אַלטע הייזער וואָס זיי זיינען געווען דאָס וויגעלע פונעם אויפשטייענדן איצטיקן ישראל, וואָס איז געבליבן פון אָט די אַלע הייזער? אָפגערייניקטע פּלעצער.

עס איז דאָרט דאָ אַלטע בתי־מדרשים פון הונדערטער יאָרן, פון וואַנען די מחתרת האָט געקעמפט מיט די ווילדע אַראַבער און בײַ דער מלחמה השיחרור אין דעם זכות אַליין, האָבן זיי שוין געהאַט די רעכט צו ווערן רעסטאַווירט.

דאָס וואָלט געווען אַ צוציאונג פּלאַץ פאַר טוריסטן, „אָט פון דעם פּלאַץ האָט מען געקעמפט, אָט פון דעם פּלאַץ האָבן זיי באַשאָסן תל־אביב".

— ● —

טבריה. די גאַנצע שיינקייט פון טבריה איז דאָך נאָר די אַלטערטימלעכקייטן. די אַלטע מויער וואָס איז געווען אַרום דער שטאָט, דער קבר פון רמב"ם, ווי זעט ער אויס? פאַרנאַכלעסיקט. אַפילו קיין לייטישער צוגאַנג.

די אַלטע באַד אין די חמי־טבריה. ווער ווייסט וויפל יאָר זי איז אַלט? אויך געוואָרן אָפּגעווישט. אַ גרויס גליק, וואָס מען קען ניט איבערטראָגן דעם „כנרת".

— ● —

צפת. די גאַנצע צוציאונגס־קראַפט פון צפת איז דאָך נאָר די אַלט־שטאָט. די הייזקעס, וואָס זיינען געבויט איינס אויפן צווייטן, מיט די שמאָלע באַרגיקע געסע־

לעך. אַלץ ווערט דאָרט אָפּגעווישט. עס וועט קיין זכר ניט בלייבן.

מען זעט דאָך אַליין, אַז אַלע טוריסטן, וועלכע קומען קיין צפת לויפן דאָס ערשטן אָנקוקן די אַלט שטאָט מיט אירע אַלטע שולן און דאָס אַלטע בית־הקברות. די אַלע טוריסטן באַוואונדערן ניט דעם בוי פון די שיינע נייע הייזער און די שיינע האָטעלן.

עס איז נאָך אַ גליק, וואָס די אַלע שולן געהערן צום משרד הדתות. ווען ניט, ווער ווייסט וויפל וואָלקן־קראַצער אָדער האָטעלן עס וואָלט שוין דאָרט געשטאַנען.

ווען דער קבר־רחל און כותל־המערבי געפינט זיך ביי אונז, ווער ווייסט צו זיי וואָלטן בעסער געשעצט געוואָרן?

דער משרד התיירות געפינט אַפילו ניט פאַר נויטיק צו באַזאָרגן מדריכים אין צפת, נאָר איינער אַן אָפּגעריסענער לויפט אַרום און שלעפּט די טוריסטן ווייזן די אַלטערטימלעכקייטן פון צפת.

זיי וואָלטן זיך געמעגט לערנען פון נצרת, וואָס באַלד ביים אַריינפאָר אין אַלט־שטאָט, איז דאָ אַ ביוראָ, וואָס פאַר געלט פירן זיי אַרום די טוריסטן אין אַלע אַלטערטימלעכע ערטער.

— • —

אשקלון. די שטאָט איז דאָך ממש אַן אוצר פאַר טוריסטיק. די גאַנצע געגנט איז פול מיט אַלטערטימלעכקייטן, ווו מען גייט און ווו מען שטייט איז אַנגעוואָרפן פון די אויסגראָבונגען און ווער עס וויל נאָר נעמט און שלעפּט, וואָס עס קומט אונטער דער האַנט. עס זעט אויס ממש אַ דבר הפקר.

— • —

ים המלח. דאָס איז דאָך דער איינציקער פּונקט אין דער גאַנצער וועלט, נאָר אין ישראל קען מען אים זען, דאָס איז דאָך דער אמתער וועלט־וואונדער.

אמת, ישראל האָט וואָס צו ווייזן טוריסטן. עס ווערט נאָר מיט די אייגענע הענט פאַרנאַכלעסיקט אומעטום איז אָנגעוואָרפן, פאַרשמוציקט, דער „פּיקניק” סיסטעם, וואָס מען האָט איינגעפירט אין ישראל, נאָך זייער פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, לאָזן זיי אַלץ איבער אויפן אָרט.

מען מוז זאָרגן, אַז עס זאָל זיין בתי־שימוש, ניט אַז אַלע וועגן זאָלן זיין פאַראומרייניקט.

— • —

מען מוז אַ בלעטער טאָן צוריק די אַלטע היימען, ווי קראָקע, לובלין, פּינטשעוו און אַנדערע שטעט אין פּוילן, ווי עס זיינען געווען אַלטע שולן, עס האָט ניט געפעלט קיין געלט, בכדי אויפן אָרט פון די אַלטע שולן אויפצושטעלן נייע, מער מאָדערנע, נאָר מען האָט ממש ווי מיט צוואַנגען געהאַלטן די דאָזיקע אַלטערטימלעכע אוצרות פונעם יידישן פאָלק.

מען וועט שוין ניט רעדן פון אַנדערע מדינות, וואָס פלעגן זאָרגן וועגן זייערע אַלטע אוצרות.

אַפילו היינט, פּוילן, טשעכן און

אַנדערע לענדער, רעסטאַווירירן כסדר די אַלע אַלטע שולן, ניט צוליב פרומקייט חלילה, נאָר טאַקע צו ציען טוריסטיק.

ביי אונז אין ישראל, איז עפּעס אַזאַ מין סיסטעם פון „פאַרגעסן דאָס אַלטע, דעם עבר", ווערלנדיק ווייזן, אַז נאָר פון אונז האָט זיך אַלץ אָנגעפאַנגען.

און טאַקע אָט דעם סיסטעם מוז מען ענדערן. ווייל אַ פאָלק, וואָס פאַרגעסט זיין פאַרגאַנגענהייט, האָט ניט קיין צוקונפט.

„יידישע צייטונג", 5־טן מאי 1967



דער כושי האט זיינס געטאן, ער קען שוין גיין

נאָך די שטאַרקע קלעפּ וואָס די מצרים האָבן באַקומען פון דער ישראל ארמיי בעת דער „סיני־אקציע" און מורא האָבנדיק פאַר פרישע קלעפּ, האָט מצרים מסכים געווען צו שטעלן דעם אונא־כח אויף איר טעריטאָריע, אבי וואס שנעלער עס זאָל זיין.

ישראל האָט דאַן מסכים געווען צו פאַרלאָזן דעם סיני־אינזל, נאָר מיטן באַדונג, אז דאָרט זאָל מער קיין מצריש מיליטער נישט זיין.

יעצט, מיינענדיק אז ער האָט שוין כח, — דאָס איז דאָך דאָס אומגליק פון א באַרימער, — נישט נאָר מיינענדיק אז ער האָט שוין כח, נאָר אפילו דאַן, נאָך דער גרויסער מפלה אין דער סיני־מלחמה, האָט נאַצער באַלד געפּייערט זיין נצחון איבער דער ישראל ארמיי.

נאַצער האָט זיך שוין געהאַלטן אַזוי שטאַרק, אז ער האָט געשיקט אַן אולטימאַטום צום אונא־סעקרעטאַר אור־טאַנט, ער זאָל ארויסציען דעם אונא־כח פון עזה־פּאַס.

מען דערציילט, איינער האָט א מאָל געכאַפּט א גנב, וועלנדיק אים פאַרהאַלטן האָט ער זיך מיט אים זייער געאַמפּערט רופט זיך אָן איינער צו אים, לאָז אים אָפּ דעם גנב, זאָל ער גיין צו אלדי רוחות, זאָגט דער כאַפּער, איך וואָלט אים אָפּגעלאָזן, דער אומגליק איז, ער האַלט מיך.

ווי קען דער אונא־סעקרעטאַר זיך מאַכן אַזוי קליין? אין דער צייט ווען נאַצער מיינט נאָר אז ער איז א כח, אז אור־טאַנט זאָל אויספירן זיינע באַפעלן און ער האָט שוין באַפוילן דעם אונא־כח צו פאַרלאָזן דעם עזה־פּאַס.

אור־טאַנט איז געגאַנגען נאָך ווייטער, ער האָט זיך געוואָנדן צו ישראל, זי זאָל נישט אָנווענדן קיין אגרעסיע צו סיריע.

צי ווייסט דען אור־טאַנט נישט פון די סירישע פּראָוואָקאַציעס אויף די ישראל וועגן?

נישט אור־טאַנט האָט געשיקט דעם אונא־כח אין עזה־פּאַס, דעם אונא־כח האָט געשיקט דער „אור־נא" און נאָר מיט זייער הסכמה האָט ער געהאַט די רעכט, דעם אונא־כח צוריקצורופן און ער האָט עס געטאָן אויף זיין אייגענער אחריות, נישט באַראַטנדיק זיך מיט קיינעם.

אזא מין האַנדלונג ווי עס האָט יעצט ארויסגעוויזן אור־טאַנט, איז בכלל קעגן די פּרינציפּן פון אונא.

דער אונא שטעלט אירע כוחות אין געביטן וועלכע ווערן נאָר אַנגעוואַרעמט און דאָ יעצט, ביי

אזא אנגעשטרענגטער לאגע צווי־שן ישראל און מצרים, אין דער צייט וואָס די לופט איז ווי־ א פאס מיט אויפרייס־מאַטעריאַל, איז אַנשטאָט צו פאַרגרעסערן דעם אונא־כח, מיט דעם צו ווירקן אויף מצרים זיך איינצוהאַלטן, נעמט ער און רופט אָפּ דעם אונא־כח, דאָס איז אַ טאַט וועלכן קיינער קען נישט פאַרשטיין.

ביים לאָזן אוועקשטעלן דעם אונא־כח אויף דער מצרישער טע־ריטאָריע, דאָס האָט נאַצער גע־לערנט פון די יידן ביי יציאת־מצרים.

ווען די יידן זענען ארויס פון מצרים און די מצרים האָבן זיי דאַן נאָכגעיאָגט, געפונענדיק זיך נאָענט צו די יידן, האָט גאָט גענומען דעם עמוד־הענן און אים געשטעלט צווישן די יידן און די מצרים, אזוי אַז די מצרים האָבן די יידן נישט געזען.

אמת, דאַן האָט דער עמוד־הענן געהאָלפן די יידן, אבער היינט דער יעצטיקער עמוד־הענן, דער אונא־כח, האָט גאָרנישט געהאָלפן זיי, האָבן קיין איין מסתנן נישט געכאַפּט, זעט אויס, זיי האָבן זיי נישט געזען?

אמת, זיי האָבן עפּעס יאָ גע־כאַפּט, אָבער דאָס זענען געווען דריי יידישע מיידלעך וועלכע זע־נען אריבער די גרענעץ מיט אונא זעלנער, אָבער אַנשטאָט זיי צוריק צושיקן קיין ישראל, האָט דער אונא־כח זיי איבערגעגעבן דער מצרישער מאכט, וועלכע האָט זיי פאַר׳משפט.

דער אונא־כח האָט פאַר אונז נאָר אַ סימבאָלישן באַדייטונג מיר קענען נישט און מיר פאַרלאָזן זיך בכלל נישט אויף זיי, מיר האָבן זיך אויף ווען צו פאַרלאָזן, אונ־זער ריזיקער צה״ל איז אַ כח און טאקע נאָר אויף אים פאַרלאָזן מיר זיך.

דער בעסטער באַוויז, אַז דער אונא־כח האָט קיין שום ווערט, אַז אָט אין אזא אנגעשטרענגטער לאַגע, נעמט אור־טאַנט און רופט אָפּ דעם אונא־כח, לויטן באפעל פון מצרים, זיי זאָגן: „דער כושי האָט זיינס געטאָן ער קען שוין גיין״.

ווען די וועלט האָט אָנגעהויבן אַ ביסל צו שטורמען, איז אור־טאַנט געפלויגן קיין מצרים, וואָס ער קען שוין דאָרט יעצט פועלן, איז באַוויסט, ער וועט צוריק־קומען מיט דעם, מיט וואָס ער איז געפאָרן, עס חזרט זיך יעצט אי־בער די געשיכטע מיט טשעמ־בערליינען.

עס ווערט פאַרציילט: צו אַ רב זענען געקומען צוויי יידן אויף אַ דין־תורה, נאָכן אויסהערן זיי־ערע טענות, רופט זיך אָן דער ערשטער, רבי, זאָל יענער איינ־לייגן געלט, בכדי צו זיין זיכער אַז ער וועט אויספירן דעם פסק.

רופט זיך אָן דער רב, וואָס הייסט איך זאָל אים זאָגן? ער וועט דען מיך פאָלגן?

צעשרייט זיך דער ערשטער, רבי, וואָס הייסט ער וועט אייך נישט פאָלגן? אויב אַזוי, צוליב

וואָס זענען מיר דען געקומען צו אייך?

דער רב, נישט האָבנדיק קיין ברירה, זאָגט ער צום צווייטן, ווייסט איר וואָס, איר מוזט איינ־לייגן געלט, בכדי מען זאָל זיין זיכער אז איר וועט אויספירן דעם פסק.

רופט זיך אָן דער צווייטער, רבי, וואָס הייסט איך זאָל איינ־לייגן געלט? איר האָט דאָך אליין געזאָגט, אז איך וועל נישט פאָלגן, פאָלג איך טאקע נישט.

דאָס זעלבע, נאָצער וועט יעצט פאָלגן אור־טאנטן, פונקט ווי דער תקיף ביי דער דין־תורה.

„יידישע צייטונג" 20־טן מאי 1967

ווער איז אימפּעריאַליסטיש?

די לעצטע נאָטע פון רוסלאַנד צו ישראל.

אין דער נאָטע ווערט געזאָגט: „די פאַרשאַרפטע אינצידענטן, וועלכע קומען פאָר אין מיטעלן מזרח, זיינען רעזולטאַטן פון דער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק פון די גרויסמאַכטן און אז ישראל האָט אַדורכגעפירט אַן אַגרעסיע אַקט, פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט״.

צי ווייסט איר דען ניט, אַז מיט דער אָט נאָטע וואָס איר האָט געשיקט צו ישראל, דערמוטיקט איר די אַראַבישע שכנים, און זיי זעען אין אייך, אַז זיי האָבן זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן, אַז פאַר די זעקס אַראָפּגעשאָסענע מיגן, וועלן זיי באַקומען צווייטע און געוווער פון כל המינים שטראָמט כסדר אָן אויפהער קיין סיריע, דאָס איז דאָך דאָס געוווער מיט וועלכן זיי גרייטן זיך צו פאַרניכטן ישראל, יעדער מין געוווער איז ביי אייך באַרעכטיקט, נאָר קעגן אַטאָם־געוווער זענט איר קעגן, צי איז דען דעם אומגעקומענעם אַן אונטערשייד פון וועלכן מין געוווער ער איז אומגעקומען?

רוסלאַנד קען ניט שפּילן די ראָל פון אַ שטרויז־פויגל, וועלכער באַהאַלט דעם קאָפּ אין דעם זאַמד, מיינענדיק, אַז די גאַנצע וועלט זעט ניט, וואָס עס גייט פאָר.

וואָס הייסט ביי אייך אַגרעסיע? **ווען די אַראַבער לייגן מינעס און שיסן טאָג איין, טאָג אויס,** אויף ישראל בירגער, וואָס באַאַרבעטן רואיק זייער ערד און די סירישע רעגירונג זאָגט אָפּט פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז זי און נאָר זי, וועט אָפּמעקן ישראל פון דער מאַפּע און טאַקע נאָר מיט אייער געוווער, דאָס הייסט ביי אייך ניט קיין אַגרעסיע?

וואָלט איר דערלויבט אייערע שכנותדיקע מלוכות מאָרדן אייערע בירגער טאָג איין, טאָג אויס? וואָלט איר ניט באַשטראָפט די מערדער?

ווען די פאָרשטייער פון דער „אונא״ ווילן פאַרמיטלען צווישן ישראל און סיריע, זאָגן די סירער זיך אָפּ פון אויספירן די באַשלוסן, ווי קענט איר דאָס טאָלערירן?

די אַראַבישע מלוכות האָבן זיך געוואָנדן אין „אונא״, אַז די יום העצמאות פייערונגען, וועלכע קומען פאָר אין ירושלים, זיינען אַ פאַרלעצונג קעגן די „אונא״ באַשלוסן, אָבער וואַרפן באָמבעס, מינירן וועגן אין אַ פרעמדער מדינה, דאָס איז ניט קיין פאַרלעצונג פון די „אונא״ באַשלוסן.

איר רופט אָן די דעמאָקראַטישע לענדער „אימפּעריאַליסטן״.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען עס איז באַפרייט געוואָרן פון דעם דייטשן שטיוול, אוקראַינע, ליטע, לאַטוויע, עסטאָניע און אַנדערע לענדער, פאַרוואָס האָט איר דאַן ניט געלאָזט זיי שאַפן באַזונדערע מלוכה־סיסטעמען, לויט זייער צוגאַנג. נאָר איר האָט זיי פאַרבונדן צו רוסלאַנד, אָנגערופן זיי מכלומרשט רעפובליקן און שפּעטער מיט כוח אַפּגעריסן אַ טייל פון פינלאַנד.

דאָס איז ניט אימפּעריאַליזם? אדרבא, לאָזט זיי פריי, וועט מען זען וואָס פאַר אַן אָרדענונג זיי וועלן איינשטעלן.

איז דען עפּעס אַן אונטערשייד ביי אַט די פעלקער, צי זיי זיינען אונטערדריקט דורך רוסלאַנד, אָדער דורך אַ צווייטע מדינה, דאָס איז דאָך איינער און דער זעלבער אימפּעריאַליזם, עס איז ניט קיין אונטערשייד צי עס איז אַ קיסר, אַ מלך, אָדער אַ סטאַלין, אַ כרושטשאָוו, אָדער ווי דער איצטיקער דריילינג, וועלכער רעגירט אין ראַטן־פאַרבאַנד.

„יידישע צייטונג״, 2־טן יוני 1967

פאר דער מפלה: נאצער און זיין געהילף, מארשאל אמער, לאכן...
עס לאכט דער... וועלכער לאכט דער לעצטער

א ווענדונג צום רוסישן פאָלק

איר זענט דאָך שוין גענוג געפּרוווט געוואָרן, ווען די דייטשע האָרדעס זיינען באַפאַלן רוסלאַנד, אויסגעמאָרדעט מיליאָנען אייערע בירגער און חרוב געמאַכט גאַנץ רוסלאַנד.

דאָס האָט איר געהאַט צו פאַרדאַנקען סטאַלינען,, וועלכער האָט געמאַכט דעם אָפּמאַך מיט היטלערן, סטאַלין האָט צוגענומען דאָס ברויט פון אייערע קינדער און אים געשפּייזט, בכדי ער זאָל קענען חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט.

דער סוף איז געווען, היטלער, אַן אָנגעגעסענער פון אייער האָב און גוטס, האָט זיך שפּעטער געוואָרפן אויף אייך רואיקע מענטשן, געמאַרדעט, אָפּגעמעקט אַלץ און איר האָט פאַר אָט דעם אָפּמאַך מיט היטלערן באַצאָלט מיט 20 מיליאָן קרבנות און אינוואַלידן.

היינט האָבן אייערע פירער געמאַכט דעם צווייטן אָפּמאַך, ניט מיט קיין אנדערן ווי מיט דעם מצרישן היטלער, ביי וועמען עס שמאַכטן אין די מצרישע טורמע אייערע חברים, מצרישע קאָמוניסטן און איר מוזט וויסן אַז נאַצער איז אַ פאַרביסענער שונא פון קאָמוניזם, ער איז דער זעלבער דעמאָקראַט ווי עס איז געווען היטלער.

רוסיש פאָלק! איר טאָרט ניט דערלאָזן עס זאָל זיך איבערחזרן דאָס זעלבע פון 1939, דאָס דאַרף זיין אַ קללה דאַטע פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

איר מוזט וויסן אַז נאַצער וויל ניט נאָר פאַרנעמען די ישראל טעריטאָריע, ער וויל אָפּמעקן ישראל פון דער וועלט־מאַפּע, דעם ישראל וואָס אייער מדינה איז געווען פון די ערשטע, וועלכע האָט אים אנערקענט און געהאָלפן.

מען מוז וויסן, אַז אָפּמעקן ישראל, דאָס הייסט אומברענגען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

מען מוז וויסן, אַז דאָס וואָס רוסלאַנד דערקלערט אַז זי גייט מיט די אַראַבישע מדינות און וואָס די אַראַבישע מדינות ווילן, ווייסט דאָך די גאַנצע וועלט, זיי דערקלערן דאָך אָפן אפילו אין „אונאָ" אַז זייער ציל איז אומצוברענגען מדינת ישראל, זיי וואַרטן נאָר אויפן פּאַסנדן מאָמענט, דאָס הייסט: „רוסלאַנד דערקלערט קריג מדינת ישראל".

וויל איצט די זעלבע רוסלאַנד, וואָס האָט אָנגעהויבן די פאַרניכטונג פונעם יידישן פאָלק מיט היטלערס הענט, איצט ענדיקן דורך די מצרישע הענט.

פאַרגעסט אָבער ניט אַז דער נאַצער איז ניט אַנדערש ווי היטלער, שפּעטער, פּונקט ווי היטלער,

וועט ער אויסדרייען זייען געווער צו אייער פאָלק.

האָט איר, רוסיש פאָלק, נאָך ווייניק געלערנט פון היטלער אָפּמאַך? וואָס טאַקע צוליב דעם אָפּמאַך איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט מלחמה און איצט האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַ נאַצער און מיט דעם וויל מען אַרויסרופן די דריטע וועלט־מלחמה.

מען מוז וויסן, אַז אַ מלחמה צווישן ישראל און אַראַבער, דאָס איז אַ וועלט מלחמה און וואָס עס באַדייט היינט אַ וועלט־מלחמה, דאָס איז אן אונטערגאַנג פון דער גאַנצער מענטשהייט.

וועט איר רוסיש פאָלק טאַקע לאָזן אומברענגען די גאַנצע וועלט? דאָס וואָרט האָט איר.

רוסלאַנד רופט אָן מדינת ישראל: אימפּעריאַליסט, מלחמה העצער. אדרבא, זאָגט אַליין, זעט איר דען ניט, אַז דאָס ישראל פאָלק וויל לעבן רואיק און ארבעטן אויף אירע פעלדער און זיי ווערן כסדר באַשאָסן פון די אַראַבישע שכנים.

אפשר וואָלט רוסלאַנד אויסגערעכנט איין פאַל פון אימפּעריאַליזם אָדער אגרעסיע פון ישראל צו אירע אַראַבישע שכנים?

ישראל העלפט אַלע פרישע אַנשטאַנענע אַפריקאַנער מדינות מיט וואָס זי האָט נאָר די מעגלעכקייטן, אַן וועלכן עס איז פאַראויסבאַדינג.

ישראל, אַ פריש אַנטשטאַנען לאַנד, באַשטעטיקט דורך דער „אונאָ" און אַ מיטגליד פון „אונאַ", זי פאַרלאַנגט פון קיינעם גאָרניט, זי בעט נאָר, מען זאָל זי לאָזן לעבן רואיק און אַרבעטן, ווייל מיר האָבן שוין גענוג געהאַט אין אונדזער לאַנגער געשיכטע, אונדזער פאַרלאַנג איז: „לאָזט לעבן רואיק, דאָס איבערבלייבעכץ פון דער היטלער־תקופה".

קען זיין אַז ביי אייערע פירערהייסט, אימפּעריאליזם מלחמה־העצער, ווייל מען לאָזט זיך ניט אויסמאָרדן? האָט איר שוין רוסיש פאָלק געזען, אַז אַ מדינה זאָל לאָזן אויסמאָרדן אירע בירגער און זאָל ניט באַשטראָפן די מערדער?

מיר אין ישראל ווערן געמאָרדעט טאָג איין און טאָג אויס דורך אונדזערע שכנים, איר און די גאַנצע וועלט זעט עס און שווייגט, פונקט ווי מען האָט אויסגעמאָרדעט די 6 מיליאָן יידן און די גאַנצע וועלט האָט געשוויגן.

רוסיש פאָלק! גיט אייער ווירדיקן ענטפער, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ פאָלק ווי איר, פאַרלאַנגט פון אייער רעגירונג, זאָל זי ניט גיסן קיין בענזין אויפן ברענענדיקן פייער.

זעט אז אייער רעגירונג זאָל ווירקן אויף אירע אַראַבישע פאַרבינדעטע, און אויב רוסלאַנד וועט עס נאָר וועלן וועט זיין שטיל אויפן מיטל־מזרח, זאָלן זיי איינגיין אויף אַ שלום מיט ישראל און אָט אַזאַ שלום וועט זיין אַ ברכה פאַרביידע לענדער און פאַר דער גאַנצער וועלט.

ווייל אַ וואָפן־שטילשטאַנד ווי ביז איצט האָט קיין שום ווערט, די גאַנצע צייט פון אָט זייער עקזיסטענץ, האָבן אונדזערע אַראַבישע שכנים כסדר געדראָט אַז זיי

מוזן אומברענגען מדינת ישראל.

אויב די אַראַבישע שכנים טראַכטן אַז זיי וועלן פֿאַרניכטן ישראל, איז עס נאָר אַ טעות, דאָס ישראל פֿאָלק וועט קעמפֿן מיט אַלע מיטלען וואָס זיינען אין איר רשות. ברענגט ניט אַריין אין יאוש, ווייל אַ פֿאָלק, ווען עס פֿאַלט אַריין אין יאוש, וועט עס קיינער ניט באַזיגן.

רוסיש פֿאָלק! זעט און ווירקט אויף די אַראַבער, זאָל ווייטער ניט איבערגעחזרט ווערן דער „תמות נפשי עם הפלישתים״, ווייל מען דאַרף וויסן, אַז אויב עס וועט חלילה דאַרפֿן אומקומען דאָס יידישע פֿאָלק, וועט צוזאַמען מיט אונדז אומקומען אויף די גאַנצע וועלט.

„יידישע צייטונג״, „לעצטע נייעס״ 9־טן יוני 1967



דעמאקראטישע וועלט, וווּ ביסטו?

אַן ענטפער דעם פוילישן פּרעזידענט — אכאב

אייער נאָטע, אַז דאָס קאָמוניס־טישע פּוילן שטיצט די פאָדערונ־גען פון די אַראַבער, נאָר מען דאַרף עס לייזן אויף אַ פרידלעכן אופן.

אמת. ישראל וויל צו יעדער צייט לייזן יעדער פראַגע אויף אַ שלום אופן.

עס שטעלט זיך אָבער די פראַגע, ווו איז געוועזן אייער רעגירונג פון צדק און יושר, במשך פון די 19 יאָר פון ישראלס עקזיסטענץ?

במשך פון די 19 יאָר האָט יש־ראל ניט געהאַט קיין איין רואיקן טאָג אויף אירע גרענעצן מיט אי־רע אַראַבישע שכנים. עס איז אָ־בער ניט געווען קיין איין פאַל, אַז ישראל זאָל מינירן זייערע וועגן, אָדער שיסן אויף אַראַבישע אַר־בעטער.

זיי האָבן כסדר דעקלאַרירט פאַר דער גאַנצער וועלט און אַפילו אין אונאָ, אַז זייער פּלאַן איז, צו פאַר־ניכטן ישראל מיט אירע בירגער.

ווי וואָלט איר, פּוילישער פּרע־זידענט אויפגענומען, ווען אַ לאַנד זאָל אייך זאָגן, אַז זי וועט אייך אומברענגען?

די גאַנצע וועלט האָט היינט אַ־זעלכע אינצידענטן: וויעטנאַם, קאַשמיר, פּאַקיסטאַן, אינדיע און אַפילו רויט כינע. איין מדינה פאַ־דערט פון דער צווייטער טערי־טאָריעס, אָבער קיין איינע וויל ניט אומברענגען דאָס צווייטע לאַנד מיט אירע בירגער..

✶

איצט די פראַגע וועגן די אַראַ־בישע פּליטים. ישראל האָט קיין איין אַראַבער ניט אַרויסגעיאָגט. זיי זיינען אַליין אַנטלאָפן. זייערע פירער האָבן זיי צוגעזאָגט, אַז אין קורצן וועלן זיי קומען צוריק און פאַרניכטן די יידן.

הער פּרעזידענט! צי האָט די פּוילישע רעגירונג, נאָך דער צוויי־טער וועלט־מלחמה, ניט אַליין אַ־רויסגעפירט אַלע דייטשן פון די פריש פאַרנומענע געביטן דורך פּוילן? אַריינגעפירט זיי קיין דייטשלאַנד און אויף זייער אָרט באַזעצט פּאָליאַקן.

ישראל האָט במשך פון איר עק־זיסטענץ אַריינגענומען מער יידן פון די אַראַבישע לענדער, ווי עס זיינען דאָן געווען אַראַבישע פּלי־טים.

די אַראַבישע מדינות האָבן אויך דאָן צוגענומען ביי די אַרויסגע־יאָגטע יידן זייער האָב און גוטס, פאַר וועלכן די ישראל רעגירונג וועט פאָדערן פּיצויים.

איז מה רעש דער גאַנצער ענין

פון פּליטים? ערשטנס, קענען די אַראַבישע מדינות באַזעצן די פּליטים אויף די פּלעצער פון די אַרויסגעיאָגטע יידן פון דאָרט.

צווייטנס, וואָלטן די אַראַבישע מדינות געלאָזן, וואָלט די פּליטים פּראַגע פון לאַנג שוין געווען גע־לייזט.

דער קאפ ווייטיק פון זיכערהייטס ראט

דער זיכערהייטס ראַט איז זייער באַזאָרגט. ער קען בשום אופן ניט דערגיין, ווער עס האָט פריער אָנגעהויבן די מלחמה. פאַרוואָס דאַרף מען ווייט זוכן. דאָס פאַרנעמען שאַרם אל שייך, האָט אָנגעהויבן די מלחמה.

צי מאַכט זיך טאַקע די גאַנצע וועלט אַזוי לעכערלעך? דאָס דאַרף הייסן אַן אינסטאַנץ, וועלכע דאַרף זאָרגן פאַרן וועלט־שלום? ווען דאָס פייער ברענט, די מלחמה איז אין פולן גאַנג, לייגן זיי אָפּ זיצונגען פון איין טאָג אויפן צווייטן, קען זיין, אַז זיי האָבן אפשר געהאַט דערביי אַ מיינונג? זאָל מען דערווייל פאַרניכטן.

צי האָט דען די גאַנצע וועלט ניט געזען, ווי נאַצער פאַראייניקט די גאַנצע אַראַבישע וועלט און רינגלט אַרום ישראל פון אַלע זייטן, געשטעלט די פּאַלעסטינא אַרמיי אין פראָנט און אין זיין רעדע אַ טאָג פאַרן אויסברוך פונעם קריג, האָט ער געזאָגט: „איצט איז געקומען די צייט פון פאַרניכטן ישראל״.

זוכט נאָך אפשר דער זיכערהייטס־ראַט אַן ענטפער אויף אָט דער פראַגע, ווער האָט אָנגעפאַנגען די קריג?

עס ווערט פאַרציילט, אין אַ רוסישע טורמע, איז געזעסן אַ ייד מיט אַ געפערלעכן מערדער, וועלכער פלעגט כסדר שלאָגן דעם ייד און אים געדראָט צו דערמאָרדן.

ווען דער ייד האָט זיך געוואָנדן צום אויפזעער פון דער טורמע און אים דערציילט, אַז דער רוס דראָט אים דערמאָרדן, האָט דער אויפזעער אים געענטפערט: אויב ער וועט דיך דערהרגענען, וועט מען אים משפּטן.

איצט, נאָך דער מפּלה פון די אַראַבישע אַרמייען, מוזן מיר רעווידירן אונזער פּאָליטיק מיט דער גאַנצער וועלט.

עס האָבן זיך צוזאַמענגענומען אַלע מכלומרשטע נייטראַליסטן און אַלע זינגען נאָך אין כאָר דעם גוט באַקאַנטן פּזמון: „בי זשידאָוו, ספּאַסאַי ראָסיאו״ (שלאָג יידן, ראַטעווע רוסלאַנד). אָבער דאָס איז פּונקט אַזוי, ווי מען האַווקעט אויף דער לבנה.

אינדירא גאנדי באַשולדיקט ישראל אין צעפלאַקערן די מלחמה אויפן מיטעלן מזרח, אָבער זי זעט ניט, ווי אירע זעלנער אין אונאָ־כוח, זיינען צוגעשטאַנען צו שוקייריס פּאַלעסטינאַ־אַרמיי און זיי געפינען זיך איצט אין דער ישראל געפאַנגענשאַפט צוזאַמען מיט זייערע חברים.

מאקאריאס: מיינע געדאַנקען און די געדאַנקען פון מיין פאָלק, זיינען מיט אַייער רומפולער אַרמיי, מיר וועלן אייך העלפן.

גינעא. סעקו טורע, האָט אַרויסגעשיקט אַלע ישראל אינסטרוקטאָרן, וועלכע האָבן אים געהאָלפן בויען זיין לאַנד אין יעדן הינזיכט.

מזרח דייטשלאנד. אָטאָ וויצנער, דער אויסערן מיניסטער פון מזרח־דייטשלאַנד, ער וועט העלפן די אַראַבישע לענדער פאַרניכטן די יידן, וועלכע זיצן אין ציון.

יוגאסלאוויע. מאַרשאַל טיטאָ האָט דערקלערט: יוגאָסלאַוויע וועט העלפן די אַראַבישע פעלקער קעגן דער אַגרעסיע פון ישראל.

רוסלאנד. רוסלאַנד, זעענדיק די מפלה פון די אַראַבישע אַרמייען, האָט געפאָדערט, אַז ישראל זאָל איינזייטיק אָפּשטעלן די קאַמפן. דאָס הייסט, זיך לאָזן אויסמאָרדן, ווען ניט וועט ער איבעררייסן די באַציאונגען מיט ישראל.

טשעכאסלאוואקיע. אויך זי איז אַ גלייכע מיט זייערע אַלע, אויך זי פאָדערט, אַז ישראל זאָל איינזייטיק אָפּשטעלן דאָס פייער, ווען ניט, רייסט זי איבער די באַציאונגען מיט ישראל.

ווער האָט זיך אַזעלכעס געקענט פאָרשטעלן. פון איין זייט דער מזרח־בלאָק, וואָס וויל אונז פאַרניכטן און פון דער צווייטער זייט דער מערב־בלאָק, אומבאַהאָלפן. מיר זיינען געבליבן אַליין. פראַנקרייך האָט אונז אַנטוישט. ביי אַמעריקע — ענגלאַנד, איז געווען נאָר מויל־מלאכה, מיר וועלן...

אָבער „לא אלמן ישראל”. אמת, מיר זיינען אַ קליין פאָלק קעגן אַזעלכע ווילדע חיות, אָבער מיר האָבן אַ גרויסן גאָט. מיט אונזער שטאַרקער, רומפולער אַרמיי צה״ל. זיי האָבן אונז ניט אַנטוישט. זיי האָבן פאַרניכטעט אונזערע שונאים, געמאַכט פון זיי אַש און פאָראָך, פונקט ווי אין די צייטן פון יציאת־מצרים. „ויכבד ה׳ את לב פרעה”. אַזוי היינט, בכדי זיי זאָלן באַקומען די מפלה פון דער רומפולער יידישער אַרמיי.

„יידישע צייטונג”, 16־טן יוני 1967

זאָגט, וואָס ווילט איר סאָוויעטן?

נאָך מיט עטלעכע יאָרן צוריק, ווען איר האָט אָנגעהויבן שיקן געווער אין מיטל־מזרח און עס איבערגעגעבן אין די הענט פון די אַראַבישע מדינות, איז זייער ענטפער געווען אַז דאָס געווער איז נאָר צום פאַרטיידיקן זיך.

שפּעטער איז אייער געווער געווען אין די הענט פון אַלע אַראַבישע רוצחים און פאַדייאין, אַלע אָנפאַלן אויף פרידלעכע ישראל בירגער זיינען אויסגעפירט געוואָרן מיטן רוסישן געווער.

ביי דער סיני אַקציע, האָט שוין די גאַנצע וועלט געזען וואָס עס איז געווען אייער מיינונג פון פאַרטיידיקונגס געווער, גאַנץ סיני איז געווען איין גרויסער אַרסענאַל פון אייער געווער, צוגעגרייט נאָך דאַן, איבערצופאַלן ישראל, אָבער שוין דעמאָלט האָבן די אַראַבישע מנהיגים באַקומען איבער די הענט.

זאָגט, פירער פון רוסלאַנד, וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויפן יידישן פאָלק? וואָס האָט אייך דאָס יידישע פאָלק שלעכטס געטאָן? אדרבא, זוכט נאָך אין אייערע אַרכיוון, וועט איר זען, אַז אַ סך קעמפער פאַרן סאָציאַליזם זיינען געווען יידן, אַ סך פאַרשיקטע דורך דעם צאַרישן רוסלאַנד, פאַר פּאַליטיק קיין סיביר זיינען געווען יידן, דורכפירן רעוואָלוציעס האָבן געהאָלפן יידן, ווער איז געשטאַנען ביים וויגעלע צוזאַמען מיט אייך אויב נישט קיין יידן, צום גרויסן באַדויערן, ווער האָט אייך איבערגעגעבן די סודות פון אַטאָם, אויב ניט קיין יידן, די גאַנצע וועלט שרייט, יידן זיינען קאָמוניסטן און רוסלאַנד שרייט, יידן זיינען פאַשיסטן, מלחמה־העצער, פאַרכאַפּער.

זיינען ווייניק יידן געפאַלן אויף די שלאַכט־פעלדער ביים פאַרטיידיקן רוסלאַנד? אָבער די אַראַבישע מדינות מיטן מופטי אין שפּיץ, זיינען געווען אויף דער זייט פון היטלערן.

און טאַקע אַ דאַנק אָט די טראָצקיס, זינאָוויעווס, קאַמיענעווס, ראַדעק, ליטווינאָוו א. א. אַלע יידן זיצט איר איצט אין קרעמל און פאַרפאָלגט דאָס יידישע פאָלק מיט מדינת ישראל ווי עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די שאַרית הפליטה, זיי ווילן זיך אויסלעבן אַ רואיק לעבן און קיינעם ניט שטערן.

איר, רוסיש פאָלק מוזט וויסן אַז מיט דעם סטאַלין־היטלער אָפּמאַך, האָט איר אָנגעהויבן פאַרניכטן דאָס יידישע פאָלק דורך די הענט פון היטלערן, ווילט איר איצט ענדיקן די אַרבעט מיט די הענט פון נאַצערן?

ווייל, וואָלט ניט צושטאַנד געקומען דער היטלער־סטאַלין אָפּמאַך, וואָלט די צווייטע וועלט־מלחמה ניט אויסגעבראָכן און עס וואָלט פאַרמיטן געוואָרן די גאַנצע שואה.

מען מוז וויסן, וואָלט היטלער

ניט איבערגעריסן דעם אָפּמאַך
און אָנגעפאַלן אויף אייך, וואָלטן
די הערשער פון רוסלאַנד געזעסן
און געוואַרעמט זיך ביים פייער,
וואָס היטלער האָט אָנגעצונדן אין
דער גאַנצער וועלט, אָבער באַלד
נאָכן אָנפאַל, האָט רוסלאַנד גע־
שלאָסן דעם פאַקט מיט די מערב
מלוכות און האָט באַלד מיט חוצ־
פּה געשריגן, פאַרוואָס מען עפנט
ניט דעם צווייטן פראָנט? איר
רוסן האָט באַלד פאַרגעסן וואָס
עס איז געווען נעכטן, ווען אייע־
רע פירער האָבן געדרוקט די הע־
נט פון אייערע פריינט די פאַשיס־
טן.

איצט, פאַרן אויסברוך פון קריג,
האָט איר זיך קעגנגעשטעלט פון
פאַרשלאַג אַז די פיר גרויס־מאַכ־
טן זאָלן זען שאַפן אַ שלום אין
מיטל־מזרח.

אָבער איצט נאָך דעם נצחון
פון צה״ל איבער אירע אַראַבישע
אַנפאַלער, העלפט איר שוין ווי־
טער אויפשטעלן די שונאים פון
ישראל, וועלכע ליגענדיק צע־
הרגעטע שרייען זיי שוין ווייטער,
אַז זיי מוזן פאַרניכטן ישראל, ווי
עס זאָגט דר׳ אטאסי, פרעזידענט
פון סיריע, „עס קען ניט זיין
קיין רייד פון שלום, די אַראַבער
וועלן ווייטער פירן דעם קאַמף צו
פאַרניכטן ישראל״, אָדער ווי עס
זאָגט נאַצער: „עס וועט קיינמאָל
ניט זיין קיין שלום צווישן די
אַראַבער און ישראל״, און דאָך
שטראָמט שוין פריש געווער אין
די אַראַבישע לענדער פון רוס־
לאַנד דורך פאַרשיידענע וועגן.

וואָלט ניט געווען גלייכער אז
רוסלאַנד זאָל שיקן ברויט פאַר
דער אויסגעהונגערטער אַראַבי־
שער באַפעלקערונג?

אפילו פאַר באַפרייען אלזשי־
ריע, האָבן ניט ווייניק יידן, פראַנ־
צויזישע בירגער געקעמפט און
זייערע לעבנס אַוועקגעגעבן, בכדי
איצט זאָל דאָרט קענען רעגירן
בומעדיען, וואָס אויך ער וויל
פאַרניכטן ישראל.

איצט ווען עס קומט אַ פאַר־
שלאַג, אַז עס דאַרפן פאָרקומען
דירעקטע פאַרהאַנדלונגען צווישן
ישראל און אירע אַראַבישע שכ־
נים, זענט איר רוסלאַנד קעגן,
קענט איר אַזאַ מין האַנדלונג מאָ־
טיווירן מיט וואָס איר זענט קע־
גן?

דאָס קען הייסן א פאָלק וואָס
וויל שלום? ווי איז אייערע באַ־
רימטע שלום־טויב? און פאַרוואָס
קען דאָ ניט געשאַפן ווערן אַ שלום
אין גייסט פון טאַשקענט?

אייער איינציקע פאָדערונג איז,
ישראל דאַרף צוריק גיין צו דער
גרענעץ פון פאַרן קריג און עס
געפינט זיך אַפילו ניט קיין איין
וואָרט וועגן שלום, מען מוז דאָך
וויסן אז אויף די זעלבע באַדינ־
גונגען פון פריער, קען ישראל
ניט איינגיין, מיר קענען ניט זיין
צווישן האַמער און קאָוואַדלע, ניט
קריג און ניט שלום, נאָר מאָרדן
יאָ, טאָג איין, טאָג אויס.

ווען עס וואָלט חלילה געווען
פאַרקערט, וואָלט רוסלאַנד גע־
פאָדערט אַ צוריקטריט צו די אַלע
גרענעצן? זיכער ניט.

אויב רוסלאַנד איז טאַקע אַ־
זוי און פאַרשטייט אַז די ישראל
אַרמיי דאַרף צוריקגיין, פאַרוואָס

ווייזט איר שלום ליבענדיק פאלק ניט קיין ביישפּיל?

שוין העכער צוואנציק יאר נאך דעם נצחון איבער היטלערן, געפינט זיך נאך דארט אין בערלין אייער מיליטער צווישן די גרויס־מאכט זאנעס, פארוואס ציט איר ניט צוריק אייער מיליטער נאכן נצחון זיג איבער היטלערן?

קען דען ווער זאגן דעם אונטערשייד צווישן היטלער מפּלה און איצט נאצער ־ מפּלה?

עס איז איינס און דאס זעלבע, היטלער האט זיך געשטעלט פאר א ציל צו פארניכטן דאס יידישע פאלק, אויך נאצער האט זיך געשטעלט דעם זעלבן ציל צו פארניכטן ישראל, מען מוז וויסן אז פארניכטן ישראל, דאס הייסט פארניכטן דאס יידישע פאלק און

ווי קען זיך רוסלאנד שטעלן אונטער אזא מין לאזונג, אונטערשטיצן א מדינה, וועלכע פּראקלאמירט עפנטלעך און אפילו אין „אונא”, אז זייער ציל איז, פארניכטן ישראל?

מען דארף ניט איבערחזרן דעם זעלבן פעלער, רוסלאנד איז אריין אין קריג, ווען היטלער איז אים איבערפאלן, דארף מען איצט ניט ווארטן, ביז דער זעלבער היטלער

אין געשטאלט פון נאצער וועט אייך איבערפאלן, זייט וויסן אז ער איז דער זעלבער נאציאנאל־סאציאליסט ווי היטלער און שונא פון קאמוניזם, וואס זיינע טורמעס זיינען פול מיט אייערע חברים, מצרישע קאמוניסטן.

אדרבא, זאגט וואס ווילט איר דאך?

„יידישע צייטונג”, 23־טן יוני 1967

צו דער אויפמערקזאמקייט פון
הער גאמולקא

דער אַרויסטריט פון ה׳ גאָמולקאַ אויפן צוזאַמענפאָר פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, איז געווען אין זעלבן גייסט פון דעם אַמאָליקן אַנטיסעמיטישן פּוילן און טאַקע דערפאַר איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט אַזעלכע הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן.

לויט זיינע רייד, איז ער אויפעברויזט, הלמאי יידן אין פוילן האָבן געמאַכט מסיבות און געטרונקען לכבוד דעם נצחון פון צה״ל.

צי האָט דען דער פּוילישער קאָנסול אין תל־אביב ניט אַרויסגעהאָנגען דעם פּוילישן פאָן לכבוד דעם נצחון פון צה״ל? (לויט דער דערקלערונג פון „יידישע צייטונג״).

און צי פייערן דען ניט די פּוילישע בירגער אין ישראל און אין דער גאַנצער וועלט, די נצחונות פון פּוילן?

און מיט וואָס שטעלט ער זיך אַרויס גרויס, אַז ער האָט אַרויסגעלאָזן די יידן פון פּוילן פאָרן קיין ישראל, האָט דען ניט יעדער מענטש דאָס רעכט צו פאָרן ווו נאָר ער וויל? לאָזט דען ניט אַרויס די גאַנצע וועלט פּוילישע בירגער, ווי זיי ווילן נאָר פאָרן?

צי זיינען טאַקע פון ישראל ניט צוריקגעפאָרן אַלע פּאָליאַקן פון אַנדערס־אַרמיי? האָט דען ווער זיי געשטערט?

וואָס איר האָט געזאָגט: אַז לויט אייער מיינונג, אַז פאַר יעדן פּוילישן בירגער דאַרף זיין איין און איינציק פאָטערלאַנד, פאָלקס־פּוילן.

צי געפינען זיך ווינציק פּאָליאַקן אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט? ווי געפינען זיך דען ניט קיין נאַציאָנאַלע מינדערהייטן?

און וועגן די באַציאונגען צו אַלע בירגער, אָן אונטערשייד, אפשר וואָלט איר געקענט אויסרעכענען, וועלכע יידן געפינען זיך היינט אין דער פּוילישער רעגירונג, וואָס ביים אַנטשטיין פון פאָלקס־פּוילן, זיינען זיי געווען אין זייער אַ גרויסער צאָל.

מיר געדענקען נאָך גוט די היסטאָריע פון אייערע גרויסע העלדן, ווי באָגדאַן כמיעלניצקי און אַנדערע, וועלכער האָט דאַן פאַרניכטעט אַ גרויסן טייל יידן אין פּוילן.

מיר געדענקען נאָך גוט, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אייערע פּוילישע העלדן פּעטלורע מיט זיין באַנדע, וועלכע האָבן געמאָרדן יידן און געשניטן בערד מיטן פלייש, נאָך דאַמאָלס שוין באַוויזן די היטלער מעשים.

שפּעטער דער פּאָגראָם אין פּשיטיק, מיט אירע מערדערלעכע רציחות, עס איז ממש ניט געווען קיין איין רואיקער טאָג פאַר די יידן אין פּוילן.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, שוין אין פאָלקס־פוילן, ווען עס האָבן זיך צוריקגעקערט פון רוסלאַנד אירע פוילישע בירגער, די יידן, ווי אַזוי האָט מען זיי אויפגענומען? באַלד ביים אָנקומען מיט דער באַן קיין בעלזשעץ, ווי עס איז געווען דער פאַרניכטונגס־לאַגער, האָבן זיך די יידן פון עשאַלאָן געוואָנדן צום מיליטער־קאָמענדאַנט, מען זאָל זיי דערלויבן גיין באַזוכן די מאַסן־קברים, האָט מען זיי דערלויבט און ווי די יידן האָבן זיך נאָר דערווייטערט פון די וואַגאָנען, זיינען זיי באַפאַלן דאָס פוילישע מיליטער און זיי מערדערלעך געשלאָגן, דאָס איז געווען דער ברוכים הבאים.

ווי מען האָט נאָר געזען אַ יידן, האָט מען אים אָנגעוויזן אויפן האַלדז און אים אָנגערופן „ניע דאָרעזאַני" (דער ניט דערשחטנער).

שפּעטער דער פּאָגראָם אין קעלץ וווּ מען האָט געמאָרדעט יידן אין די גאַסן און פון די לויפנדיקע באַנען זיי אַרויסגעוואָרפן. דאָס איז שוין געווען נאָכן אומברענגען 6 מיליאָן יידן..

דער בעסטער סימן, דייטשלאַנד האָט ניט געפונען קיין בעסערן פּלאַץ, ווי אומצוברענגען דאָס יידישע פאָלק, נאָר אויף דער פּוילישער ערד.

ניט ווייניק יידן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך זייערע מיטבירגער, שוין נאָך דער מלחמה, אין דעם באַפרייטן פוילן.

ווו זענט איר, הער גאָמולקאָ געווען? ווען די ריחות פון די ברענענדיקע יידן אין די גאַז־קאַמערן האָבן געשטיקט. פאַרוואָס האָט מען ניט געהערט אייער פּראָטעסט?

ווי זענט איר געווען?? ווען אייערע פּאַליאַקן האָבן אויסגעזוכט באַהאַלטענע פּוילישע יידן. אויפאַר איין קילאָ צוקער, האָט ער זיי איבערגעגעבן די דייטשן־מערדער צום פאַרניכטן און ניט ווייניק פּאַליאַקן האָבן די אַרבעט מיט שמחה אַליין אויסגעפירט..

וואָס האָט איר, פּויליש פאָלק, אָפּגעצאָלט דעם יידישן פאָלק, פאַר זייערע פאַרמעגן, וואָס זיי האָבן אייך איבערגעלאָזט?

עס איז שוין איצט איבעריק צו פרעגן ווו זענט איר געווען? מען קען שוין פרעגן, ווי זענט איר איצט? וואָס עס איז פאָרגעקומען ביים פאַרלאָזן פון דעם ישראל קאָנסולאַט אין וואַרשע, אַזאַ מין האַנדלונג, גרענעצט זיך שוין מיט כוליגאַניזם..

דאַקעגן האָט איר געדאַרפן זען, ווי דער פּוילישער קאָנסול, מיט זיינע מיטאַרבעטער, האָבן פאַרלאָזן ישראל, באַקומענדיק מתנות און זיין באַגריסונג איז געווען: שלום ולהתראות.

אויב איר רופט אָן ישראל אַגרעסאָרן, ווי זענט איר געווען, ווען אַלע אַראַבישע מדינות האָבן זיך פאַראייניקט, ארומגערינגלט ישראל פון אַלע זייטן און פאַרשלאָסן דעם טיראַן־דורכגוס, דאָס איז ניט קיין אַגרעסיע? וואָס איז דאָס אַנדערש ווי דאַנציק?

וואָס האָט איר געמיינט, אַז די יידן וועלן זיך לאָזן אויסשחט׳ן, ווי אין די אַמאָליקע צייטן?

איצט, נאָכן צה״ל נצחון, ווען מען האָט געפונען אַלע מלחמה־פּלענער פון די אַראַבישע מלוכות איז דאָך שוין קלאָר פאַר דער גאַנצער וועלט, וואָס די אַראַבישע מדינות האָבן געמיינט. זיי האָבן געטראַכט, אַז ישראל וועט זיי אַריינפאַלן, ווי פאַרטיקע פּירות, אָבער ווי זאָגט דאָס ווערטל: „זיי האָבן געטראַכט און גאָט האָט געלאַכט״. זיי האָבן באַקומען אַזאַ מפּלה, וועלכע די וועלט האָט ניט געזען.

נאָך אַזאַ פאַטאַלן דורכפאַל, טראָגן זיך אַלע אָפּ. אָבער דאָ איז עס פאַרקערט. זיי ווילן מיט כוח אויפשטעלן דעם „גולם״.. עס שטראָמט שוין פריש געווער. איז עס ווייטער אויף שלום? וואָלט ניט גלייכער געווען צו שיקן ברויט פאַר דעם אויסגעהונגערטן מצרישן פאָלק? מען קען זיין זיכער, אַז פאַר די מיליאַרדן דאָלאַרן, וועלכע זיינען איצט פאַרלוירן געגאַנגען, וואָלט מען געקענט לייזן די פּליטים־פּראַגע..

אויך איר, הער גאָמולקאַ, פאַרשטייט, אַז ישראל דאַרף צוריקגעבן די פאַרנומענע געביטן אָן וועלכן עס איז תנאי?

פאַרוואָס זאָלט איר טאַקע נישט געבן דעם ביישפּיל. אפשר וואָלט אייך ווער נאָכגעטאָן, אדרבא, גיט אָפּ די פאַרנומענע געביטן פון דייטשלאַנד, וועלכע רוסלאַנד האָט אייך געגעבן פאַרן לעמבערגער קאַנט וואָס זיי האָבן ביי אייך צוגענומען.

דאָס יידישע פאָלק האָט גענוג באַצאָלט, גענוג יידן זענען געפאַלן אין דעם פּוילישן לעגיאָן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. גענוג יידן זענען געפאַלן אין די פּאַרטיזאַנער קאַמפן און נישט ווייניק זענען אומגעקומען פון זייערע אייגענע מיטבירגער די פּאָליאַקן און גענוג זענען געפאַלן ביים באַפרייען דאָס איצטיקע פּוילן.

און טאַקע אויף אַזאַ אופן דאַנקט אָפּ די פּוילישע פאָלקס־רעפּובליק דעם יידישן פאָלק פאַר די כסדרדיקע צרות און פּיין, וואָס ס׳איז געשטאַנען אין פּוילן. עס ווערט דערציילט: וולאַדיסלאַוו איז געגאַנגען אין ווארשע אין אַ זונטיקדיקן ליכטיקן טאָג מיט אַ רעגן־שירם.

גייט צו אים צו זיינער אַ חבר און פרעגט אים: וולאַדיסלאַוו וואָס עפּעס אין אַזאַ שיינעם טאָג מיט אַ רעגן־שירם?

דערויף האָט אים וולאַדיסלאַוו געענטפערט: „אין מאָסקווע רעגנט״.

„לעצטע נייעס״ 11־טן יולי, „יידישע צייטונג״ 14־טן יולי 1967

קיין איין פּליט טאָר נישט צוריק־קומען

דאָס צוריקנעמען די פּליטים קיין ישראל איז אַ גרויסער פעלער.

מיר דאַרפן זיין פאַראינטערעסירט, אַז זיי זאָלן האָבן ביי זיך וואָס מער פּליטים, ווייל דאָס פאַרשאַפט זיי גרויס שאָדן און קאָפּ־ווייטיק.

ווו האָט זיך אַזעלכעס געהערט, אַז אין ברען פון קריג, זאָל מען צוריקנעמען די פּליטים פון אָט דעם קעמפערישן שונא און איבערהויפּט נאָך, נאָך די לעצטע דערקלערונגען פון ירדן, סיריע און איראַק, אַז זיי זענען מיט אונדז אין קריגס־צושטאַנד און אַז „פאַר זיי איז די מלחמה נאָך נישט פאַרענדיקט" — איז פאַרוואָס זאָלן מיר זיי פאַרגרינגערן און אַריינ־נעמען די פּליטים, וועלכע שטעקן זיי ווי אַ ביין אין האַלדז.

מען מוז וויסן, אַז אויב די באַפעלקערונג פון אַ באַזעצטן געביט קען זיך פאַרגינען צו מאַכן אַ שטרייק, אַדער שיקן אַ פּעטיציע, מיטן מאָטיוו, זיי ווילן געהערן צום שונא — טאָר מען קיין איין פּליט נישט אַריינגעמען, ווייל דאָס קען שאַפן אַ פינפטע קאָלומנע.

ווער געדענקט נישט ווי דאָס „יודישע" רוסלאַנד האָט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה באַזעצט פּוילן. צי האָט כאָטש איינער פון פּוילישן פאָלק זיך פאַרגונען צו פּראָטעסטירן?

ווער געדענקט נישט וואָס די „יושרדיקע" רוסישע באַזעצונגס־אַרמיי האָט געמאַכט אין אונגאַרן, ווען די דאַרטיקע בירגער האָבן זיך פאַרגונען צו זאָגן, אַז זיי שטימען נישט איין מיט דער מאַכט. רוסישע טאַנקען האָבן אין בודאַפּעשט געשאָסן אויף די בירגער און מיט אַ מערדערישער האַנט אַלץ איינגעשטילט.

אַבער ביי אונדז איז פאַרקערט ווי אין דער גאַנצער וועלט. מיר ווילן ווייזן, אַז מיר זענען פּויפּסטלעכער פונעם פּויפּסט. אַבער אונדזער הומאַניטאַרישקייט קען אונדז גרויס שאָדן פאַרשאַפן, הלוואי נישט.

נאָך אינטערעסאַנטער איז, אַז עס קומען מענטשן און זאָגן, אַז מיר דאַרפן שאַפן אַן אַראַבישע פעדעראַציע פון די פּליטים.

מען מוז אַבער וויסן, אַז שאַפן אַ פעדעראַציע מוז מען מיטן גוטן ווילן פון די אַראַבישע פּליטים.

פרעגט זיך אַ פראַגע, וואָס וועלן מיר טאָן, אויב אין אַ קורצער צייט נאָכן שאַפן אַזאַ מין פעדעראַציע, וועלן קומען די אַראַבער און זאָגן: „מיר ווילן נישט זיין מיט אייך, ישראל, אין שותפות, מיר ווילן בעסער זיין אין שותפות מיט אונדזערע אַראַבישע ברידער".

וואָס וועלן מיר דאַן טאָן? מיט כוח וועלן מיר זיי נישט קענען נייטן אַז זיי מוזן זיין מיט אונדז אין א פעדעראַציע, וועט קומען צו נאָך גרעסערע קאַמפן, עס וועט נאָך האָבן צוגעקומען אַ פרישע אַראַבישע מדינה, אַ מדינה, וואָס מיר האָבן אַליין אויפגעשטעלט. אפשר האָבן מיר נאָך ווייניק פון דער מתנה פון ענגלאַנד, מיטן אויפשטעלן די האַשעמיטישע מדינה „ירדן".

און איבערהויפּט נאָך ווען מען זעט, אַז פעדעראַציעס, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין משך פון יאָרן, צעפאַלן זיך.

דער איינציקער אויסוועג: נישט אַריינגעמען קיין פּליטים און נישט שאַפן קיין פעדעראַציע, וועט פאַר אונדז זיין בעסער און געזינטער.

„לעצטע נייעס", 29־טן סעפטעמבער 1967

אפּענער בריוו צום לאָרד בערטראַנד ראַסעל

לויט די ידיעות פון מעריב פון דעם 7.9.67, גרייט לאָרד ראַסעל שטעלן ישׂראל צום משפּט, פאַרן באַנוצן נאַפּאַלם באָמבעס קעגן די אַראַבישע אַגרעסאָרן אויף ישׂראל און וועגן די אַראַבישע פּליטים.

עס זעט באמת אויס קאָמיש, אַז אַזאַ הויכגעשעצטער לאָרד, זאָל ניט זען ווייטער ווי נאָר דאָס וואָס עס איז לעצטנס געשען.

דעריבער וועל איך דערמאָנען דעם הער לאָרד, די געשעענישן פון אַ שטיקל צייט, צרות פונעם יידישן פאָלק.

נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט דער דעמאָלטדיקער פעלקער־בונט איבערגעגעבן דעם מאַנדאַט איבער ארץ ישׂראל צו ענגלאַנד, בכדי צו שאַפן פאַרן יידישן פאָלק אַ נאַציאָנאַלע היים.

דער סוף איז געווען, ענגלאַנד האָט צוליב איר פּאָליטיק איינגעפירט דעם סערטיפיקאַטן ־ סיסטעם און זי האָט אַזוי באַגרענעצט, אַז עס איז כמעט ניט געווען מעגלעך דאָס אַריינקומען פון יידן קיין ישׂראל.

אָט טאַקע די עוולה האָט דער הער לאָרד ניט געזען?

דער סוף איז געווען, דאָס יידישע פאָלק איז געוואָרן אַרויסגעשטויסן פון אַלע ערטער ווו זיי זיינען געווען און אויך דער גרויסער דרוק פון אַנטיסעמיטיזם, האָט דאָס יידישע פאָלק אָנגעהויבן זיך רייסן קיין ישׂראל „אומלעגאַל“, פאַר וועלכן ענגלאַנד האָט פאַרשלאָסן די טויערן, געשאַפן אין ציפּערן לאַגערן און דאָרט פאַרשפּאַרט אַלע וועלכע זיינען געקומען קיין ישׂראל „אומלעגאַל“, ניט אין קיין בעסערע באַדינגונגען ווי עס געפינען זיך איצט די אַראַבישע פּליטים.

צי האָט דער הער לאָרד דאַן געפּרוווט שטעלן ענגלאַנד צום משפּט?

אדרבא, זאָגט אַליין, האָט דען ישׂראל אַרויסגעיאָגט איין אַראַבער, זיי זיינען אַליין געלאָפן ווערן פּליטים, די אַראַבישע הערשער האָבן זיי צוגעזאָגט, אַז אין קורצן וועלן זיי צוריקקומען און זיך טיילן מיט האָב און גוטס פון די יידן.

ווען היטלער האָט אַנעקסירט מיט כוח עסטרייך און טשעכן פאַרוואָס האָט דער לאָרד ניט געפּרוווט שטעלן היטלערן צום משפּט?

די גאַנצע וועלט האָט געזען אַז דער אָפּמאַך צווישן סטאַלין און היטלערן איז אַן אונטערגאַנג פאַר דער מענטשהייט און דאָס האָט טאַקע געבראַכט צום אויסברוך

פון דער צווייטער וועלט מלחמה.

ווו איז דאַן געווען דער הער לאָרד? האָט איר געפּרוווט טאָן עפּעס קעגן דעם?

ווו זענט איר הער לאָרד ראַסעל געווען? ווען רוסלאַנד האָט גענומען אַלע פּליטים אין דער צווייטער וועלט מלחמה פון אַלע דאַן פאַרנומענע געביטן און זיי פאַרשיקט קיין סיביר, אויף קאַטאָרגע אַרבעט.

ווו זענט איר הער לאָרד געווען? ווען היטלער האָט אומגעבראַכט זעקס מיליאָן יידן, ווען דער ריח פון די ברענענדיקע יידן אין די גאַז־קאַלערן האָט די גאַנצע וועלט געשטיקט.

ווו זענט איר הער לאָרד געווען? ווען שיפן מיט יידישע פּליטים זיינען אַנטלאָפן פון היטלער גיהנום און קיין איינער פון דער גרויסער וועלט האָט ניט געעפנען פאַר נויטיק צו עפענען פאַר זיי די טויערן און אַריינלאָזן, ביז זיי זיינען אומגעקומען אָדער אומגעבראַכט געוואָרן אויפן אָפענעם ים, ווי די מעשה מיט דער שיף „סטרומאַ".

אין יאָר 1948 ווען די „אונאָ" האָט באַשטעטיקט די יידישע מדינה, זיינען איר באַלד באַפאַלן אַלע אַראַבישע מדינות, מען מוז דאָך וויסן, אַז דאָס האָט געהייסן, דערקלערן קריג דער „אונאָ", ווייל די „אונאָ" האָט דאַן געשאַפן די יידישע מדינה און ווען די אַראַבישע מדינות האָבן זיך געוואָרפן אויף דער פריש אַנטשטאַנענער מדינה, ווו איז דאַן געווען דער הער לאָרד ראַסעל? האָט ער דען געפּרוווט פּראָטעסטירן קעגן דעם אָט ווילקירלעכן אַקט?

הער לאָרד ראַסעל, זעט איר דען ניט ווי די יידן אין רוסלאַנד ווערן שיקאַנירט אויף יעדן טראָט? פאַרוואָס הערט מען ניט אייער פּראָטעסט?

איצט דער קריג אין תימן, ווייסט דען ניט דער הער לאָרד ראַסעל אַז נאַצער וואַרפט „נאַפּאַלם באָמבעס" אויף דעם תימנישן פאָלק? אויך דאָרט אַנטלויפן די בירגער און עס שאַפן זיך פּליטים, פאַרוואָס שטעלט איר ניט נאַצערן צום משפט?

צי האָט דער הער לאָרד ראַסעל ניט געוווּסט אַז טאָג איין טאָג אויס פלעגן די סיריער באַשיסן פון דער „רמה" אונדזערע קיבוצים, וועלכע פלעגן פרידלעך באַאַרבעטן די פעלדער, און יעדן טאָג זיינען געווען קרבנות, פאַרוואָס האָט איר טאַקע ניט געשטעלט סיריע צום משפט?

ווען נאַצער האָט פאַרמאַכט דעם אינטערנאַציאָנאַלן וואַסער וועג אין „סועץ" פאַר ישראל שיפן און זיי זיינען געווען געצווינגען אַרומצוקרייזן אַ האַלבע וועלט, דאָס האָט דער הער לאָרד ראַסעל ניט געזען?

ווען נאַצער האָט מיט כוח פאַרמאַכט פאַר ישראל דעם „טיראַן־דורכגוס", באַזעצט דעם סיני, געשטעלט שוקיירים ארמיי אויף דער גרענעץ מיט ישראל, איראַק און אַלזשיר האָבן געשיקט זייער מיליטער קיין מצרים און ירדן, ירדן האָט געעפנט אירע טויערן

פאַר שוקיירין, די אַלע אַראַבישע לענדער האָבן דאָך כסדר געזאָגט אַז זייער ציל איז אומצוברענגען ישראל, דאָס האָבן זיי אפילו געלאָזט הערן אין „אונאָ“.

האָט איר הער לאָרד ראסעל ניט געהערט די רעדע פון נאַצערן צוויי טעג פאַר דעם אויסברוך פון דער 6־טאָגיקער מלחמה, „איצט איז געקומען די צייט צו פאַרניכטן ישראל“. ווי זענט איר דאַן הער לאָרד ראסעל געווען? פאַרוואָס האָט איר דאַן ניט געלאָזט הערן אייער וואָגיק וואָרט?

אַ שריפה דאַרף מען לאָקאַליזירן ווען זי הויבט נאָר אָן ברענען, ווייל ווען דאָס פייער האָט זיך שוין גוט צעפלאַקערט, איז עס שווער איינצושטעלן.

צי ווייסט איר דען ניט הער לאָרד ראסעל, אַז אַלע יידן אין די אַראַבישע לענדער, דאָרטיקע בירגער, געפונען זיך אין די לאַגערן, אדרבא, זאָגט, וואָס טוט איר פאַר זיי?

דאָס הייסט, איר גייט מאכן אַ משפט די ישראל יידן פשוט ווייל זיי האָבן זיך ניט געלאָזט אויסשחטן.

מען דערציילט, אין פוילן ווען עס האָט געבושעוועט דער אַנטיסעמיטיזם, איז אַ ייד געגאַנגען אין גאַס, האָט אַן אַנטיסעמיט געוואָרפן אויף אים אַ שטיין, ווען דער ייד האָט געזען אַז דער שטיין וועט אים טרעפן אין קאָפּ, האָט ער זיך איינגעבויגן און דער שטיין איז אַריין אין א שויב פון אַ קריסטלעכן געשעפט און זי צעבראָכן.

דער סוף איז געווען מען האָט דעם ייד געמאַכט אַ משפט, פאַר וואָס ער האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און מיט דעם גורם געווען אַז די שויב זאָל אויסגעהאַקט ווערן.

וואָס טויגן די אַלע משפטים? ווער וועט זיי הערן און וואָס פאַר אַ נוצן וועלן זיי דען ברענגען? זעט בעסער הער לאָרד ראַסעל צו ווירקן אויף די אַראַבישע שכנים, זיי זאָלן איינגיין אויף אַ שלום מיט ישראל, ווייל דער שלום אין דעם געביט וועט ברענגען גליק פאַר אַלע פעלקער וואָס באַוווינען אים.

די גאַנצע וועלט ווייסט דאָך, אַז דער מצב וואָס איז געווען ביז דער 6 טאָגיקער מלחמה, קען שוין מער ניט זיין, און כאָטש די אַראַביש מדינות: ווי מצרים, סיריע און ירדן אפילו ווען זיי ליגן צעהאַקטע, דאַן שטערט זיי ניט אין כאַרטום צו באַשליסן אַז זיי וועלן ניט איינגיין אויף קיין שום שלום מיט ישראל, און סיריע מיט ירדן פאָכן ווייטער מיט זייערע צעבראָכענע שווערדן.

הער לאָרד ראסעל, איר זאָגט דאָך אַז יעדער סכסוך צווישן מדינות מוזן און קענען געלייזט ווערן אויף אַ פרידלעכן אופן, אדרבא, באַווייזט עס.

„יידישע צייטונג“, 13־טן אקטאבער 1967

הבא להורגך, השכם והורגו

דאָס דערטרינקען די שיף „אילת”, דאָס שיסן אויף ישראל עראָפּלאַנען און דערמאָרדן זייערע פליער, און אַלץ אין דער צייט פון אַ פייער־איבעררייס, איז עס אַ מערדערישער אַקט, דאָס זיינען פאַרברעכנס קעגן די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן.

דאָס איז אַלץ צוליב דעם שטראָמען פון געווער און טעכניקער פון רוסלאַנד און פון דער רעדע פון גענעראַל דע גאָל, דאָס גיט זיי צו מוט אויף פרישע מערדערלעכע זאַכן.

און דער רעזולטאַט פון דעם איז, די דיווערסיע־אַקטן, וועלכע קומען כמעט פאַר יעדן טאָג, וועלכע איז פאַר ישראל אַ ניט אָנגענעמער ענין, ווייל אונדזער ציל איז צו שאַפן און בויען און זיי קומען צעשטערן און פאַרניכטן.

דעריבער מוז זיין אונדזער אויפגאַבע איצט, איינצופירן אַ שטאַרקע האַנט, בכדי צו ענדיקן איין מאָל פאַר אַלע מאָל מיט די דיווערסיע־אַקטן און דער געזעץ פון דער שעה איז איצט:

1) עס מוז ווערן איינגעפירט ט ו י ט ־ ש ט ר אָ ף , פאַר יעדן דיווערסאַנט וואָס מען כאַפּט מיט געווער אין האַנט, ווייל ער איז דאָך געקומען מיט דער מחשבה צו הרגענען און פאַרניכטן אין ישראל.

עס וואָלט זיך ניט געפונען קיין איין מדינה אויף דער וועלט, וועלכע וואָלט אַזאַ צושטאַנד געדולדעט, מכלומרשט געבן פאַר דיווערסיע אקטן, עטלעכע יאָר תפיסה.

מען דאַרף פאַרשטיין אַז כמעט די אַלע דיווערסאַנטן מאַכן עס ניט אידייאיש, זיי טוען עס פאַר אַ גוטן לוין און צום סוף, אויב מען כאַפּט אַזאַ, פאַלט ער אריין אין אַ ישראל תפיסה, ווי ער האָט פאַר זיך אַן ערהאָלונגס־פּלאַץ.

אַבער אַז ער וועט וויסן, אַז עס וועט אים קאָסטן זיין לעבן, וועט ער טאַקע ניט גיין.

2) מען דאַרף ניט באַנוצן קיין מיליטער־אַקציע קעגן דיווערסיע־אַקטן, מיר מוזן איינפירן אויך ביי אונדז אַזאַ מין „אל פאטאך” קעגן די אַראַבישע לענדער, עס מוז זיין: „עין תחת עין”, מען מוז זיי ווייזן, אַז זייער וועג קיין ישראל איז ניט נענטער ווי פון ישראל צו זיין.

אַז מיר וועלן איינפירן דיווערסיע־אַקטן אויף זייער טעריטאָריע, וועלן זיי ערשט נעמען פאַרשטיין אַז זיי שפּילן זיך מיט פייער, ווייל עס וועט ליידן די עלטערן און משפחה פון דעם זון, וואָס איז געגאַנגען מאַכן דיווערסיע אין ישראל.

מען קען ניט אָפלענקען פון די געזעצן פון דער תורה וואָס זאָגט: „הבא להורגך, השכם והורגו”.

—•—

מיט דעם לעצטן אַרויסטריט פון דעם גענעראל דע־גאָל, האָט ער באַוויזן זיין אמתן פרצוף, ער פאָדערט נאָר איין קלייניקייט:

1) אַ צוריקטריט פון אַלע פאַרנומענע געביטן, ניט דערמאָנענדיק אפילו קיין איין וואָרט פון שלום.

2) וועגן אינטערנאַציאָנאליזירן ירושלים.

אדרבא, הער דע־גאָל, אפשר וואָלט איר געגעבן דעם ביישפּיל, שוין העכער 20 יאָר נאָך דער היטלער קאַפּיטולאַציע און איר האַלט נאָך די זאָנע אין מעריב בערלין, פאַרוואָס פאַרלאָזט איר זי ניט?

צי איז דען היטלער געווען אַ גרעסערער שונא דעם פראַנצויזישן פאָלק, ווי די אַראַבישע מדינות ישראל? (דע גאָל אַליין איז דאָך שוין געפאָרן קיין דייטשלאַנד און דאָרט גערעדט דייטש) זיכער ניט, היטלער האָט נאָר געוואָלט באַהערשן פראַנקרייך, אָבער די אַראַבישע מדינות האָבן געוואָלט פאַרניכטן ישראל און די יידן אַריינוואַרפן אין ים.

וועגן דעם וואָס איר פאַדערט צו אינטערנאַציאָנאליזירן ירושלים, לייענט הער דע־גאָל די „ביבל”.

ווען גאָט האָט צוגעזאָגט משהן: „ולזרעך אתן את הארץ הזאת”, געמיינט מיט ירושלים, דאַן איז דאָך ניט געווען קיין דע־גאָל וואָס זאָל אַזעלכעס פאָדערן.

און טאַקע אויף דעם היסטאָרישן באַזיס האָט דער „אונאָ” באַשטעטיקט ישראל פאַרן יידישן פאָלק.

הער דע גאָל, קעגן גאָטס געזעץ וועט איר גאָרניט קענען אויפטאַן, ירושלים איז אונדזער, ווי פּאַריז איז פראַנקרייכס, ווי מאָסקווע איז רוסיש, ווי לאָנדאָן איז ענגלאַנדס א. א. וו.

און אויב עס גייט אייך אין דעם וואָס אין ירושלים געפינט זיך הייליקטימער פאַר אַלע רעליגיעס, שטאַמען זיי דאָך אַלע פון אונדז יידן און מיר וועלן אַלע הייליקטימער פעסט טאָלערירן פאַר אַלע נאַציעס.

זעט דען ניט דע גאָל די ליגנערישע פּאָליטיק פון די אַראַבישע לענדער, אַז אפילו נאָך דעם באַשלוס פון „אונאָ” צו שיקן אַ ספּעציעלן שליח אויפן מיטל־מזרח וועגן איינשטעלן אַ שלום צווישן די אַראַבער און ישראל, דערקלערט נאַצער עפנטלעך:

„עס וועט קיינמאָל ניט זיין קיין שלום צווישן די אַראַבער און ישראל, דער איינציקער וועג איז, צו פאַרניכטן ישראל”, אָדער: אפילו צוריקציענדיק די ישראל־כוחות פון די פאַרנומענע געביטן, דינט עס נאָך ניט אַלס טעמע פאַר פאַרהאַנדלונגען”.

דאָך געפינען זיך אַזעלכע, וועלכע פאָדערן אַ צוריקטריט פון די פאַרנומענע געביטן, זיי פאַרשטייען ניט, אַז ווען ישראל האַלט די

פאַרנומענע געביטן, ווילן די אַראַבער ניט הערן פון קיין שלום, ווילן זיי שפּעטער נאָכן צוריק־ציען, זיך פון אונדז אויסלאַכן.

—•—

די וועלט זעט די אַראַבישע פּליי־טים, פאַרוואָס זעט ניט די זעל־בע וועלט, ווי די אַראַבישע לענ־דער און רוסלאַנד פאַרניכטן די דאָרטיקע יידן גייסטיק און פי־זיש?

דאָך זעט מען אז ביי אַ גוטן ווילן קענען אַזעלכע שטרייטן גע־לייזט ווערן, למשל: דער הסכם צווישן אינדיע ־ פּאַקיסטאַן, אָ־דער ווי איצט צווישן גריכנלאַנד און טערקיי.

דאָס זיינען געווען פראגן ניט ערגערע ווי די פון ישראל מיט די אַראַבישע לענדער, עס דאַרף נאָר זיין אַ גוטער ווילן.

דעריבער ווענדן מיר זיך צו די גרויסמאַכטן, לייגט אַוועק איי־ערע חשבונות צווישן זיך, ווייל אין אייער קאַמף ווערן די קליי־נע צעמאַלן, ווי זאָגט מען עס: „צווישן דער קימפּעטאָרן און דער וואַרטאַרן, ווערט דאָס קינד דער־דריקט".

„יידישע צייטונג", 15־טן דעצעמבער 1967

די אַראַבער שאַרפן זייערע שווערדן אומצוברענגען די יידן,
אבער צה"ל האט זיי די שווערד צעבראכן

פעלערן, וועלכע מוזן אויסגעבעסערט ווערן

1

אויטאָבוסן

אין דער גאַנצער וועלט פירט זיך, אַז דער נהג פון אַן אויטאָבוס אָדער אַ טראַמוויי, רופט אויס אויפן קול דעם נאָמען פון יעדער סטאַציע אָדער געגנט.

אַז איר פרעגט דעם נהג אין דער גאַנצער וועלט, ווו עס געפינט זיך די און די געגנט, פאַרנויגט ער זיך פאַר אייך העפלעך און זאָגט.

ביי אונדז איז פונקט פאַרקערט ווי איך דער גאַנצער וועלט. ניט נאָר דער נהג רופט ניט אויס דעם נאָמען פון דער סטאַציע, נאָר אַז מען פרעגט אים וועגן אַ גאַס, ענטפערט ער פראַסט און פשוט „כ'ווייס ניט".

עס פרעגט זיך אַ פראַגע. צי דאַרף טאַקע ניט וויסן דער נהג ווו עס געפינען זיך די גאַסן אויף וועלכע ער פאָרט? אויב ער דאַרף ניט וויסן, איז פאַרוואָס דאַרפן עס יאָ וויסן די נהגים אין דער גאַנצער וועלט?

עס וואָלט געווען אַ יושר פון „אגד" און „דן", זיי זאָלן געבן אַ לעקציע געאָגראַפיע זייערע נהגים און זאָלן זיי וויסן ווי אויסצורופן די נעמען פון די סטאַציעס און געגנטן ווו זיי פאָרן.

מען מוז וויסן, זיי די נהגים פון די אויטאָבוסן פאַרדינען ניט ווינציקער ווי וועלכער עס איז אַנדערער אָנגעשטעלטער, וועלכע באַדינען זייערע קליענטן זייער העפלעך.

—•—

די תחנות

דער אויטאָבוס נומער 1 האָט פריער געהאַט זיין תחנה אויף הרצל־גאַס, ווייטער, נעענטער צו דרך יפו—תל־אביב. לעצטנס האָט מען זי איבערגערוקט אויף רחוב הרצל פינת מרכז־מסחרי.

עס איז באמת ניט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי מאַכט מען אויף אַזאַ פלאַץ אַ תחנה?

פון מרכז־מסחרי פון דער זייט פון עליה איז דאָ אַן אַריינפאָר, צו דער זייט פון די קליינע נומערן, צו דער זייט פון יפו.

דער אויטאָבוס, וואָס איז גענוג לאַנג, ווען ער שטייט אויף דער תחנה, פאָרן ווייטער מאַשינען פון דער זייט גבעת־הרצל צו דעם „כל־בו שלום".

די אַנפאַרנדיקע מאַשין פון מרכז מסחרי קען באין־אופן ניט זען דער אָנלויפנדיקער מאַשין פון הרצל, ווייל דער אויטאָבוס פאַרשטעלט

און עס קען קומען צו קאַטאַסטראָ־
פעס.

עס קען ניט און עס טאָר ניט זיין קיין תחנה ביי וועלכער עס איז קרייצונג, ווו מאַשינען פאָרן פון ביידע זייטן.

די פראַגע קען געלייזט ווערן: צו מאַכן רמזורים, אָדער די תחנה צו רוקן עטוואָס צוריק, אָדער ווייטער, ווו זי איז געווען מיט אַ צייט צוריק.

—●—

שוק הכרמל

דער שוק הכרמל איז באַוווסט אין תל־אביב און אין דער גאַנצער געגנט אַרום.

במשך פון גאַנצן טאָג ווימלט דאָרט פון טויזנטער מענטשן.

דאָך געפינט ניט די עיריה פאַר נויטיק צו זען, אַז עס זאָל ניט זיין קיין אַריינפאָר פון מאַשינען פון דער זייט פון אלנבי דורך דעם שוק־הכרמל צו דער זייט קיין יפו.

יעדעס מאָל קומט אָן אַ מאַשין, וועלכער פאָרט אין דער זייט פון יפו, הייבט אָן פייפן, אַז מען ווערט ממש פאַרטויבט. ער פאָרט אין דער מענטשן־מאַסע און מיט כוח מאַכט ער פאַר זיך אַ וועג און אויב עס זיינען ניטאָ יעדן טאָג קרבנות — איז עס פשוט אַ נס.

עס איז אַ פראַגע, וואָס איז דאָרט? אַ שוק, אָדער אַ כביש? איז עס אַ שוק, ווו עס קאָנצענ־טרירן זיך מיט איין מאָל הונדער־טער מענטשן, קען ניט זיין קיין עפנטלעכער אַריינפאָר. איז עס אַ כביש, קען קיין שוק ניט זיין.

—●—

תאונות דרכים

די וועג־קאַטאַסטראָפעס אין יש־ראל נעמען צו מער קרבנות אין אַ יאָר, ווי אין אַ מלחמה.

אַז עס פאַלט ווער פון אַ מסתנן־קויל, שניידט עס ביים האַרץ ווי מיט אַ מעסער; אַז מען לייענט פון אַ וועג־קאַטאַסטראָפע, אומגע־קומען 7 מענטשן, לייענט מען עס אַדורך ווי מיט אַ מאַך מיט דער האַנט.

מען מוז וויסן, אַז דער קרבן איז איינער און דער זעלבער און די שטראָף מוז זיין איינע און די זעל־בע — ניט אָפּפטרן מיט אַ פּאָר חדשים אָדער ווינציקער.

מען מוז זיך אָפּגעבן אַ חשבון. אויב מען וועט עס אַזוי דערלאָזן, וועלן אומקומען מער פון וועג־קאַטאַסטראָפעס, ווי עס וועט ברענ־גען אַן עליה פון וועלכן עס איז לאַנד און קאָסטן אונדז מיליאָנען.

מען מוז די זאַך נעמען פעסט אין דער האַנט. ווער עס וועט זיין שול־דיק אין אַ וועג־קאַטאַסטראָפע, זאָל ווערן ביי אים צוגענומען די פּאָר־דערלויבעניש.

ווייל אויב ער ברענגט צו אַ וועג־קאַטאַסטראָפע, איז אַ סימן, אַז ער קען ניט פאָרן, אָדער ער איז אַ היץ־קאָפּ. און אויב ער קען ניט פאָרן, אָדער ער איז אַ היץ־

קאָפּ — טאָר ער קיין פּאָר־דער־לויבעניש ניט האָבן.

אויב איינער דערפירט צו אַ וועג־קאַטאַסטראָפע, איז ער אַ מערדער גלייך ווי יעדער מערדער.

און אַז מען כאַפּט אַ מערדער, ווערט מען אים ניט איבערלאָזן דאָס געווער אין זיינע הענט. ער מוז געמשפּט ווערן גלייך ווי יעדער מערדער.

„יידישע צייטונג", 12־טן יאנואר 1968

2

רוסישע ליטעראַטור

נאָכן איבעררייסן די באַציאונגען פון ראַטן־פאַרבאַנד מיט ישראל, האָבן מיר געמיינט אַז עס וועט אויך אויפהערן צו זיין ביי אונדז זייער ליטעראַטור.

אָבער ווי מיר זעען, איז דאָס ניט געשען, עס דערשיינען כסדר אַנאָנסן, אַז מען קען גראַדע יאָ קריגן זייערע צייטונגען.

עס לאָזט זיך ניט פאַרשטיין, אָבער עס איז אַ פאַקט, עס קומען בסדר אָן קיין ישראל אָן אַ שיעור אויסגאַבן פון רוסלאַנד.

פרעגט זיך, צי קומען אַריין קיין רוסלאַנד אויך ישראל אויסגאַבן?

מיר טאָרן זיך פאַר קיין שום פאַל לאָזן שפייען אין פנים, אויב זיי לאָזן ניט אַריין קיין ליטעראַטור פון ישראל, טאָרן מיר ניט לאָזן אַריינקומען קיין ליטעראַטור פון רוסלאַנד.

די באַנק הדואר

ווען די באַנק הדואר האָט געהאַט איר צענטראַלע אין תל־אביב, איז נאָך געווען צו דערליידן, אָבער נאָך דעם ווי מען האָט זי איבערגעפירט קיין ירושלים, איז עס שוין ממש ניט צום איבערטראָגן.

אָט למשל: אַן מען גיט וועמען אַרויס אַ טשעק, וועלכער האָט אַ געדרוקטן לויף־נומער פון זיי, ווענדעט ער זיך צו דער הויפּט־פּאָסט אין תל־אביב, זיי פרעגן זיך אָן אויפן אָרט טעלעפאָניש אין ירושלים, ווען יענע באַשטעטיקן אַז דאָרט איז דאָ דעקונג, ווערט אויפן פּלאַץ אויסגעצאָלט, וואָלט דאָך געווען אַלץ גוט.

איז אָבער די צרה, דער אַרויסגעגעבער באַקומט צוריק פון ירושלים באַשטעטיקט די אַרויסגעגעבענע סומע, גאָר אונטער אַ צווייטן נומער, דער געדרוקטער נו־

מער פון טשעק איז פאַרשוווּנדן.

ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אַז אַ נומער, וועלכער איז געדרוקט אויפן טשעק, זאָל געטוישט ווערן?

אויב זיי טוישן דעם נומער, איז צוליב וואָס דרוקן זיי אים?

זייער ענטפער איז, מען זאָל שיקן דעם טשעק קיין ירושלים און פון דאָרט וועלן זיי שיקן דאָס געלט, וועט עס האָבן דעם זעלבן נומער.

מען האָט טאַקע אַזוי פּרובירט, אָבער וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן, מען האָט אַרויסגעגעבן צוויי טשעקן צו 500 ל״י יעדן, יענע האָבן טאַקע די טשעקן אַוועקגעשיקט דורך דער פּאָסט פון דער רכבת ישראל, אין תל־אביב, די זאַך האָט געדויערט 25 טעג, מען האָט די טשעקן אַרומגעזוכט און באין אופן ניט געקענט געפינען, נאָך די 25 טעג האָבן מיר באַקומען צו וויסן אַז די צוויי טשעקן זיינען אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער קאָנטאָ, אָבער פון די אָנגעוויזענע פּערזאָנען, האָט נאָר איינער באַקומען צום אַרויסנעמען דאָס געלט, און ווו עס געפינט זיך דער צווייטער, ווייסט נאָר גאָט אַליין.

מען קען באין אופן ניט דערלאָזן, אַז אַ מענטש זאָל דאַרפן וואַרטן 25 טעג אויף זיין געלט.

די בנק־הדואר מוז זאָרגן, אַז דאָס געלט וואָס ווערט אויסגעצאָלט אין בנק־הדואר אין תל־אביב, זאָל צוריקקומען צום אַרויסגעבער דעם זעלבן נומער.

מיני אין תיכון

אַז מען טראָגט מיני־קליידער אין גאַס האָט קיינער ניט דאַקעגן, יעדער קען טאָן וואָס אים געפעלט און מען קען קיינעם ניט שטערן.

אָבער אין גימנאַזיע ווו עס לערנען 16, 17 יאָריקע מיידלעך מיט יינגלעך צוזאַמען, דאָרט ווי מען דאַרף צולייגן דעם קאָפּ צו אַ לעקציע ביאָלאָגיע, דאַרף דאָס יינגל ניט קוקן אויף די קני פון דער דאַמע־שילער, ווייל ווען זי זעצט זיך אָדער בויגט זיך איין, ווערט דאָס קליידל נאָך קירצער, מוז ער ניט זען פון וואַנען די פיס וואַקסן.

דער „משרד החינוך״ טאָר פאַר קיין שום פאַל ניט דערלאָזן צו טראָגן מיני־קליידונג אין גימנאַזיע, ווייל אויב עס איז אַ צוואַנג צו טראָגן אין תיכון אַן איינהייטלעכע אוניפאָרם, פאַרוואָס זאָל ניט זיין אַ מוז צו טראָגן אַן איינהייטלעכע מאָס פון אַ קליידל?

„יידישע צייטונג״, 19־טן יאנואר 1968

3

חבל על כל טיפה

דאָס פּלאַצן כסדר פון די וואַסער־רערן אין תל־אביב איז געגנצלעך נישט צום פארשטייך.

די וואַסער־לייטונג אין תל־אביב איז נאָך ניט אַזוי אַלט, אז מען דאַרף יעדן מאָנטאַג און דאָנערשטיק פאַריכטן די רערן און כמעט כסדר אויף דעם זעלבן אָפּשניט.

למשל די אָפּשניטן פון מרכז־מסחרי אָדער דעו׳ משעול גן־מאיר, איז שוין אזוי פיל מאָל פאַראָכטן געוואָרן, אַז עס וואָלט זיך שוין געלוינט צו פאַרלייגן נייע רערן און מיט דעם וואָלט זיך די עיריה זייער פיל איינגעבערענגט.

די גאַסן פון תל־אביב ווערן כסדר פאַרפלייצט מיט וואַסער פון די געפּלאַצטע רערן, אָט שוין העכער 10 טעג וואָס עס רינט כסדר דאָס וואַסער פון שדרות־רוטשילד פינת נחלת־בנימין, אָן אָרט, אין מרכז פון שטאָט. ביי אונדז ווערט מער וואַסער אויסגערונען פון די געפּלאַצטע רערן, ווי עס פאַרנוצט די דאָרטיקע באַפעלקערונג, פון אָט דער געגנט.

אמת, עס איז טאַקע א פליכט פון יעדן שטאָט־בירגער צו מעלדן דער עיריה אַז עס רינט וואַסער. בירגער טוען עס טאַקע, אָבער וויפל מאָל איז דער שיעור פון בירגער צו מעלדן אין דער עיריה, אין דער צייט ווען דער בירגער זעט אז זיין מעלדן איז ווי וואַרפן אַן ארבעס אין וואַנט, עס הערט זיך קיינער נישט צו און דאָס וואַסער רינט ווייטער.

האָט דען די עיריה נישט גענוג פקידים, פקחים, אז זיי זאָלן מאַכן יעדן פרימאָרגן אַ שפּאַציר איבער זייערע ראַיאָנען און זאָלן זיי אַליין זען.

אַז עס זיינען דאָ גענוג עיריה אָנגעשטעלטע, איז דאָך אַ סימן. מען האָט געדאַרפן אויפשטעלן אזא גרויסן בנין מיט אזוי פיל צימערן, וועלכע זיינען אלע באַזעצט מיט פקידים.

מטבעת הניצחון

עס איז געוואָרן פייערלעך געמאָלדן אז דער מטבעת־הנצחון קאָסט נאָר 10 ל״י.

וואָס האָט מען אָבער געטאָן? מען גיט צו אַ מתנה אַזאַ מין נרתיק, וועלכער קאָסט 2½ ל״י און אָן דעם נרתיק פאַרקויפט מען נישט די מדליה.

ווי עס איז באוווסט, האָט די חברה ממשלתית למטבעות ארויסגעגעבן פארשידענע אַלבאָמען פאר די זאַמלער פון די מטבעות ווו זיי האָבן זיי צו האַלטן.

אז איינער אַ זאַמלער האָט געפרעגט דער חברה, אַז ער האָט אַן אלבאָם ווו צו האַלטן דעם מדליון, פארוואָס מוז ער קויפן און באַצאָלן פאַרן נרתיק? מוזט באַצאָלן

פאַרן נרתיק און קענסט אים אָ־ווּעקוואַרפן, איז געווען דער ענט־פער.

עס איז אַ פראַגע, ווען איינער קויפט אַ טייערן רינג, מוז ער נישט צו קויפן דעם שאַכטל און דאָ צו אַ מדליון פון 10 ל״י, גייט צו אַ נר־תיק פון 2,½ ל״י.

אַזאַ מין לוקסוס קען מען קיין קונה נישט אַנוואַרפן.

הנחות פאַר די עיריה אָנגעשטעלטע

נאָך דער אַנשטייאונג פון מדינת ישראל, ווען אַ פועל האָט פאַרדינט 1,½ ל״י אַ טאָג און וועלכער פקיד אין דער עיריה האָט פאַרדינט 15 אָדער 20 ל״י אַ חודש, איז געווען באַרעכטיקט, אַז זיי האָבן באַקומען הנחות.

היינט, ווען יעדער אַרבעטער פאַרדינט נישט מער ווי וועלכער עיריה אָנגעשטעלטער, פאַרוואָס קומט אים די אַלע הנחות וואָס ער באַקומט, סיי אין שול, סיי אין תי־כון און אַנדערע מיסים. מיט וואָס האָט ער אַ מערערע רעכט ווי וועלכער עס איז אַנדערער בירגער פון שטאָט?

מען מוז דאָך וויסן, אַז ביים מאַ־כן דעם בודזשעט, ווערט צוגע־טיילט פאַר די אָנגעשטעלטע לע־רער אין יסודי און אין תיכון זייער געהאַלט, אַז ס׳צאָלט דער עיריה אָנגעשטעלטער ווינציקער, מוז דער צווייטער בירגער צאָלן מער, בכדי דער בודזשעט זאָל זיין געדעקט.

דער אַרבעטער פון א צווייטן פלאַץ קען פאַר קיין שום פאַל נישט צאָלן מער לויט זיין דירוג, וואָס מאַכט אויס מער פון אַן עיריה אָנ־געשטעלטן.

„יידישע צייטונג״ 26־טן יאנואר 1968

4

דער גן-מאיר

דער גן־מאיר איז כמעט דער איינציקער שטאָט־גאָרטן אין מר־כז פון תל־אביב.

דאָך ווערט ער זייער ניט אין אָרדענונג געפלעגט, אַפילו אין זומער אין די גרעסטע היצן, ווערט די זייט פון רחוב טשערניכאָווסקי קיין וואַסער ניט געגעבן, שוין אָפגערעדט פון דעם גדר־חי, דאָס זעלבע פון די זייטן פון די דער־נעבנדיקע הייזער.

אפילו פאָרנט, צו דער הויפּט־גאַס המלך ג׳אורג׳ איז דער גדר חי אַזוי פאַרנאַכלעסיקקט און נע־בעכדיק וואָס פאַסט ניט פאַר אַ שטאָט־גאָרטן, כאָטש אַרבעטער מיט אַ מנהל געפינען זיך דאָרטן יעדן פרימאָרגן.

דער וואַסער־באַסיין איז פול אָנ־געוואָרפן מיט מיסט און אפילו גומע־רעדער פון אויטאָס.

אמת, קען זיין אַז די קינדער וועלכע געפינען זיך דאָרט יעדן טאָג, באַשמוצן עס. אָבער ווו איז דער שומר? וועלכער געפינט זיך דאָרטן אַ גאַנצן טאָג, פאַרוואָס דערלאָזט ער אַזעלכעס?

ביים אַריינגאַנג אין גאָרטן פון רחוב המליץ, געפינט זיך אַ שלט: „כניסה פרט לרכב עירוני בתפ־קיד".

אָבער ניט קוקנדיק אויף דער שילד, האָט זיך אַ מאַשין מיטן נומער 217558, געמאַכט דאָרט אַ חניה, זי קומט צו פאַרן יעדן טאָג נאָך מיטאָג און שטייט דאָרט ביז פרי, אפילו ווען די גאָרטן־אַר־בעטער מיטן מנהל געפינען זיך שוין דאָרט. „באמת, אַ הערלע־כער פלאַץ פאַר אַ חניה".

דורך דעם זעלבן אַריינפאָר פון רחוב המליץ, קומט יעדן טאָג אַ קליינע טאַקסי, זיכער פון אַ מנ־הל אָדער גאָר דער מהנדס, אויך אים איז שווער צו בלייבן שטיין אויסער דעם גאָרטן, נאָר פאָרט אַריין אינעווייניק.

די בוימער אין גאָרטן זיינען איינגעבויגן, ליגן אָנגעלענט אויפן פלויט, מען וואָרט זיי זאָלן אומ־פאַלן, צעברעכן דעם פלויט, אי־בערייסן דעם טעלעפאָן און באַ־שעדיקן דעם הויז פון דערנעבן?

טעלעפאָן פאַר די עובדי־המדינה

אין ישראל האָט מען איינגע־פירט אַ מאָדע, ווייל קיין געזעץ

קען עס ניט זיין, אַז יעדער מלו־כה אנגעשטעלטער באַקומט 50 פראָצענט הנחה פאַרן אַריינציען טעלעפאָן.

ווו איז אַזעלכעס געהערט גע־וואָרן? אַז עס איז געווען דער אָפּצאָל פאַרן אַריינציען אַ טעלע־פאָן 850 פונט האָט ער באַקומען פאַר 425 פונט און היינט אַז עס קאָסט 450 פונט, באַקומט ער נאָר פאַר 225 פונט.

עס פרעגט זיך, פון וואָס פאַר אַ רעכט געניסט דער מלוכה־אָנ־געשטעלטער פון אָט דער הנ־חה?

דאַרף דער מלוכה אָנגעשטעל־טער דעם טעלעפאָן צו זיין אָמט, דאַרף ער באַקומען דעם טעלעפאָן געגנצלעך אומזיסט און אויב ער דאַרף אים ניט צו זיין אמט, טאָ מוז ער באַצאָלן די גאַנצע הונ־דערט פּראָצענט.

דאָס זעלבע איז אויך מיט מלו־כה־אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן מלוכה רכב און זיי נוצן אים אויס פאַר פריוואַטע טיולים.

די מחלקה דרכים ביי דער עיריה

אויף רחוב מרכז־מסחרי פינת מרכולת, האָט געפּלאַצט אַ וואַסער־רער, נאָך פיל מאָל טעלעפאָנירן אין עיריה, איז מען נאָך עטלעכע טעג געקומען פון דער עיריה און מען האָט פאַראַכטן די רערן.

ביים פאַררעכטן די רערן האָבן די אַרבעטער אַרויסגענומען די שילד, וועלכע ווייזט „אין כני־סה" און נאָכן פאַריכטן צוריק פאַרשיט דעם גרוב.

נאָך עטלעכע טעג, דעם 12.1.68

11 אַזייגער פרי איז געקומען אַ מאַשין פון מחלקת הדרכים מיט 3 אַרבעטער מיט אַ שאָפער און אַ מנהל.

ביים מאַכן דעם אַספאַלט, האָבן זיי אַריינגעשטעלט דעם שילד קרום, אפילו ניט צו דער זייט וואָס ער ברויכט זיין.

ווען איך האָב געפרעגט דעם מנהל מר בנבנישתי, פאַרוואָס ער שטעלט ניט גלייך די שילד?

איז זיין ענטפער געווען:

דאָס גייט אונדז ניט אָן, זיי וועלן קומען, צוריק אויפעפענען, גלייך מאַכן דעם שילד, מיר וועלן קומען ווייטער פאַריכטן און זיי וועלן באַצאָלן.

ווער עס איז דער „זיי"? דאָס איז אַ צווייטע אָפטיילונג אין דער עיריה.

„יידישע צייטונג", 30־טן יאנואר 1968

די מיני־קליידלעך

הומאָרעסקע

משה־זיינוול דער דאַמען־שניידער, איז אַמאָל געשטאַנען נעבן אַ תחנה פון אַן אויטאָבוס, עס האָט אים ממש ביים האַרץ געשניטן, זעענדיק ווי אַ דאַמע אין אַ שמאָלע יופּקע (חצאית), הויבט די פיסלעך, זי וויל אריין אין אויטאָבוס, אבער עס גייט ניט, כאָטש שריי חי וקים עס גייט ניט.

דער שאָפער פּייפט, דער עולם שרייט, נו, גברת! זי הויבט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אַ פיסל, אָבער עס גייט ניט, זי קען באין אופן ניט אריינגיין.

דער שאָפער ניט האָבנדיק קיין ברירה, איז אַראָפּ פון זיין געזעס, געטאָן אַ כאַפּ דאָס דאַמעלע אויף זיינע הענט און עס אריינגעוואָרפן אין אויטאָבוס.

גליק האָט זי געהאַט, וואָס זי איז געפאלן אויף אַ דיקלעכע פרוי ווען ניט וואָלט זי מיט איר קאָפּ דאָס בענקל צעבראָכן.

ווען ניט דעם איינפאַל פונם שאָפער, וואָלט נאָך אפשר היינט געשטאַנען דער אויטאָבוס און דאָס דאַמעלע וואָלט ניט אריין.

משה זיינוול איז ניט קיין בטלן, ער האָט אַ חוש פון אַ סוחר, ער האָט באַלד דערשמעקט אז פון דעם קען זיין פּרנסה.

ער איז אַוועק אַהיים און האָט אָנגעהויבן זוכן צווישן זיינע שטיקלעך, איבערבלייבענישן פון פאַרשידענע אַרבעטן, ער האָט געפונען שטיקלעך אין וועלכע מען האָט ניט געקענט איינפּאַקן פאר אַ גראָשן פעפער.

ער האָט געמאָסטן אַהין, געמאָסטן אַהער, עס איז ארויס אַ „מיני־יופּקע”, וועלכע האָט געקענט זיין פאר אַ לאַלקע און האָט עס ארויסגעהאַנגען אין זיין שויפענצטער.

וואָס אייך דערציילן, אַן אמתע אויסכאַפּעניש אויף די „מיני־יופּקעס”, עס פעלט אים שוין אויס שטיקלעך, אָבער אויף דעם גיט זיך משה זיינוול אַן עצה, ער קויפט סחורה און שניידט שטיקלעך, עס איז געוואָרן אַ „מאָדע”.

משה־זיינוול איז באַוואָרפן מיט אַרבייט איבערן קאָפּ, ער ווערט ממש אַ מיליאָנער.

—●—

משה בער דער דאַמען־שוסטער, גייט ארום אין גאַס, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער, דאָס פּנים פאַרבונדן מיט אַ פאַטשיילע, מען זעט נאָר אַרויס זיינע אויגן, אין דרויסן איז אַ פּראָסט און זיין האַרץ וויטיקט זייער, ווי קען מען אַזעלכעס דערלאָזן ?

יידישע קינדער גייען ארום אין גאַס מיט די נאַקעטע קניען אין

דרויסן, אין גאַס איז אַ פראָסט, די מיידלעך ציטערן נעבעך פון קעלט, אָבער מען קען זיך ניט אונטערגעבן, אַ קליינינקייט, ווי קען מען עס ברעכן אַ מאָדע, זיין א פורש מן הציבור.

משה־בער, גייט און טראַכט, וואָס טוט מען? עס שניידט אים דאָס האַרץ אויף די נאַקעטע קניען פון די מיידלעך נעבעך.

עס וואָלט אים ניט געערגערט די נאַקעטע קניען פון די מיידלעך, ווי די צרות נעבעך פון זייערע מאַמעס.

אָבער משה־בער האָט זיך דער־טראַכט, ער איז אַהיים, גענומען אַ שטיק פלאַסטיק־סחורה און אויפ־געשטעלט אַ פּאָר „שטיוול".

ווען משה־בער האָט דערזען די ערשטע פּאָר שטיוול, איז ער גע־ווען אויסער זיך פון פרייד, אַ קליינינקייט די פיס פון די יידישע מיידלעך וועלן מער ניט פרירן.

משה־בער, לייגט אריין ראשו־ורבו אין זיינע שטיוול, מאַכט שוין פון פארשידענע קאָלירן און יע־דעס מאָל העכער, עס זאָל חלילה ניט פרירן די קניען פון די יידישע קינדער.

אָבער וואָס משה־בער מאַכט העכער די שטיוול, מאַכט משה־זיינוול קירצער די יופּקע.

וואָס אייך דערציילן, עס גייט אָן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט, משה־בער שרייט, איך מאַך יעדעס מאָל העכער די שטיוול און נעם דעם זעלבן פּרייז און ער, משה־זיינוול מאַכט אַלע מאָל קירצער די יופּקע און נעמט אויך דעם זעלבן פּרייז, נאָך אַ שטיקל צייט און ער וועט שוין כמעט ניט דאַר־פן קיין סחורה צו אַזאַ מין „יופּקע".

עס געפינען זיך שוין מענטשן, וועלכע פירן אונטערהאַנדלונגען צווישן ביידע, זיי זאָלן מאַכן שות־פות און אויב עס וועט געשען צווישן זיי אַ שותפות וועט די „יופּקע" ווערן נאָך קירצער און די שטיוול וועלן זיכער אויך ווערן נידעריקער און עס וועט זיין „שלום על ישראל".

„יידישע ציטונג", 16־טן פעברואר 1968

צדק און יושר זוכער

נאָך פאַרן קריג פון די 6 טעג, האָט זיך אָנגעהויבן מערקן דאָס אָפּקילונג פון פראַנקרייך צו ישראל.

ישראל האָט כסדר געשטעלט די פראַגע, ווו האַלטן מיר אין דער וועלט?

איז דער ענטפער פון דע גאָלן געווען: „דער אָפּמאַך מיט די אַראַבישע לענדער, וועלן ניט זיין אויפן חשבון פון ישראל".

וואָס דער סוף איז געווען, ווייסט דאָך יעדער. אַן אמתער שונא, ער איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז ער האָט עפנטלעך אָנגעגריפן מדינת ישראל מיטן גאַנצן יידישן פאָלק, דער אויסרייד, די זעקס־טאָגיקע מלחמה, אָבער דער אמת, צו געווינען די אַראַבישע לענדער אויפן חשבון פון ישראל.

דער כעס אויף ישראל איז שוין ביי דע־גאָלן אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז ער האָט דערלויבט דעם איראַקישן הערשער צו האַלטן בעת זיין אויפנאַמע אין פאַריז אַזאַ גיפטיקע רעדע, וועלכע רוסלאַנד וואָלט אים אין מאָסקווע אַזעלכעס ניט דערלויבט.

און אויב דע גאָל מיינט, אַז מיטן באַקומען די דערלויבעניש פון איראַק צו עקספּלאָאַטירן דעם „נאַפט" איז עס שוין פאַרענדיקט, האָט ער אַ טעות.

דע־גאָל האָט שוין אין אַזאַ קורצער צייט פאַרגעסן ווי מיאוס ער איז ארויסגעטריבן געוואָרן פון די אַלזשירער אַראַבער? דאָס וועט זיך איצט איבערחזרן.

ווען ארעף וועט זען אז פראנקרייך האָט שוין אַלץ איינגעאָרדנט, וועט ער אים זאָגן דאָס באַקאַנטע ווערטל: „דער נעגער האָט שוין זיינס געטאָן, ער קען שוין גיין".

דע־גאָל האָט לעצטנס דערקלערט, אַז מען דאַרף שאפן פעסטע גרענעצן צווישן ישראל און די אַראַבישע לענדער, באַזעצט דורך „אונאָ" מיליטער.

צי איז דען ניט געווען אַזעלכע גרענעצן באַזעצטע דורך „אונאָ"־מיליטער, ביז דעם 6־טאָגיקן קריג? ביי דעם סיני אינדזל און ביים טיראַן איינגוס, דאָך האָבן די אַראַבער כסדר באַשאָסן אונדזערע ישובים און דער סוף איז געווען, נאַצער האָט זיי מיט חרפה אַרויסגעיאָגט. ווי קען מען איצט נאָך אַמאָל קומען מיט אַזאַ פאָרשלאַג?

מיט א קורצער צייט צוריק האט דע־גאָל זיך אויסגעדריקט פאַר אַראבישע דיפּלאָמאַטן, „ווען איך וואָלט געווען אין זעלבן מצב ווי ישראל, וואָלט איך אויך ניט פאַרלאָזן די פאַרנומענע געביטן אָן אַ שלום".

און בעתן באַזוך פֿון ארעף אין פּאַריז, האָט ער דערקלערט אַז ישראל מוז פֿאַרלאָזן די פֿאַרנומענע געביטן, דאָס קען הייסן דיפּלאָמאַטיע? דאָס איז אָפּנאַרעריי.

בעתן באַשיסן די ישראל ישובים, האָט כוסיין דערקלערט, אַז ער אַליין האָט אָנגעפֿירט מיט באַשיסונג און אין עטלעכע טעג שפּעטער, נאָכן באַקומען דעם טויט־קלאַפּ פֿון צה״ל, האָט ער דערקלערט, אַז ער וועט באַשטראָפֿן די היץ קעפּ, די דיווערסאַנטן.

רוסלאַנד שרייט, ישראל איז אַ לאַנד פֿון אימפּעריאַליזם, פֿאַרכאַפּער פֿון די אַראַבישע טעריטאָריעס און זי באַוואָפֿנט ווייטער די אַראַבישע מדינות מיט דעם מאָדערנסטן געווער, איז וואָס איז דער ציל פֿון דעם? זיי ווייסן דאָך יאָ, אַז ישראל וויל ניט אָנגרייפֿן די אַראַבישע מדינות.

וואָלט דען ניט געווען גלייכער, אַז פֿאַר דעם געווער וואָס באַטרעפֿט מיליאַרדן, וואָס רוסלאַנד שיקט אין די אַראַבישע לענדער, איינצואָרדענען די אַראַבישע פּליטים און זאָל דער אָנגעווייטיקטער ענין איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל געלייזט ווערן און ווער נאָך ווי רוסלאַנד ווייסט, אַז די אַראַבישע מדינות וועלן קיינמאָל ניט קענען באַזיגן ישראל.

אָבער דער ציל איז ביי רוסלאַנד אַן אַנדערער, מען מוז צעבלאָזן דאָס פֿייער ווי עס לאָזט זיך נאָר.

די אַראַבישע מדינות באַקלאָגן זיך, אַז ישראל אונטערדריקט די אַראַבישע באַפֿעלקערונג אין די פֿאַרנומענע געביטן.

דאָס קען הייסן אונטערדריקונג? דאָס הייסט באַזעצונגס מאַכט? אַז אַן אַראַבישער שופֿט אין דער גדה, זאָל זיך דערלויבן צו זאָגן: „איך משפּט נאָר לויט די געזעצן פֿון ירדן”, אָדער אַ שופֿט זאָל זאָגן: „איך נעם ניט אָן קיין ישראל אַדוואָקאַט”.

וועלכע באַזעצונגס מאַכט אין דער וועלט וואָלט אַזעלכעס געדולדעט?

אַזעלכעס קען נאָר דולדן אַ לאַנד, וועלכעס האָט ניט קיין פֿאַרכאַפּונגס כוונות. דער איינציקער ציל פֿון ישראל, איז נאָר „שלום” און לעבן רואיק.

אין רוסלאַנד וואָלט אַזעלכעס ניט פּאַסירט, דאָרט האָט דער בירגער ניט קיין רעכט צו עפֿענען זיין מויל, ווי מען זעט לעצטנס פֿון די משפּטים פֿון די שרייבער, פֿאַר וועלן פֿאָדערן גערעכטיקייט, האָט מען זיי פֿאַרמשפּט צו שווערע קאַטאָרגע־אַרבעט.

דע־גאָל האָט געמאַכט אַן „עמבאַרגאָ” נאָר פֿאַר ישראל, פֿאַר די עראָפּלאַנען וואָס זיי האָבן שוין כמעט באַקומען באַצאָלט און אין דער זעלבער צייט פֿאַרקויפֿט ער עראָפּלאַנען צו איראַק, מיטן אויסרייד, אַז איראַק איז ניט געווען פֿאַרמישט אין דער 6 טאָגיקער מלחמה.

אַזוי לעכערלעך זיך צו מאַכן, דאַרף מען קענען, צי ווייסט דען

ניט דע־גאָל אַז די איראַקישע אַר־
מיי וואָס סטאַציאָנירט אין ירדן
האָט געהאַט די זעלבע מפּלה ווי
די ירדן אַרמיי. האָט מען דען ניט
פאַרניכטעט זייערע עראָפּלאַנען
אויף דער טעריטאָריע פון ירדן?

דע־גאָל האָט עס־אַ שיינעם נאָ־
מען געגעבן „עמבאַרגאָ“, מען
דאַרף עס אָנרופן „שווינדל“, ווייל
ווען אַ סוחר פאַרקויפט סחורה
און נעמט באַצאָלט, ניט ליפערנ־
דיק די סחורה, וואָלט ער פאַר־
משפּט געוואָרן און דאָ מאַכט ער
זיך נאָך פאַר אַ „צדק און יושר
זוכער“.

שטעלט אייך פאָר, אַז היינט
ווען מיר זיצן אויף די פאַרנומע־
נע געביטן און דער פאַרשטייער
פון „אונאָ“, ד״ר גונאַר יארינג
לייגט איין וועלטן צו שאַפן אַ
שלום מיט ישראל, קומט יעדעס
מאָל אַרויס אַ פאַרשטייער פון
וועלכע אַראַבישע מדינה מיט אַ
באַמבע: „מיט ישראל וועט קיין
שלום ניט זיין“.

אַראַבישע „מדינות, וואַרפט אַ־
וועק אייערע אַמביציעס, קוקט אַ־
ריין טיפער אין אייערע אינטע־
רעסן און זעט אַז אַ שלום צווישן
אייך און ישראל איז אַן אויפלע־
בונג פאַרן גאַנצן מיטעלן־מזרח.

„יידישע צייטונג“, 5־טן אפריל 1968



די טאדלונג פון זיכערהייטס־ראַט

דער לעצטער באַשלוס פון זיכערהייטס־ראַט, צו טאדלען ישראל, האָט אויסגעזען ווי אַ כעלמער אסיפה.

די אַקציע וועלכע צה״ל האָט אַדורכגעפירט קעגן די „אל פאטאך״ באַנדיטן, אויף דער ירדן־טעריטאָריע, איז דאָך פאַר יעדן געווען א זיכערע און אַ באַרעכטיקטע.

ווייל וועלכע מדינה אין דער גאַנצער וועלט, וואָלט טאָלערירט אַזעלכע זאַכן, ווען טעראָריסטן באַפאַלן אַ שכנישע טעריטאָריע, אַ מדינה, וועלכע איז אויך אַ מיטגליד אין דער זעלבער „אונאָ״. און איבערהויפּט נאָך ווען ישראל האָט זיך לעצטנס אייניקע מאָל פאַרקלאָגט פאַרן זיכערהייטס־ראַט וועגן די טעראָר כוואַליע, וועלכע ווערט אויסגעפירט פון דער ירדן טעריטאָריע.

ווו איז געווען אָט דער זעלבער זיכערהייטס־ראַט? די גאַנצע וועלט? האָבן זיי דען ניט געהערט דעם וויי־געשריי פון די יידישע מאַמעס, ווען זייערע קינדער זיינען געפאַלן פון די מערדערישע מינעס?

קען דען דער מוח באַגרייפן וואָס עס האָט געקענט געשען, ווען די צוויי אויטאָס צו 60 קינדער וואָלטן אומגעבראַכט געוואָרן?

ווו זיינט איר מאַמעס פון דער גאַנצער וועלט? ווען מען וואָלט אונטערמינירט אַ מאַשין מיט אייערע קינדער, וואָלט איר אויך דאַן געשוויגן?

איז נאָך ניט גענוג די 6 מיליאָן קרבנות, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געגעבן?

קומט זיך צונויף דער זיכערהייטס־ראַט און שפּילט אַ ראָלע פון גערעכטיקייט און זוכט ניט די וועגן, ווי אַזוי די מערדערישע אַקטן צו ליקווידירן, נאָר שפּילט פּאָליטיק, יעדער וויל ווייזן די אַראַבישע מדינות, אַז נאָר זיי זיינען זייערע אמתדיקע גוטע פריינט און אַזוי שאַפט דער זיכערהייטס ראַט אַ באַשלוס, אַז נאָר ישראל ווערט געשטעמפּלט פאַר אַן אַגרעסאָר און די דיווערסיע פון די אַראַבישע מדינות ווערן באַטראַכט מיט צער.

מען וויל באין־אופן ניט זען פאַרוואָס צה״ל האָט געגעבן דעם קלאַפּ די „אל פאטאך״ מערדער.

עס טאָר באין־אופן ניט טאָלערירט ווערן די טעראָר־אַקטן פון איין זייט און פון צווייטן זייט צו פאַרלאַנגען איינגעהאַלטנקייט.

אויב דער זיכערהייטס ראַט האָט געטאַדלט ישראל פאַר דער לעצטער אַקציע, האָט זי אויך געדאַרפט טאדלען ירדן פאַרן ברענגען צו דער אַקציע.

אויב די וועלט מיינט אַז מיט אַזעלכע באַשלוסן פון זיכערהייטס ראַט, האָבן זיי עפּעס אויפגעטאָן,

איז עס ניט מער ווי אַ טעות, ווייל מיט דעם גיבן זיי נאָך אַ־ריין מוט די מערדער, זעענדיק אַז זיי האָבן זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן.

מען זעט דאָך, אַז נאָך דער שטראָף־אַקציע פון צה״ל און נאָך דעם טאַדלונגס באַשלוס פון זי־כערהייטס־ראַט, האָט שוין פריי־טיק דעם 29־טן מערץ, ווידער דאָס ירדן־מיליטער באַשאָסן אַלע ישובים און דער גאַנצער לענג פון גרענעץ און דער ירדן פרע־מיער מיט נאַצערן האָבן עפנט־לעך געמאָלדן, אַז זיי וועלן העלפן אַלע אַראַבישע טעראָריסטן וועלכע וועלן קעמפן קעגן יש־ראל.

עס האָבן זיך איצט אויסגעטיילט צוויי מדינות, וועלכע ווייזן אַ־רויס זייער אמתדיקן פּרצוף, אָ־בער דאָס איז ניט פון היינט.

דער אַנטיסעמיטיזם פון צאַרישן רוסלאַנד, איז געווען אַ שם־דבר אין דער גאַנצער וועלט און אַזוי איז ער פאַרבליבן ביזן היינ־טיקן טאָג.

אין דער צייט ווען די גאַנצע וועלט ווייסט און זעט אַז די אַ־ראַבישע מדינות באַשיסן כסדר די ישראל גרענעצן און ווילן ניט איינגיין אויף אַ שלום, קומט רוס־לאַנד און שרייט אַז ישראל איז דער אַנגרייפער און די אַראַבישע מדינות זיינען קרבנות, אַזאַ ני־דערטרעכטיקייט דאַרף מען קענען זאָגן, אָבער „גיי פאַרלאַנג פון אַ קאָזאַק יושר״.

פון פוילן איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן, די כמיעלניצקיס און פּע־טלורעס האָבן ניט אויפגעהערט, זיי זיינען היינט אין אַן אַנדער געשטאַלט, אין אַ גאָמולקאַ.

היטלער האָט ניט געפונען קיין צווייטן פּלאַץ ווו אויסצופירן זיי־נע טייוולאַנישע פּלענער נאָר אין פוילן, ווייל ער האָט גוט געוווּסט אַז ער האָט זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן, ווייל פאַר אַ קילאָ צו־קער, האָט אַ פּאָלאַק אויסגעזוכט אַ יידן, וועלכער איז געווען זיין גוטער פריינט און אים איבערגע־געבן צו די דייטשן.

גענוג פאַלן האָבן מיר געהאַט, ווען יידן האָבן איבערגעלעבט די פאַרניכטונגס־לאַגערן און קומענ־דיק צוריק קיין פוילן, זיינען זיי אומגעבראַכט געוואָרן דורך די פּאָ־לאַקן.

געווען פאַלן, יידן וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי פּאָלאַקן, נאָכן צונעמען ביי זיי דאָס געלט, האָבן זיי די יידן אַליין אומגע־בראַכט, אָדער אין בעסטן פאַל, זיי איבערגעגעבן די דייטשן.

עס איז ניט קיין שום אונטער־שייד, אַ פּאָלאַק אַ קאָמוניסט, אָ־דער אַ פּאָלאַק אַ פאַשיסט, עס איז איינער און דער זעלבער פּאָלאַק.

די גאַנצע וועלט דאַרף עס וויסן אַז 1968 איז ניט ווי אַמאָל, ווען רוסישע טאַנקן האָבן באַשאָסן די שטאָט בודאַפּעשט, פאַר ניט וועלן גיין אין זייער שפּאַן, ניט וועלנ־דיק אַז זייערע פרויען, זאָלן זייער פראַצע אָוועקגעבן צו רוסלאַנד פאַר גראָשנס.

די גאַנצע וועלט איז איצט עדות, ווי די קאָמוניסטישע לענדער ניכ־טערן זיך אויס פון דעם שכרות, וואָס האָט געהייסן „די אויבער־מאַכט פון רוסלאַנד״.

מען האָט שוין אפילו אויך גע־
שמועסט, אַז די רוסישע אַרמיי,
וועלכע סטאַציאָנירט אין פוילן,
רוקט זיך צו דער טשעכישער
גרענעץ, אָבער עס זיינען פּאַרי־
בער די אַמאַליקע צייטן, אַזאַ
פּרווו, וועט רוסלאַנד היינט ניט
מאַכן.

דער פעלקער־טריבונאַל...

פינף פון די זיכערהייטס־ראַט מיטגלידער אנערקענען נישט ישראל

„יידישע צייטונג", 12־טן אפריל 1968

די מליצי יושר

ווען עס האָט געלאָזט הערן סקלאַדקאָווסקי, דער מיניסטער פון אַמאָליקן פוילן, דעם אויסדרוק „אָושעם", האָט דאַן די גאַנצע וועלט באַצייכנט דעם אויסדרוק אַלס אַנטיסעמיטיזם.

מען דאַרף וויסן אַז דער „אָוושעם" איז געווען, אַז שלאָגן יידן חס־וחלילה, טאָר מען ניט, אָבער באָיקאָטירן? „אַוושעם" יאָ.

איצט נאָכן אומקום פון די 6 מיליאָן יידן, צווישן זיי דאָס פוילישע יידנטום, שטעלט זיך אַרויף א. גאָמולקאַ, דער גאַנצער פירער פון דעם קאָמוניסטישן פוילן און לאָזט הערן אַזעלכע אנטיסעמיטישע אויסדרוקן ווי: די לעצטע אַנטי־מלוכהשע דעמאָנסטראַציעס אין פוילן, זייַנען אָרגאַניזירט דורך ציוניסטן און דורך דער 5־טער קאָלומנע".

אָך און וויי איז צו אַזאַ קאָלומנע, בסך הכל געפינט זיך היינט צו טאָג אין פוילן פון 18 ביז 20 טויזנט יידן, און אויב פוילן דאַרף מורא האָבן פאַר אַזאַ קאָלומנע, איז זייער מצב זייער ביטער.

מען מוז וויסן, אַז די אַלע אַנטיסעמיטישע דרשות פון אַמאָליקן און פון היינטיקן קאָמוניסטישן פוילן, זייַנען נאָר אַ דעקמאַנטל פאַר זייער לאַגע, מיט אָט די דרשות ווילן זיי איינשלעפערן דאָס פאַלק. פון אייביק האָבן זיי געמאַכט אין פוילן דאָס יידישע פאָלק פאַרן „שעיר לעזאזל". ווי עס האָט עס אַמאָל געזאָגט דער צאַר: „בעי זשידאָוו, ספּאַסאַי ראָסיר" (שלאָג די יידן, ראַטעווע רוסלאנד).

גאָמולקאַ האָט צווישן די סטודענטן געפונען 2 יידן, וואָס אויך זיי האָבן גלייך ווי אַלע, פּראָטעסטירט קעגן זיין פּאָליטיק, צי האָבן זיי דען ניט קיין רעכט אַלס יידן, פּוילישע בירגער צו פּראָטעסטירן?

האָבן דען די יידן ניט פּראָטעסטירט אין אַמאָליקן פּוילישן סיים, קעגן דעם שחיטה־געזעץ און טאַקע קעגן דעם „אָוושעם" און עס האָט זיי קיינער ניט אָנגערופן 5־טע קאָלומנע אָדער ציוניסטן, אויך דאן זייַנען דאָך די קאָמוניסטן אין פוילן געווען קעגן דער פּאָליטיק פון דער „סאַנאַציע".

דער אונטערשייד איז דער, דאַן האָט מען געשריבן „זשידי דאָ פּאַלעסטיני", היינט האָט גאָמולקאַ געזאָגט: „וועלכער ייד עס וויל נאָר פאָרן וועט ער לאָזן, עס איז דער זעלבער „זשידי דאָ פּאַלעסטיני".

שלעכט איז געווען, דאַן האָט מען געיאָגט די יידן און זיי האָבן ניט געהאַט ווו צו פאָרן, אָבער

הײנט קאַנען ייִדן אַרײַנקומען קײן ישׂראל אָן װעלכער עס איז שטע־רונג.

װאָס איז גאָמולקאַ אַזױ בײז, װען זײן פֿאָלק פֿאָדערט גערעכטי־קײט? פֿאַר אַזאַ פֿאָדערונג, דאַרף מען נאָך ניט אַרײַנװאַרפֿן סטו־דענטן אין די תּפֿיסות און שלאָגן זײ מכּות־רצח.

גאָמולקאַ האָט איצט באַװיזן, אַז זײ פֿירן זיך ניט אױף בעסער װי די רוסישע קאָזאַקן פֿאַרן ער־שטן װעלט־קריג, עס איז די זעלבע נאַהײקע, נאָר אין אַ צװײטער האַנט.

דאַן איז די נאַהײקע גע־װען אין דעם צאַרישן קאָ־זאַקס האַנט, שפּעטער אין דער האַנט פֿון דעם פּױלישן סאַנאַציע־פּאָליציאַנט און איצט אין דער האַנט פֿון דעם קאָמוניסטישן מי־ליציאַנער.

—●—

אױך מאַרשאַל טיטאָ האָט גע־נומען זײן װאָרט, ער סטראַשעט „אױב ישׂראל װעט זיך ניט צו־ריקציען פֿון די פֿאַרנומענע גע־ביטן, װעט זײן שלעכט״.

די צײַטן פֿון היטלער, װעלן זיך שױן מער ניט איבערחזרן, װײל אױב ישׂראל װעט חלילה דאַרפֿן אונטערגײן, װעט מיט איר אונ־טערגײן די גאַנצע װעלט.

—●—

אױך אינדאָנעזיע פּראָטעסטירט קעגן ישׂראל, װי שעמט זי זיך ניט? און װי שעמען זיך ניט לענדער מיט אָט דער מדינה צו גײן האַנט בײ האַנט קעגן די אינטערעסן פֿון שלום צװישן די אַראַבישע מדינות און ישׂראל?

װוּ איז געװען די גאַנצע װעלט, װען זײ האָבן מערדערלעך אױס־געשאָכטן 250 טױזנט קאָמוניסטן? װוּ זײַנען דאַן געװען די רוסן מיט פּױלן און אַנדערע קאָמוניס־טישע לענדער?

איז דען דאָס ניט געװען קײן גרעסערער פֿאַרברעכן װי ישׂראל באַשטראָפט די מערדער, װעלכע באַשיסן טאָג אײן טאָג אױס אירע פֿרידלעכע בירגער.

* * *

דע־גאָל האָט באַשולדיקט די ייִדן מיט ציוניזם, אַז די ייִדן װילן זײן פֿון די העכערע, עס איז ניט ריכטיק, ייִדן װילן עס ניט, װײל זײ זײַנען טאַקע.

ייִדן האָבן געגעבן דער גאַנצער מענטשהײט די „בײבל״, די גע־זעצן.

ייִדן האָבן געגעבן דער גאַנצער קריסטלעכער װעלט זײער גאָט אין װעלכן זײ גלױבן און היטן טאַקע ניט זײַנע געבאָטן.

ייִדן האָבן געגעבן גענוג קרבּ־נות פֿאַרן װעלט־קאָמוניזם און גענוג זײַנען פֿאַר דעם געגאַנגען אױף די תּליות.

ייִדן האָבן געגעבן די ערשטע װעלכע זײַנען געשטאַנען בײ דער מאַכט אין קאָמוניסטישן רוס־לאַנד.

ייִדן האָבן געגעבן גענוג װעלכע האָבן אָנטײל גענומען אין דעם שפּאַנישן קריג.

ייִדן זײַנען לױט זײער פּראָ־צענט די גרעסטע דאָקטוירים, פֿי־זיקער און אַנדערע אינטעלעק־טואַלן.

יידן האָבן געשאַפן אין דער גאַנצער וועלט דעם מסחר און ווילשטאַנד.

יידן האָבן געבויט אין פוילן די גרעסטע פאַבריקן און דער סוף איז געווען, זיי זיינען אַרויס בעי־רום ובחוסר כל.

דער סוף איז, די גאַנצע וועלט האָט פאַרשריגן די יידן פאַר קאָ־מוניזם און רוסלאַנד מיט אַלע קאָמוניסטישע לענדער פאַרשריי־ען זיי פאַר קאַפּיטאַליזם.

איצט, נאָכן קלאַפּ וואָס צה״ל האָט געגעבן די ירדנישע מיטן „אל פאטאך״ אויף זייער טעריטאָ־ריע, האָבן זיך די נאָכלויפער צע־שריגן „הוראַ נאַ זשידאַ״, נאָר די יידן זיינען שולדיק.

ווו זיינען געווען די אַלע מליצי־יושר מיטן זיכערהייטס־ראַט ווען טאָג איין, טאָג אויס זיינען געפאַלן אונדזערע קרבנות?

ווו זיינען געווען די אַלע מליצי יושר, ווען טאָג איין, טאָג אויס, האָט ישראל געוואָרנט ירדן, אַז זיי זאָלן זען צו צוימען די מערדער, פאַרקערט, זיי האָבן נאָך געדעקט די „אל־פאטאך״.

פאַרוואָס האָט זיך ניט געפור־נען קיין איין פריינטלעכע מדי־נה פון אונדז אָדער זייערע, זי זאָל זען פועלן ביי ירדן און ביי אַנדערע אַראַבישע מדינות, זיי זאָלן אָפּשטעלן דעם טעראָר און איינגיין אויף אַ שלום, וואָס דאָס וועט זיין אַן אויפלעבונג פאַרן גאַנצן מיטעלן מזרח.

אויב אונדזערע שונאים מיינען, אַז מיר זיינען געקומען קיין יש־ראל, בכדי זיי זאָלן אונדז דאָ אויסמאָרדן, האָבן זיי אַ גרויסן טעות.

„יידישע צייטונג״, 19־טן אפּריל 1968



אדער דו זיצטס געהארכזאם... אדער „וואָן דאָ פּאַלעסטינע!״

די
מלחמת מצוה
פון דער אַלטער היים

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה ווען דער אַלטער רב ר׳ יעקב מרדכי זצ״ל, וואָס מען האָט אים גערופן דער מאַציוועער עילוי, איז נפטר געוואָרן, האָט זיך אין ב. אָנגעהויבן אַ גאַנצע מחלוקת צווישן די סאַנדזער און טריסקער חסידים.

נאָכן רב זיינען איבערגעבליבן 2 זין, דער עלטערער ר׳ יוסף און דער יינגערער, ר׳ איצעלע. אים האָט מען שוין געהאַלטן, אַ ביסל געכאַפּט אויף דער מעשה, ווייל, ווען מען האָט אין ב. גע־קליבן אַ קאַזשאַני ראַבינער, איז ער געווען אַ קאַנדידאַט און אַ־זוי ווי אַ קאַזשאַני ראַבינער האָט געדאַרפט קענען רוסיש, און ניט האָבנדיק קיין ברירה האָט ער זיך דאַן געלערנט רוסיש, איז דאָס שוין געווען גענוג ביי די בעלי־בתים פון ב. מיט יאָרן שפּעטער אים צו פּסלען אַלס מורה־הוראה.

איז טאַקע איבערגעבליבן נאָר ר׳ יוסף אויפן אַמט צו פאַרנע־מען די כסא־הרבנות אין ב.

ווען קרעשעוו איז פאַרברענט געוואָרן ביי די שלאַכטן פון סאַן און דער קרעשעווער רב איז גע־קומען קיין ב. און ער איז געווען פון די סאַנדזער חסידים — האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף פאַרן כסא־הרבנות אין ב., און ניט האָבנדיק קיין אויסוועג, איז אין ב. ניט געווען קיין רב. נאָר ביי־דע זיינען געווען מורה־הוראות.

דער קרעשעווער רב פלעגט דאַווענען אין גרויסן בית־המד־רש און ר׳ יוסף אין רישקער שטיבל.

מאַכט זיך אַמאָל, נאָכן טויט פון אלקנה־לעמל איז איבערגע־בליבן אַ ווילנער ש״ס, און אַזוי ווי עס איז איבערגעבליבן אַ מיידל וועלכע מען האָט געדאַרפט חתו־נה מאַכן, האָט מען באַשטימט צו פאַרקויפן דאָס ש״ס, און די צוויי אײדעמס האָבן זיך מיט דעם פאַראינטערעסירט, בן־ציון וועל־כער האָט געדאַוונט אין גרויסן בית המדרש און איז דאַן געווען בעל קורא האָט געוואָלט אַז דאָס ש״ס זאָלן זיי קויפן, און ר׳ נטע, וועלכער האָט געדאַוונט צווישן די סאַנדזער, האָט געוואָלט אַז די סאַנדזער זאָלן עס קויפן.

אָבער בן־ציון האָט גענומען מיט כוח און דאָס ש״ס פאַרקויפט אין בית־המדרש, מען האָט דאַן גע־מאַכט אַ הגרלה, איינער האָט עס געוווּנען, און דאָס ש״ס איז גע־וואָרן געפּירט אין בית המדרש מיט גרויס פּראַכט.

וואָס האָבן אָבער געטאָן די

סאַנדזערז אין אַ שיינע נאַכט האָט מען זיך אַריינגעריסן אין דעם ביתהמדרש, ארויסגעגנבעט דאָס ש״ס און מען האָט ניט געוווסט ווו עס איז פאַרשווונדן, ניט דיר און ניט מיר.

עס האָט זיך אויפגעהויבן דער אמתער טומל, וואָס הייסט, מיר וועלן עס פאַרשווייגן! און שבת, ווען דער קרעשעווער רב איז געקומען צום דאַווענען אין גרויסן בית־המדרש, האָט ער געטראָפן זיין שטאָט אַנגעשמירט מיט סמאַלע.

די מלחמת מצוה האָט געהאַלטן אַזוי ווייט, אַז אַ סאַנדזער האָט זיך ניט געוואָלט משדך זיין מיט אַ טריסקער.

די אמתע „מלחמת־מצוה״.

די ציוניסטישע באַוועגונג אין ב.

ב. איז דאַן געווען אָקופּירט דורך עסטרייך.

צווישן דער עסטרייכישער אַרמיי איז געווען אַ יידישער אָפיציר מיטן נאָמען אויזערקעס, פון דער היים איז ער געווען ציוניסטיש דערצויגן, אויך דאָ אין ב. האָט ער אָנגעהויבן צו גרופּירן אַרום זיך די יידישע יוגנט און עס איז געשאַפן געוואָרן די ערשטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

די פרומע יידן אין שטאָט, זעענדיק די מעשה, האָבן אויפגעהויבן דעם אמתן ויצעקו. געוואַלד, מען מאַכט אומגליקלעך די קינדער, מען טאָר עס ניט דערלאָזן, אָבער עס האָט ניט געהאַלפן, די יוגנט איז געגאַנגען איר וועג.

עס איז געשאַפן געוואָרן די „סקויטן״ (ווילציקעס), וועלכע האָבן צוזאַמען מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע גענומען אָנטייל אין די פייערונגען פון סאַן רעמאָ אַקט, די דערעפענונג פון ירושלימער אוניווערסיטעט און ביי דער באַלפור דעקלאַראַציע, זייער מאַרשירן איבער די גאַסן פון ב. האָבן צוגעצויגן גרויסע מאַסן יידן און האָבן באַקומען גרויס רעספּעקט פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין שטאָט.

דער ציוניסטישער געדאַנק האָט זיך ביסלעכווייז אַריינגעגנבעט אין די הערצער פון דער יוגנט און ס׳האָבן אָנגעהויבן קומען קיין ב. ציוניסטישע רעדנער, וואָס האָבן כסדר גערעדט אין גרויסן בית־המדרש און טאַקע ביי יעדער רעדע, זיינען פאָרגעקומען גרויסע קאַמפן צווישן דעם אויפגייענדיקן ציוניזם און די פרומע יידן אין ב.

עס האָט זיך געשאַפן אַ „תרבות״שולע און אַ ביבליאָטעק, ווו עס איז געגעבן געוואָרן עברית לעקציעס פאַר די סקויטן און פאַר דערוואַקסענע.

—●—

טאַדרעס זייגער מאַכער, אַ נידעריקער מיט אַ הויכער פּלייצע, געטראָגן אַ יידיש היטל מיט אַ באָרד, געווען אַמאָל אַ תלמיד פון אַלטן רב און געקענט גוט לערנען, כאָטש ער פלעגט יעדן

שבת גיין דאַווענען, פלעגט מען זאָגן אין שטאָט, אַז ער איז „קאַליע" געוואָרן, ער לייענט ביכלעך און כאַפט זיך פון מאָל צו מאָל אַריין אין קינאָ, ער פאַרזאָרגט אָט די אַלע, מיט די טריפה־פסולע ביכער, און איז אויך אָנגעשטעקט מיטן ציוניסטישן געדאַנק.

—•—

און אָט די סיטרא־אחרא, האָט זיך אויך אַריינגעכאַפט צווישן די ווענט פון גרויסן בית־המדרש, ווו די שטאָטישע בחורים זיינען געזעסן און געלערנט, וואָס צווישן זיי איז אויך געווען דער געלער איצי (היינט יצחק באשעוויס) דעם אלטן ב. רב׳ס אן אייניקל.

מען האָט אָנגעהויבן צו דערציילן אין שטאָט, אַז ביי די ישיבה־בחורים האָט מען געטראָפן אונטער דער גמרא אַ טריפה־פסול, אַ ביכל, וואָס זיי פלעגן באָרגן ביי טאָדרעס זייגער־מאַכער אָדער אין דעם תרבות־ביבליאָטעק.

ביסלעכווייז האָבן זיך די ישיבה־בחורים דערווייטערט פון בית המדרש, און געשאַפן די מזרחי־באַוועגונג אין ב.

—•—

אין ווינקל ביי דער ספרים שאַנק, אין גרויסן בית המדרש, איז געזעסן ר׳ מרדכי־יוסף, אַ נידעריקער, געלאָמט אויף איין פוס, כסדר דעם קאָפ אַרומגעוויקלט מיט אַ גרויסער פאַטשיילע, וועלכע האָט אַפילו זיין לאַנגע באָרד אַריינגענומען, אַז מען האָט ניט מער אַרויסגעזען ווי די אויגן מיט דער נאָז און דאָס מויל.

ער איז כסדר געשטאַנען ביי זיין שטענדער פאַרטאָן און געלערנט קבלה, אַזוי פלעגט מען זאָגן אין שטאָט.

ער פלעגט ביים לערנען זיין אַזוי פאַרטיפט, אַז שטייענדיק מיטן ליכט אין דער האַנט, פלעגט ער ניט זען ווי דאָס ליכט ברענט זיך אויס, נאָר ווען ער האָט זיך אָפגעבריט, האָט ער אויפגעהערט צו לערנען.

ניט איינמאָל פלעגט ער אינמיטן לערנען אויפהויבן זיין שטעקן און אָנהויבן קלאַפן אין זיין שטענדער און שרייען: „געוואַלד", „געוואַלד", עס ברענט, און קיינער לעשט ניט, מיידן גייען מיט קורצע אַרבל, און ווו ער האָט געזען מיידן מיט קורצע אַרבל, ווייסט מען ניט, ווייל ער פלעגט קיינמאָל ניט קוקן אויף קיין פרוי, און זיין וועג איז געווען פון דער ברוק־גאַס ביזן בית־המדרש, נאָר עטלעכע טריט.

—•—

די אַרבעטער אין ב., וואָס מייסטנס זיינען געווען זיפער, זיינען אויך ניט געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט, זיי האָבן דאַן געשאַפן דעם ערשטן פראָפעסיאָנעלן פאַריין אין ב., וואָס איז געווען ביי בעריש לערער אין הויז, ווייל קיינער אין ב. האָט ניט געוואָלט פאַרדינגען אויף אַזאַ זאַך אַ דירה.

מיט אַמאָל זאָגט דער פראָפעסיאָנעלער פאַריין געמאָלדן אַז עס

קומט פאַר אַן עפנטלעכן רעפעראַט פון אַ ·פאָרשטייער פון וואַרשע און קומט פאָר ניט אַנדערש נאָר טאַקע אין פרייטאָג־צונאַכט.

ווען דאָס רעליגיעזע יידנטום אין ב. האָט זיך פון דעם גרויסן אומגליק דערוווסט, איז מען שוין נאָכן דאַווענען ניט געגאַנגען אַהיים מאַכן קידוש און פראַווען די שבתדיקע סעודה, נאָר פון אַלע בתי הכנסיות האָט זיך דער גאַנצער עולם געלאָזן צום פראָפ. פאַריין.

די גאַסן זיינען געווען פול מיט יידן און דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן מיטן אָנגעהאַקטן האָלץ וואָס ב. יידן פלעגן זומער אָנהאַקן, אויפשטעלן אין שייטלעך עס זאָל טרוקן ווערן ביז ווינטער.

דאָס האָלץ איז געפלויגן איבער און אין די קעפ און ניט איינער איז נאָך דעם קאַמף, אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ.

דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען אַזוי לאַנג, ביז עס איז צעבראָכן געוואָרן דער לאָמפּ, ווייל ב. האָט נאָך דאַן ניט געהאַט קיין עלעקטריע, און דער רעפעראַט איז טאַקע ניט פאַרגעקומען.

אויף צומאָרגנס זיינען די געליטענע פון דער „מלחמת־מצווה", אַרומגעגאַנגען און צוזאַמענגעקליבן דאָס האָלץ וואָס איז געווען צעוואָרפן איבערן גאַנצן שטח.

—●—

ווען ביידע מורה־הוראות זיינען נפטר געוואָרן, איז ב. ווייטער געבליבן אָן אַ רב, און עס האָט זיך ווייטער געשאַפן די פראַגע, ווער זאָל ווערן רב אין ב.

עס האָבן זיך געמאָלדן אין דער קהלה פאַרשידענע קאַנדידאַטן, צווישן וועלכע עס איז געווען איין קאַנדידאט פון די סאַנדזער און דער צווייטער איז געווען פון בעלדזער הויף.

עס האָט זיך געשאַפן אין ב. הייס בלוט, נאָך לאַנגע משא־ומתן זיינען די צדדים צווישן זיך אַדורכגעקומען, אָבער ר' איציעלע, וועלכער האָט זיך געפילט געטראָפן, האָט זיך אויסגעדריקט: „אמת, ווי איר זאָגט קען איך קיין רב אין ב. ניט זיין, אָבער הענט האָב איך, געלט קען איך אויך נעמען".

און אויפגענומען געוואָרן אין ב. אַלס רב איז דער קאַנדידאַט פון בעלדזער הויף.

ביים איבערנעמען די כסא־הרבנות אין ב. איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכע אויפנאַמע און דער פרישער רב איז געפירט געוואָרן אין דער שטאָטישער שול.

נאָכן ענדיקן די פייערונגען האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז אין דעם גרויסן געדראַנג וואָס איז געווען האָט מען אַ גרויסן טייל מענטשן, אויפגעשניטן מיט ראַזיר מעסערלעך די מאַנטלען און זיי זיינען אַהיימגעקומען מיט געהאַקטע קאַפּאָטעס.

שפעטער האָט מען אין שטאָט געזאָגט, דאָס איז געווען אַ פאַרגיטיקונג פאַרן שטערן דעם רע־

פערזאָט אין פּראָפעסיאָנעלן־פּאַ־
ריין.

אויך אַ „מלחמת־מצוה״.

—●—

ווען די חלוצים וואָס זיינען געפאָרן קיין ישראל זיינען צו־ריקגעקומען קיין ב. האָבן זיי נאָך געהאַלטן די „תרבות״ ביבליאָ־טעק און דאָרט זיך קאָנצענטרירט. נאָכן שאַפן צום צווייטן מאָל די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין ב., האָט זי געפאָדערט די ביבליאָ־טעק, ניט קענענדיק זיך צוזאַמענ־ריידן, האָט די צענטראַלע פון תרבות אין וואַרשע, איבערגענו־מען די ביבליאָטעק און איר אי־בערגעגעבן צו דער פרישער ציו־ניסטישער אָרגאַניזאַציע.

אָט אין אַזעלכע קאַמפן, האָט די יוגנט דאָך פאַרגעזעצט די טע־טיקייט פאַרן ציוניזם און דורך די קליינע פאַנאַטישע גרופן זיי־נען מיר דערגאַנגען צו אַ זעלבסט־שטענדיקע מדינת ישראל, וועל־כע מיר פייערן היינט 20 יאָר פון איר עקזיסטענץ.

„יידישע צייטונג״, 30־טן אפריל 1968

וואס איז דעמאקראטיע?

יעדער ווייסט אז די אַראַבישע מדינות זיינען אַרויס אין קריג קעגן ישראל און אויב ישראל האָט די קריג געווונען, הייסט עס ביי די קאָמוניסטישע מדינות, פאַרכאַפּער, נאָכלויפער נאָכן אימפּעריאַליזם.

כוסיין אַליין האָט דאָך מודה געווען, אַז ישראל האָט זיך צו אים געוואָנדן, ער זאָל זיצן רואיק וועט אים גאָרניט געשען.

אָבער כוסיין האָט געמיינט, עס איז געקומען די צייט אַריינצווואַרפן די יידן אין ים און זיך צעטיילן מיטן יידישן רויב.

האָט דען שוין די וועלט געזען, אַז נאָך אַ מלחמה, זאָל ניט קומען קיין שלום?

אָבער אָט דאָ, צו דער מלחמה פון ישראל מיט די אַראַבישע לענדער, קען מען זאָגן אַז די רוסן, ווילן באין אופן ניט אַז עס זאָל קומען צו אַ שלום, ווי מען זעט, דערקלערן דאָך אַלע אַראַבישע מדינות עפנטלעך: „קיין שלום מיט ישראל וועט ניט זיין”.

דאָך שטערט עס ניט דעם זיכערהייטס־ראַט אָנצונעמען באַשלוסן אַז ישראל דאַרף פאַרלאָזן די פאַרנומענע געביטן, מורא האָבנדיק צו דערמאָנען וועגן אַ שלום.

אויך די קאָמיסיע פון מענטשן־רעכט ביי דער „אונאָ” האָט לעצטנס אָנגענומען אַן אויסגעשפּראָכענע אַנטי־ישראל שטעלונג.

זעט דען ניט אָט די קאָמיסיע פון מענטשן־רעכט ביי דער ”אונאָ” ווי יידן ווערן גערודפט אין רוסלאנד, פּוילן און אין די אראבישע לענדער? זיי געפינען אפילו ניט פאַר נויטיק צו באַמערקן דערויף.

ווייסט דען ניט די גאַנצע וועלט, אַז צוריקטרעטן פון די פאַרנומענע געביטן אָן אַ שלום, הייסט זעלבסטמאָרד, און דאָס האָט נאָך ישראל ניט בדעה צו טאָן.

רוסלאַנד איז דאָך דער הויפּט טאָן־געבער קעגן ישראל, אַז ישראל איז אַ פאַרכאַפּער, ישראל איז אימפּעריאַליסטיש, ישראל אונטערדריקט די אַראַבישע באַפעלקערונג און נאָך און נאָך.

אָבער אפשר וואָלט ווער געקענט זאָגן, וואָס וויל רוסלאַנד איצט פון טשעכיע? אַ לאַנד אַ זעלבסטשטענדיק, וויל רוסלאַנד איר אַריינזאָגן דעות ווי זי זאָל פירן איר אָרדענונג און פּאָליטיק, זי וויל נויטן טשעכן אַז זי מוז זיין ווייטער איר „סאַטעליט”.

דאָס הייסט ניט אימפּעריאַליזם?

דאָס הייסט ניט פאַרכאַפּעריש? דאָס הייסט ניט באַצווינגען? דאָס הייסט ניט אונטערדריקן?

אפשר וואָלט ווער געקאָנט זאָגן וואָס דאָס הייסט? אפשר איז דאָס ביי זיי דעמאָקראַטיע? גערעכטי־קייט? איז אָך און ווי צו אַזאַ דעמאָקראַטיע.

פוילן, וועמענס בירגער האָבן גענומען אַ גאַנץ גרויסן אָנטייל ביים פאַרניכטן דאָס פוילישע יידנטום, האָבן ווייטער אויסגע־זוכט דעם שעיר לעזאזל, דעם ייד, און שיטן פעך און שוועבל אויף ישראל און אויף אירע אייגענע בירגער, די יידן.

איז דאָס אפשר אויך דעמאָקראַ־טיע?

דער ראש העיר פון חברון וואָגט זיך צו דערקלערן עפנט־לעך, ניט צו באַזעצן יידן אין חברון, איז עס ניט לעכערלעך? ווען איז דען חברון, אַלט ירוש־לים געווען ירדניש?

מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ביזן פאַרכאַפּן ירדנס ירושלים, חברון, איז דאָך דאָרט געווען אַ יידישער ישוב, קען דען ווער שטערן אַ בירגער פון אַ שטאָט זיך צוריק באַזעצן אין זיין שטאָט, וועלכע איז געוואָרן באַפרייט פון די פאַר־כאַפּער?

איז דאָס אפשר אויך אַ דעמאָ־קראַטישער צוגאַנג?

אויב אַ ראש־העיר פון שכם גיט אָפּ אַזעלכע דערקלערונגען, וואָס זיינען בכלל קעגן די פּרינ־ציפּן פון ישראל און ער זיצט ווייטער אויף זיין פּאָסטן אַלס ראש־העיר, איז דאָס אויך ניט דעמאָקראַטיש.

אין דער צייט ווען דער „או־נאָ" שליח פאַרן מיטל־מזרח גו־נאר יארינג, לייגט איין וועלטן בכ־די צוזאַמענצוברענגעןביידע צד־דים, ישראל און די אראבישע לענ־דער וועגן אַ שלום, דערקלערן עפנטלעך אַלע אַראַבישע מדינות, אַז זיי וועלן העלפן די טעראָ־ריסטן באַנדעס, וועלכע ווילן פאַר־ניכטן ישראל און דאָס גאַנצע גע־ווער וואָס מען געפינט ביי די טעראָריסטן, איז אויך רוסיש.

דאָך האָט ניט געשטערט רוס־לאַנד צו שיקן אַ ברכה ישראל צום 20־טן יום־העצמאות, באַ־מערקנדיק, אַז זיי זיינען פאַר יש־ראל, זיי זיינען נאָר קעגן די ציוניסטן, די פאַרכאַפּער.

איז דאָס אפשר אויך דע־מאָקראַטיש?

די חברי־הכנסת פון רק"ח פאָרן אַרום איבער דער וועלט און האַל־טן דאָרט ישראל פרעסערישע דר־שות, ישראל זיינען פאַרכאַפּער, באַצווינגער, ישראל מוז פאַרלאָזן די פארנומענע געביטן און האָבן געהאַט די חוצפה צו באַיקאָטירן דעם מצעד צה"ל אין ירושלים.

וואָלטן זיך ווו אין דער גאַנצער וועלט געפונען אַזעלכע עלע־מענטן אין אַ פאַרלאַמענט?

אמת, אין דער גאַנצער וועלט זיינען קאָמוניסטן פאַרטראַטן אין די פאַרלאַמענטן, ווייל: דער פראַנ־צויזישער קאָמוניסט וויל אַ קאָ־מוניסטיש פראַנקרייך, אַזוי דער ענגלישער קאָמוניסט, דער אי־טאַליענישער קאָמוניסט א א. וו.

אָבער רק״ח וויל, אַז ישראל זאָל זיין אַן אַראַביש קאָמוניסטיש לאַנד.

וואָלטן חלילה די אַראַבישע מדינות באַזיגט ישראל, וואָלטן די מערדערישע הענט פון די אַראַבער געשחטן די ישראל קאָמוניסטן גלייך מיטן גאַנצן יידישן פאָלק, זיי וואָלטן ניט בודק געווען ווער עס איז אַ קאָמוניסט.

אויב אַזעלכע קאָמוניסטן זיצן אין כנסת און ווערן אויסגעהאַלטן פון פאָלק, ווערן ניט באַשטראָפט. — איז עס אויך ניט דעמאָקראַטיש.

„יידישע צייטונג", 31־טן מאי 1968

דער סטאלין בלבול קעגן די יידישע דאָקטוירים

עטלעכע פראגן דעם זיכערהייטס־ראט

ווען די אונ״אָ האָט באשטעטיקט אויפצושטעלן „מדינת ישראל”, איז רוסלאנד געווען פון די ערשטע, וועלכע האָט איר אָנערקענט.

נאָכן אָנערקענען ישראל, זייַנען קעגן איר ארויס אין קריג אלע אראבישע לענדער, זיי האָבן באלד געבראָכן דעם באשלוס פון אונ״אָ. די אראבישע פירער האָבן מיט כוח ארויסגעשלעפּט די אַראַבער פון פּאַלעסטינע, צוזאָגנדיק זיי, אז אין געציילטע טעג, וועלן זיי קומען צוריק און זיך טיילן מיטן רויב פון די יידן. און אז דאָס איז ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן, האָבן זיך געשאפן „אראבישע פליטים”. ווען די אראבישע לענדער זייַנען ארויס אין קריג קעגן דעם פריש אנטשטאַנענעם ישראל, האָבן זיי דערקלערט קריג דער „אונאָ”.

אין די גאַנצע 20 יאָר פון ישראל׳ס עקזיסטענץ, האָט ישראל ניט געהאַט קיין איין רואיקן טאָג.

די גאַנצע צייט האַלטן די אראבישע מדינות עפנטלעכע רעדעס פון דער אונאָ טריבונע, אז זייער איינציקער ציל איז צו פארניכטן ישראל און עס האָט זיך נאָך ניט געטראָפן אז איין פאָרשטייער פון וועלכן לאַנד, זאָל זיי שטערן אין זייער טייוולאָנישן פלאַן.

ווען די פאדאיִן־אקציעס זייַנען געוואָרן אַ טאָג טעגלעכע דערשיינונג, ממש ניט אויסצוהאַלטן, האָט ישראל דורכגעפירט אַ שטראָף־אקציע, האָט דאַן דער אונאָ געטאַדלט ישראל.

ווען ישראל האָט געוווסט אז דער סיני־אינדזל איז איין גרויסער געווער־לאַגער און די אראבישע מדינות גרייטן זיך אָנפאַלן אויף ישראל, איז פאָרגעקומען די „סיני־אַקציע” האָט זיך די אונאָ ווידער דערשראָקן. ישראל ביים סועץ!

איז געקומען וואַפן־שטילשטאַנד און ישראל איז גענויט געוואָרן אָפּצוטרעטן פון די פארנומענע געביטן.

ניט קוקנדיק אויף קיין שום אָפּמאַך, האָבן די אראבישע שכנים כסדר באַשאָסן יידישע ישובים, דאָך האָט קיין איינמאָל דער זיכערהייטס־ראט ניט געטאַדלט די אראבער פאר זייערע פארברעכערישע מעשים.

ווו איז געווען די וועלט? ווען מיט 40 יאָר צוריק האָבן די אראבער אויסגע׳שחטן דעם גאַנצן יידישן ישוב פון חברון, ווו איז געווען די וועלט? ווען היטלער האָט גענומען זעקס מיליאָן און זיי פאַרגאַזט און פאַרברענט — האָט די וועלט ווידער געשוויגן.

פארוואַס האָט די וועלט געש־

וויגן ווען די יידן־פּליטים אין רוסלאַנד, האָבן ניט געוואָלט נעמען קיין רוסישע פּאַספּאָרטן, האָט מען זיי פאַרמשפּט אונטער די אויגן אויף פאַרשיידענע יאָרן תפיסה און זיי פאַרשיקט קיין סיביר, פון וועלכע טויזנטער זיינען אויסגעשטאָרבן פון הונגער און קעלט.

קען דען אַ לאַנד נויטן אַ פרעמדן בירגער, ווען ער געפינט זיך אַלס פּליט, אָנצונעמען יענעמס בירגערשאַפט?

ווו איז געווען די וועלט ווען עס האָבן זיך ארומגעדרייט שיפן מיט יידישע פּליטים, אַנטלאָפענע פון דעם דייטשן גהינום?

ווו איז די וועלט? ווען רוסלאַנד און פּוילן זאָגן אָפּ זייערע יידישע בירגער פון דער ארבייט, עס איז דאָך באַוווסט אַז אין די לענדער איז קיין פּריוואט איניציאטיוו ניט פאַראַן און אַזאַ אָפּגעזאָגטער פון זיין אַרבעט איז אויסגעשטעלט אויף הונגער־טויט. דאָס איז דאָך באַרבאַריש, ווו איז די ליגע פון מענטשן־רעכט?

די ים־מדינות האָבן געפאָדערט פון נאַצערן צו עפענען דעם טיראַן־איינגוס פאַר ישראל שיפן, אָבער נאַצער האָט פון זיי געלאַכט. וואָס האָט די „אונאָ" צו דעם געטאָן?

רוסלאַנד באַשמוצט ישראל, טענהדיק אַז די אַראַבישע מדינות ווילן שלום, ווען אַלע אַראַבישע מדינות האַלטן זיך ביים כאַרטומער באַשלוס: „ניט אָנערקענען ישראל, ניט מאַכן שלום מיט ישראל", פירן ווייטער דעם חרם אויף ישראל, וואָס דאָס איז זיכער קעגן דעם באַשלוס פון וואפן־שטילשטאַנד.

אדרבא, זעט דען ניט די וועלט ווי דער „אונאָ"־פאַרשטייער גונאַר יאַרינג לייגט איין וועלטן, כדי צו דערברענגען צו אַ שלום און זיי, די פאַרשפּילטע אראבער דיקטירן דעם שלום?

ווו איז געווען דער זיכערהייטסראַט ווען מצרים האָט דערטרונקען די שיף „אילת" אין די עקס־טעריטאָריעלע וואַסערן? דאָס איז דאָך געווען אין דער צייט פון וואפן־שטילשטאַנד.

נאָכן דערמאָרדן ראָבערט קענעדי, שרייבט די „איזוועסטיא", אַז די אַמעריקאנער געזעלשאַפט איז דערגאַנגען צו גאַנגסטעריזם, אין דער צייט ווען דזשאָן קענעדי איז געוואָרן דערמאָרדעט דורך אָסוואַלדן, אַ רוס, אַ קאָמוניסט, און ראָבערט קענעדי איז געוואָרן דערמאָרדעט דורך אַן אַראַבער, אויך אַ קאָמוניסט.

„לאַ־מאַנד" באַשולדיקט ישראל אַז צוליב איר האַרטנעקיקער האַלטונג איז אומגעקומען קענעדי, אַזעלכע רעדעס וואָס עס האַלטן כסדר נאַצער, גאָמולקאַ, קאָסיגין און אַנדערע, שאַפן דען ניט קיין פּלאַץ ביי די האַלב־ווילדע אַראַבער פאַר אַטענטאַטן?

רוסלאַנד פאָדערט צו אינטערנאַציאָנאַליזירן ירושלים, מיטן מאָטיוו, ווייל דאָרט זיינען דאָ הייליקטימער פון אַלע רעליגיעס. נאָך דער רעוואָלוציע האָבן די רוסן גענומען אַלע יידישע שולן, מעטשעטן, קלויסטער און פון זיי מאַגאַזינען געמאכט, היינט פאַ־

דערן זיי די רעכט פון הייליק־
טימער, נאָר ביי ישראל.

די וועלט קען פאַרלאַנגען פון ישראל צו האַנאָרירן אָט די אַלע הייליקטימער און דאָס האָט יש־
ראל פייערלעך צוגעזאָגט.

ירדן שרייט, אַז ישראל פאַרניכ־
טעט די הייליקטימער פון ירוש־
לים. וווּ איז געווען די גאַנצע וועלט ווען ירדן האָט פאַרניכטעט
אַלע בתי־קברותן און פון די מצ־
בות, הייזער און כבישים געבויט?

וווּ איז געווען די גאַנצע וועלט ווען ירדן האָט פון בנינים פון אוני־
ווערסיטעט שטאַלן געמאַכט? מיר בויען און שאַפן דאָרט, זיי האָבן במשך פון די 20 יאָר צעש־
טערט און פאַרניכטעט.

פאַרוואָס צוויי מאָסן, איינס פאַר די יידן און איינס פאַר די אראבער. פאַרוואָס?

„יידישע צייטונג", 5־טן יולי 1968

זיי זענען נישט אנגעקומען!... זיי זענען אומגעקומען צוזאמען מיט
דער אונטער וואסער־שיף „דקר"

ובערת את הרע „מקרבך"

דער ענין מיט דער דירה פארן נכה המלחמה פון 100%, וועלכע דער משרד הבטחון האט געוואלט פאר אים דינגען אויף סעדיה הגאון 14 אין ירושלים אויף צייטווייליק, האט אזוי שטארק דערשיטערט אלע איינוווינער אין ישראל, וואס האט נישט זיינס גלייכן.

דער מאָטיוו פון עו"ד שמואל עמית, אז די ענדערונג, וואס מען דאַרף מאכן אין הויז, בכדי דער נכה זאָל קענען ארייִנפארן מיטן וועגעלע צו וועלכן ער מוז זיין צוגעבונדן, וועט פארביליקערן די ווערט פון זיין דירה.

און אז זיין פליכט אלס בירגער איז נאָר: צו צאָלן מסים און שרות בטחון, אָבער וואס עס באשטייט זיין שרות בטחון? קען אמאָל זיין אין הג"א.

צי קען זיך ווער פארשטעלן, אז עס זאָל זיך געפינען אַ מענטש וואס זאָל קענען געבן אזא מין ענטפער, אין אזא אַנגעווייטיקטער פראגע, דאָס דאַרף מען קענען, און ווי עס ווייזט אויס, קען עס דער עו"ד שמואל עמית.

דער יונגער נכה האָט מקריב געווען זיין לעבן, געבליבן א נכה פון גאנצע 100% אויפן גאנצן לעבן, בכדי אז אזא מין עו"ד זאָל בלייבן גאנץ און מאכן א לעבן, וואס פאר דעם נכה איז עס נאָר א חלום.

וואס דער עו"ד עמית האָט מורא, אז זיין דירה וועט ווערן ביליקער צוליבן מאכן די ענדערונגען.

צי האָט דען דאס לעבן פון דעם יונגן נכה נישט אָנגעוווירן זיין ווערט, מער ווי די ווערט פון זיין דירה?

וואס ער זאָגט, אז זיין פליכט אלס בירגער, איז נאָר צו צאָלן מסים און טאקע פאר דעם קעמפט ער נישט צו לאָזן פארביליקערן זיין דירה.

דער עו"ד האָט א טעות, אויך ער, גלייך ווי אלע און טאקע ווי אָט דער נכה, דאַרף און מוז פארטיידיקן דאָס לאַנד מיט אירע בירגער און אויב עס האָט אים אָפּגעגליקט און איז אפשר געקומען צוריק פון קריג א גאנצער, דאַרף ער און מוז וויסן, וואס דאָס פאָלק דאַרף אָפּצאָלן אזא מין נכה.

און אזא מין עו"ד זיצט אויף א מלוכה־פאָסטן און מאכט א לעבן.

אזא מין עו"ד דאַרף ווערן אויסגעשלאָסן פון דער ישראל ־ געזעלשאפט און דער משרד הבטחון מוז אָננעמען די געהעריקע שריט.

עס טאָר באַין אופן נישט טאָלערירט ווערן אזא מין ענטפער, ווייל אזא מין ענטפער, טרעפן אין דער טיפעניש אין הארצן פון אונדזערע טייערע ישראל־חיילים.

דער גרעסטער כבוד דארף זיין, אז אזא נכה ווינט צווישן אונדז אין הויז, ווייל מיט וואָס קענען מיר העלפן אזא מין אומגליקלעכן מענטש, אויב נישט מיט א גוט וואָרט און א שיינעם טאט.

ער פאלט נאָך אָן דער פרויטעטינגער, זאָגנדיק: „זי פארלאנגט פון די דירי־הבית, אז מיר זאָלן זיך באטייליקן אין איר „פאטריאָטישן ענין".

ה' עו"ד, דאָס הייסט ביי אייך „פאטריאָטישער ענין"? דאָס איז אָן ענין, אויף וועלכן עס בלוטיקט יעדעס יידיש הארץ.

„יידישע צייטונג", 19־טן אויגוסט 1968

קרומע וועגן

ווען מען האָט געהאַט פאַרכאַפּט דעם „על על״ עראָפּלאַן מיט די פּאַסאַזשירן און מאַנשאַפט, האָט דאַן אויפגערודערט די גאַנצע וועלט, ווייל אַזאַ פּיראַטן־אַקט, אין דער לופטן, האָט געקאָנט רו־אינירן דעם גאַנצן פלי־וועזן.

איצט נאָכן באַפרייען דעם „אל אל״ עראָפּלאַן מיט די 12 געפאַנ־גענע, קאָן מען שוין מיט אַ לייכ־טערער האַרץ ריידן וועגן די פאַר־כאַפּער און די וועלט היטער.

שיין איז געווען די שטעלונג פון די פראַנצויזישע פּליער, וואָס האָבן זיך אַנגעשלאָסן פון די ערשטע אויפן באַיקאָט קעגן אַל־זשיריע, ווייל זיי זענען געגאַנגען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז די פּליער זענען אַן אָרגאַניזאַציע אויסער יעדער פּאָליטיק.

אָבער מיאוס איז געווען די שטעלונג פון פראַנקרייך, שטעלנ־דיק אירע פּאָליטישע אינטערעסן העכער פון אַלץ און מיט אַלע כוחות געווירקט, אַז דער באַי־קאָט וואָס איז אַרויסגערופן גע־וואָרן מיט אַזאַ גרויסער „פּאַמפּע״ זאָל קאַפּיטולירן און אַלץ האָט געפּלאַצט ווי אַ זייפן־בלאָז.

נישט נאָר, וואָס דער פּילאָטן־פאַרבאַנד האָט אָפּגערופן דעם באַיקאָט, נאָר זי האָט זיך נאָך אַנטשולדיקט פאַר אַלזשיריע פאַ־רן אויסרופן דעם באַיקאָט, דאָס הייסט, דער פאַרבאַנד האָט זיך אונטערגעוואָרפן אונטערן דרוק פון פראַנקרייך.

עס איז באמת אַ חוזק פון זיך אַליין, וויפל מאָל זענען די פאַר־שטייער פון פליער ־ פאַרבאַנד געפלויגן קיין אַלזשיר און בור־מעדיען האָט אפילו נישט גע־פונען פאַר נויטיק זיי אויפצו־נעמען.

און ווי קומט בכלל אַלזשיריע צו האַלטן אַ פאַרכאַפּטן עראָפּ־לאַן, וועלכע לופט־פּיראַטן האָבן אים פאַרכאַפּט און ווען זיי האַלטן אים, הייסט עס, אַז אַל־זשיריע שטעלט זיך אַלס צד.

ווי זאָגט אונדזער תורה, וואָס די גאַנצע וועלט האַלט פון אירע געזעצן: „לא עכברא גנבא אלא אחורא גנבא״, (נישט דער גנב איז שולדיק, נאָר דער, וועלכער קויפט די גניבה), און אין דער גאַנצער קולטורעלער וועלט, ווערט טאַקע דער פאַסער שטרענ־גער באַשטראָפט ווי דער גנב.

דאָס איז אמתדיקע קרומע ווע־גן. וועט די וועלט מן הסתם לער־נען דערפון.

און וועגן זיכערהייטס־ראַט

דער באַשלוס פון זיכערהייטס־ראַט צו טאַדלען נאָר ישראל, ניט באַטראַכטנדיק אפילו פאַרוואָס און פאַר וועלכן די שטראָף־אַקציעס קומען פאַר, דאָס איז נאָר אַ

קאָזאקצע האנדלונג און מען מוז וויסן, אז אזא מין באשלוס ברעכט אונטער דעם פרעסטיזש פון אָט דער אָרגאניזאציע.

אדרבא, זאָגט וועלכע מדינה אין דער וועלט, וואָלט טאָלערירט, אז עס זאָלן קומען באנדעס פון שכנותדיקע מדינות, וואָס ווערן דאָרט אויסגעשולט און אויסגעהאלטן און זאָלן מאָרדן אירע בירגער און זאָלן נישט באשטראָפט ווערן.

אפילו אין דער גאנצער צייט פון די פארהאנדלונגען אין דעם זיכערהייטס־ראט, איז נישט געווען קיין איין רואיקער טאָג, וואָס די ירדנער זאָלן נישט האָבן באשאָסן ישראל, האָבן עס די אלע פאָרשטייער פון זיכערהייטס־ראט נישט געהערט און נישט געוווּסט? און דאָס אלץ אין צייט פון פייער־איבערייס.

און אויב ישראל לאָזט זיך ניט אויסמאָרדן, נאָר ענטפערט מיט כוח אויף אזעלכע אָנפאלן און פראָוואָקאציעס, ווערט עס ביי די יושר און גערעכטיקייט זוכער אָנגערופן פארכאפער און אימפעריאליסטן און ווערט פאר דעם געטאדלט פון זיכערהייטס־ראט.

ירדן שעמט זיך נישט צו פאָדערן, אז די אונ״אָ זאָל זאָרגן, אז ישראל זאָל גאראנטירן די זיכערקייט פון די אראבישע איינוווינער, פארגעסנדיק אין גאנצן, צוליב וואָס עס קומען פאָר די אינצידענטן.

איראק מאכט עס נאָך שענער, זי זאָגט צו הילף די אל־פאטאך באנדעס פון דעם איראקישן מיליטער, וואָס סטאציאָנירט אין ירדן.

„פראוודא״ שרייבט, אז דער באשלוס פון זיכערהייטס־ראט איז צו שוואך און די אונ״אָ דארף געבן צו פילן די פולע וואָג פון אירע קאָמפעטענצן, כדי צו צווינגען ישראל זי זאָל זיך אונטערוואַרפן אירע באשלוסן. זיי מאכן זיך בכלל פארגעסן, אז די אראבישע לענדער האלטן זיך פעסט ביים כארטומער באשלוס: „נישט אונטערהאנדלען מיט ישראל און נישט זי אָנערקענען״.

אויך פוילן שרייט, אז ישראל איז פאשיסטיש, אין דער צייט, וואָס די פוילישע רעגירונג האָט איצט אָנגענומען א נייע שטעלונג, זי זוכט אויס ווער עס האָט א יידישע פרוי אָדער אן אָפשטאמיקער פון יידן און דאָס איז שוין גענוג צו ווערן באזייטיקט פון דער ארבעט און אירע יידישע אינטעלעקטועלע, קענען נאָר ווערן בילעטן — פארקויפער אויף די אויטאָבוסן, ווי גאָמולקא האָט אליין באשטעטיקט, אז עס האָט זיך אים געלוינט דער גאנצער ענין מיט אנטיסעמיטיזם, בכדי צו באזייטיקן די יידן פון זייערע פאָסטנס.

מען מוז זאָגן, פוילן האָט גענוי קאָפירט דעם אנטיסעמיטיזם פון היטלער — דייטשלאנד און פירט אים אויס.

זעט דען דאָס נישט די גאנצע וועלט? פשוט מען איז ארויף אויף „קרומע וועגן״ און דאָס נוצן אויס די אראבער.

דער ווארשעווער פאַקט, בעסער געזאָגט, רוסלאַנד, האָט באַזעצט טשעכיע, פאַר דער איינציקער זינד, זי וויל הערשן ביי זיך אליין ווי א זעלבשטענדיקע מדינה, וואָס קיינער האָט נישט קיין רעכט איר ארייננצוזאָגן ווי אזוי זי דאַרף פירן איר פּאָליטיק.

ווו איז די אונ״אָ? ווו איז דער זיכערהייטס־ראַט? צוליב וואָס זיצן זיי דאָרט, אפשר נאָר צוליב דעם, מען זאָל קאָנען טאַדלען דעם קליינעם ישראל? ווייל נאָך דעם אקט, מעגן זיי שוין פאַנאַנדערלאָזן דעם גאַנצן אונ״אָ.

קען ווער זאָגן דעם אונטערשייד פון היינט מיט 30 יאָר צוריק, ווען היטלער־דייטשלאַנד האָט מיט כוח באַזעצט טשעכיע און היינט מיט גאַנצע 30 יאָר שפּעטער האָט רוסלאַנד באַזעצט טשעכיע?

די דעמאָקראַטישע וועלט האָט פאַר זיך איצט דעם זעלבן פּעלער ווי מיט 30 יאָר צוריק ביים פאַרכאַפּן טשעכיע דורך היטלער־דייטשלאַנד און אויך דאַן האָט היטלער זיך נישט באַגנוגנט נאָר מיט טשעכיע און פון דעם איז דאַן ארויס די צווייטע וועלט־מלחמה.

די פּולשים זאָגן, אז נאָכן שאַפן א פאָלקס־רעגירונג, וועלן זיי ארויס פון טשעכיע, עס איז נישט אמת, דאָס גאַנצע טשעכישע פאָלק איז פאַר דער רעגירונג פון ליבעראַליזאַציע, עס וועט נאָר געשאַפן ווערן א „קוויסלינג־רעגירונג״.

די פאַרכאַפּער האָבן געמאָלדן די גרויסמאַכטן, אז זיי גייען אריין קיין טשעכיע מיטן מאָטיוו: „דאָס איז זייער השפעה־זאָנע״, ווער האָט זיי געגעבן די השפעה אויף די לענדער? זי האָט זיי דאָך אלע באַזעצט מיט כוח, פּונקט ווי איצט טשעכיע, זי קאָן דאָך זאָגן אָפן: „דאָס איז זייער אימפּעריע״.

דעם טשעכישן פאָלק איז איצט מער ווייטיקפול, ווי מיט 30 יאָר צוריק, ווען דאָס היטלער־מיליטער האָט זיי באַזעצט, ווייל די איצטיקע באַזעצער טראָגן זיך ארום מיט א תורה פון גערעכטיקייט, סאָציאַליזם, צדק און יושר, געקומען העלפן זייערע אונטערדריקטע ברידער פּונקט ווי זיי זענען געקומען אין 1939 באַפרייען זייערע אוקראַינישע ברידער: „זא אָסוואָבאָזשדעניע בראַדסקיך נאַראָדאָוו״.

קען דען נישט זיין א קאָמוניסטישע אָרדענונג: ליבעראַל, דעמאָקראַטיש, מענטשלעך, מוז זי דען זיין: הענקעריש, ברוטאַל און אוממענטשלעך?

„יידישע צייטונג״, 6־טן סעפּטעמבער 1968

כל הכבוד לצה״ל

דער נצחון פון צה״ל אין דער מלחמה פון די 6־טעג, איז זייער געפעלן געוואָרן די אייגענטימער פון די אויטאָס, דער סימן, קיין איינער האָט נישט געקאַרגט קיין צייט און אויסגעקלעפּט די פאָדערשטע און אונטערשטע שויב מיט גרויסע אויפרופן: „כל הכבוד לצה״ל״.

אָבער לײדער, ווייטער פון דעם איז עס נישט געגאַנגען, ווייסט אויס אַז פון דעם האַרץ ביז מעשים איז אַ ווייטער מהלך.

דער שרייבער פון אָט די שורות, האָט נאָך מיט 2 יאָר צוריק געשריבן וועגן אָט דעם ענין.

עס טאָר פאַר קיין שום פאַל נישט טאָלערירט ווערן, אַז אַ חייל זאָל שטיין שעה'ן, אויפהייבן די האַנט און וואַרטן אויף אַ טרעמפּ.

מען מוז געבן אַ טראַכט און פאַרשטיין דאָס צעווייטיקטע האַרץ פון דער מאַמען, וואָס קוקט אויס אַ ידיעה אָדער אַ בליק אויף איר זון, וועלכער געפינט זיך דאָרט אי־שם.

און קוים דער חייל באַקומט אַ קורצן אורלויב פון זיין קאָמאַנדיר, און בכדי אים צו דערמעגלעכן וואָס גיכער צו זיין אין דער היים, אָדער צוריק אין זיין יחידה, פאָרן אַדורך צענדליקער אויטאָס און מען לאָזט שטיין, דעם חייל מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט.

דער חייל טאָר נישט שטיין מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט, פאַרקערט, איר אייגענטימער פון אויטאָס, דאַרפט זיך אַליין אָפּשטעלן, ווען איר זעט שטיין אַ חייל און אים אַרייננעמען אין אייער מאַשין, דאָס דאַרף זיין פאַר אייך אַ כבוד, ווייל איר דאַרפט וויסן אַז אין זייער זכות פאָרט איר רואיק אויף די ישראל וועגן.

עס איז באמת קאָמיש, מאַשינען וועלכע יאָגן זיך איבער די ישראל וועגן, האָבן פאַרגעסן אַראָפּצונעמען דעם אויפשריפט „כל הכבוד לצה״ל״ און זעען נישט פאַר זיך די ישראל זעלנער, וועלכע בעטן זיך ביי זיי אַ טרעמפּ.

מען מוז אונטערנעמען אַן אַקציע און אויפרודערן די ישראל געזעלשאַפט, די רעגירונג, עיריות און דעם ועד למען החייל, זאָל עפּעס געטאָן ווערן אין דער ריכטונג, זאָל דער חייל נישט זיין אויסגעשטעלט צו שפּאָט.

דער ענין איז אויך חל אויף אונזערע טאַקסי־שאָפערן, אויך אויף זיי ליגט דער זעלבער חוב, אויך זיי דאַרפן אויפנעמען די חיילים אויף אַ טרעמפּ.

מען דאַרף וויסן, ווען מיר ישראל בירגער שלאָפן ביינאַכט אונזער רואיקן שלאָף, שטייען אונזערע חיילים וואַך אויף זייערע פּאָסטנס און זענען אויסגעשטעלט

אויף פאַרשידענע אינצידענטן מיט די אַראַבישע דיווערסאַנטן.

עס זאָל נישט טרעפן ווי עס טרעפט, אַז אונזערע טייערע חיילים באַצאָלן מיט זייערע לעבנס פאַר אונזער רואיקייט.

דעריבער ליגט אויף אונז דער הייליקער חוב, אָפּצודינען אונזערע טייערע חיילים פאַר זייער אָפּפערוויליקייט.

„יידישע צייטונג", 27־טן סעפטעמבער 1968



סא״ל משה׳לע סטעמפעל ז״ל

(צו די שלושים)

משה׳לע, איך געדענק נאָך ווי דיין מוטער האָט דיך ביי דיין הענטל געפירט, און ווען האָסט נאָר אליין אָנגעהויבן צו גיין, — ביסטו גלייך אויף דיין אייגענעם וועג ארויף, ביסט געגאַנגען פון שטאַפל צו שטאַפל, ביז האָסט דער־גרייכט דיין הויכן מצב.

איך געדענק, נאָך ווען האָסט אין חדר־יבנה געלערנט. דיין מו־טער האָט דיך אויסגעקוקט ווען ביסט פון חדר געגאַנגען, דיין מו־טער האָט דיך געצערטלט ווייל דו ביסט איר מוזשינעק געווען.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, ביסטו קוים 7 יאָר אַלט געווען און גלייך מיט דיינע עלטערן האָסטו אין דיינע פריע יאָרן אָנגעהויבן וואַנדערן איבער רוסלאַנד און איבער פאר־שידענע לאַגערן.

און טאַקע צוליב דיינע וואנדע־רונגען האָסטו אין זיך איינגעזאַפט דעם גלות יאכט און האָסט אָנגע־הויבן צו פאַרשטיין אַז דער ייד, דער אייביקער וואַנדערער, דאַרף אויך זיין אייגן לאַנד האָבן.

ווען ביסט מיט דיינע עלטערן

אין לאַנד געקומען, ביסטו קוים 13 יאָר אַלט געווען, שפּעטער ביסטו אַריין אין צבא און עס מער נישט פאַרלאָזן ביזן לעצטן אָטעם צוזאַמען ...

אין לאַנד געקומען, ביסטו קוים 13 יאָר אַלט געווען, שפּעטער ביסטו אַריין אין צבא און עס מער נישט פאַרלאָזן ביזן לעצטן אָטעם צוג פון דיין יונג לעבן.

עס איז נישט געווען קיין איין שווערער פלאַץ אין מלחמה, ווו דו, משה'לע ביסט נישט געווען.

משה'לע, דיין פאָלק וועט דיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן אין צוויישן זיי די בילגורייער יידן, ביי וועלכע דו וועסט אייביק איר העלד פאַרבלייבן.

יאָ, גרויסע משה'ס האָט דאָס יידישע פאָלק געהאַט: משה רבנו וועלכער האָט די יידן פון מצרים אַרויסגעפירט.

משה דיין, זאָל לעבן, וואָס האָט אַריינגעפירט די יידן אין מדבר, ווייזענדיק זיי, אַז אָט אין דער מדבר האָבן זייערע אורעלטערן געוואַנדערט און דאָרט צעקלאַפּט די מצרים.

און דו משה'לע, וועלכער האָסט באַפרייט אַלט־ירושלים וואָס איז געווען פון אונז אָפּגעריסן 20 יאָר און אויפן כותל־המערבי, דער ערשטער די יידישע פאָן אויפגעהאַנגען.

אויף דיר, משה'לע קען מען באמת זאָגן „ארזים נופלים זקופים", דעם „אחרי" האָסטו אויסגעפירט פולשטענדיק און האָסט טאַקע פאַר דעם באַצאָלט מיט דיין יונג לעבן.

גרויסע האָריזאָנטן זענען געווען פאַר דיר אָפן, אָבער ליידער האָסטו צו זיי נישט דערגרייכט, ווייל די מערדערישע קויל, האָט פאַרשניטן דיין יונג לעבן.

מיט געבויגענע קעפּ שטייט די בילגורייער עדה אין ישראל און אין דער גאַנצער וועלט און איז זיך מתייחד מיט דיין אָנדענק.

ברוך זכרו לנצח.

„יידישע צייטונג", 25־טן אָקטאָבער 1968

אן ענטפער דע-גאלן

דע־גאָל עצה׳ט ירדן נישט צו שליסן שלום מיט ישראל, נאָר וואַרטן ביז די 4 גרויס־מאַכטן וועלן שאַפן דעם שלום.

אין דער צייט ווען כמעט די גאַנצע וועלט איז פאַראינטערעסירט אין אַ שלום אין מיטעלן־מזרח, איז דע־גאָל פונקט ווי דער קליינשטעטלדיקער תקיף, ווען דער שמש רופט אויס ראש־חודש „יעלה ויבוא", רופט ער אויס „לא יעלה ולא יבוא".

ער רעכנט זיך אַריין צווישן די גרויס־מאַכטן, עס איז דאָך נאָר אַ טעות פון אים, ווייל אַלץ וואָס ער טוט יעצט, איז נאָר ווייל ער וויל זיין אַ יוצא־דופן.

ווי לאַנג איז דען ווי ער האָט זיך געפוצט צו רוסלאַנד? אָבער רוסלאַנד האָט אים מיאוס אָפּגעשטופּט.

צי פאַרגעסט ער דעם קאַמף וואָס ער האָט געפירט מיט אַמעריקע און האָט מיט כוח געוואָלט ברעכן דעם דאָלאַר, דער סוף איז געווען אַז ער האָט שיעור אַליין דעם קאָפּ געבראָכן.

צי פאַרגעסט ער אליין דעם קאַמף וואָס ער פירט קעגן ענגלאַנד, נישט לאָזענדיק אים אַרייננעמען אין אייראָפּעאישן מאַרק.

צי האָט ער פאַרגעסן ווי ער פלעגט כסדר זאָגן: שלום מיט די אַראַבישע לענדער, נישט אויפן חשבון פון ישראל.

דער סוף איז געווען, מיאוס פאַראַטן ישראל, אַפילו נישט געגעבן איר די באַצאָלטע מיראַזשן, מיטן אויסרייד, „עמבאַרגאָ" און צו איראַק יאָ פאַרקויפט.

דער ריח פון נאַפט האָט אים אַזוי פאַר׳שכורט, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן פוצן צו איראַק, געקושט זיך מיט אַרעפן, מיינענדיק צו באַקומען פון דאָרט קאָנצעסיעס.

דער סוף איז געווען, אָפּגערופן די קניות פון די מיראַזשן און פון די קאָנצעסיעס איז אַרויס אַ בוידעם.

האָט ער שוין פאַרגעסן ווי ער האָט זיך איינגעריסן מיט זיינע בעסטע פריינט וועלכע האָבן אים צו דער מאַכט געבראַכט, ווען ער האָט אַלזשיר אָפּהענגיקייט געגעבן, אָבער היינט זעט ער שוין אַליין ווי אלזשיר פאַלט אַריין ווי אַ צייטיקע פירה אין די הענט פון רוסלאַנד.

ער חלומט פון אַ גרויס־מאַכט, אַז נאָר די גרויס־מאַכטן קענען שאַפן שלום אין מיטעלן־מזרח. לאָזט אָפּ דעם מיטעלן־מזרח, וועט זיך שוין דאָרט אליין שאַפן אַ שלום, די צרה איז נאָר וואָס איר ווילט נישט אָפּלאָזן דעם מיטעלן־מזרח, ווי זאָגט זיך דאָס פאָלקס־ווערטל: „היט מיך גאָט פאַר מיינע גוטע פריינט, פאַר די שונאים וועל איך זיך אַליין היטן".

אַדרבא, איר זענט דאָך אויך געווען צווישן די גרויסמאַכטן וועל־כע האָבן גאַראַנטירט די אומאָפּ־הענגיקייט פון ישראל, אַלע זענען דאָך געווען פאַרטראָטן אין דעם אונאָ־מיליטער פון מיטעלן־מזרח, דער סוף איז געווען, אויף דער פאָדערונג פון נאַצערן, האָט איר קאַפּיטולירט און פאַרלאָזט דאָרט אייערע פּאָזיציעס.

און טאַקע צוליב דעם, איז דאָן אויסגעבראָכן די מלחמה פון די 6 טעג.

ווי שעמט איר זיך נישט היינט, צו קומען ווייטער מיט דעם פּלאַן, אָוועקצושטעלן דאָרט אונאָ־מילי־טער, אין דער צייט וואָס איר הייסט אַז מיר זאָלן זיך צוריק־ציען בעת אַלע אַראַבישע מדינות האַלטן זיך ביים כאַרטום־אָפּמאַך: „נישט קיין שלום מיט ישראל", דאָס איז אַ פּאַראויס אדורכפאַל, אַזעלכע פּרווון, אַזעלכע עקספּע־רימענטן מאַכט זיי ביי אייך.

אדרבא, וואָס האָט איר געטאָן ווען נאַצער האָט פאַרמאַכט דעם סועץ און פאַרשלאָסן דעם טיראַן־דורכגאַנג פאַר ישראל שיפן, האָט איר דען אַ פינגער צוגעלייגט זיי צו עפענען?

אייער איינציקער צוגאַנג איז געווען, זען ווער עס וועט אָנ־פאַנגען די מלחמה און געהייסן זיך באַרויקן און איינהאַלטן, מיט דעם פאַרמיידט מען נישט קיין מל־חמה.

דע־גאָל גייט אַזוי ווייט, זיין צייטונג „לא־נאַסיאָן" צעשרייבט זיך ווי אַ בייבל־קענער, ער ברענ־גט אַ ציטאַט: „מכבד אלהים את לב ישראל", זיי זאָלן זיך נישט צוריקציען פון די פאַרנומענע גע־ביטן און ער לעקט די פינגער אַז ישראל האָט לעצטנס באַקומען קלעפּ ביים סועץ.

ער האָט אַ גרויסן טעות, עס איז דער זעלבער פרעה, און עס איז ווייטער: „ויכבד אלהים את לב פרעה", ער זאָל נישט מאַכן קיין שלום מיט ישראל, בכדי ער זאָל באַקומען קלעפּ ווי אַמאָל פון משה רבנו, היינט פון משה דיין, ווי עס שטייט אין דער בייבל: „ה' ילחם לכם, ואתם תחרישין" (שמות, פר־שת בשלח).

ווי זאָגט מען, געשיכטע ווידער־האַלט זיך, מיר האָבן דעם זעלבן אַלטן גאָט, (מיר האָבן נישט קיין יונגן גאָט), וואָס האָט אַרויסגע־פירט די יידן פון אָט דעם זעלבן מצרים, מיר האָבן מיט זיי אַן אַלטן חשבון.

אויב איר גלויבט אין גאָט און אין דער בייבל, פאַרוואָס זעט איר נישט אַז די יידן זענען אַרויס מיט ניסים פון מצרים „ויוציאך משם ביד חזקה" אָדער „חיליו ו־פרשיו טבע בים" און יעצט די מלחמת השחרור, איז דען נישט געווען ממש ניסים, ווייל עס איז געווען מעטים ביד רבים און דאָך האָבן די יידן מנצח געווען.

לעצטנס, ביי דער מלחמה פון די 6 טעג, קענען דאָך ביז היינט די גרעסטע מיליטער־ספּעצן נישט פאַרשטיין ווי אַזאַ קליין ישראל האָט געקענט פאַרנעמען און צע־ברעכן אַזעלכע שטאַרקע אַראַבישע מדינות במשך פון געציילטע טעג.

מיר האָבן זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן, דער זעלבער גאָט וואָס האָט אונדז נישט פאַרלאָזן ביז יעצט, וועט אונדז ווייטער נישט פאַרלאָזן, מיר קענען זיך פאר־לאָזן אויף אונדזער אַרמיי.

„יידישע צייטונג״ 22־טן נאָוועמבער 1968

איך וואָרן אייך,
גרייפט נישט אָן!...

אזא העזה!!

צוריקטראָט אָן א באווארעניש!



א בושה און א חרפה...

עין תחת עין

דער מערדערלעכער אויפרייס אין מחנה יהודה אין ירושלים, האָט נאָך אַמאָל באַוויזן, אַז עס מוז ווערן איינגעפירט טויטשטראָף פאַר די טעראָריסטן.

עס איז נישט ריכטיק, לויט מיין מיינונג, אַז מיטן איינפירן טויטשטראָף, וועט מען די פאַרמשפּטע טעראָריסטן מאַכן פאַר קדושים.

עס איז בעסער, זיי זאָלן בלייבן טויטע קדושים, ווי לעבעדיקע העלדן.

אויך מיר האָבן געפירט אַ קאַמף מיט אונדזער אָקופּאַנט, נאָך דעם, ווי די גאַנצע וועלט האָט אָנערקענט די אומאָפּהענגיקייט פון ישראל, אָבער מיר האָבן נישט געפירט קיין קאַמף מיט די ציווילע בירגער, מיר האָבן נאָר געקעמפט מיט דער אַנגעוויזענער מאַכט, אויך דאַן, האָבן זיי געפילט אונדזער כוח.

אָבער דאָ, פירן די אַראַבישע טעראָריסטן מיט דער פולער אונטערשטיצע פון די אַראַבישע מדינות, אַ קאַמף מיט די ציווילע בירגער, ווייל דאָס איז זייער ציל, צו פאַרניכטן ישראל מיט אירע בירגער.

זעט דען נישט די גאַנצע וועלט די פאַרברעכערישע מעשים פון די אַראַבישע טעראָריסטן, זיי טענהן, אַז די כותל־המערבי און די מערת־המכפלה זענען אויך ביי זיי אַ הייליקטום, דאָך שטעלן זיי זיך נישט אָפּ און אויך אויף אַזעלכע הייליקע פלעצער וואַרפן זיי באָמבעס.

ביים איינגעמען ירושלים, וואָלטן מיר געגנוג קרבנות געקענט אויסמיידן, ווען מיר וואָלטן זיך באַנוצט מיט אַזעלכע מיטלען און טאַקע דערפאַר האָבן מיר זייער טייער באַצאָלט און די הייליקטימער נישט צעשטערט.

ווי קענען זיך פאַרגינען בירגער ביי אַ באַזעצונגס־מאַכט צו פירן שטרייקן, פּראָטעסטן, אַרויסצופירן שול־קינדער אין די גאַסן און איצט, אין דער נייער, פּריש־אַנטשטאַנענער אַראַבישער צייטונג אין פאַראייניקטן ירושלים, פאָדערט דער רעדאַקטאָר, אַז ישראל זאָל אָפּטרעטן.

זעט אויס, אַז זיי האָבן דערפילט אונדזער שוואַכקייט צו מענטשלעכקייט, צו ליבעראַליזאַציע און פרייהייט און טאַקע צוליב דעם, ,דערלויבן זיי זיך שוין אַ ביסל איבער דער מאָס.

עס מוז געזאָגט ווערן: גענוג מיט דעם, עס מוז קומען אַן ענדע צו די ווילדע מעשים זייערע. אויב די שולן שטרייקן, מוז מען זיי שליסן און זאָלן זיי זיין געשלאָסן אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלן קומען בעטן מען זאָל זיי עפענען. עס מאַכט נישט אויס, וועלן די געביטן בלייבן אונדזערע, וועלן זיי ענדיקן זייערע לימודים מיט אַ יאָר שפּעטער, וועלן די געביטן נישט בלייבן אונדזערע, אָרט אונדז

זיכער נישט, אַז די שולן וועלן זיין געשלאָסן.

אלא, מען וועט פרעגן, וואָס וועט זאָגן די וועלט? לאַכט אייך אויס. זעען מיר דען נישט, וואָס עס זאָגט די גאַנצע וועלט, ווען טאָג איין, טאָג אויס, ווערן מינירט אונדזערע ורעגן, באַשאָסן אונדזערע בירגער, געוואָרפן באָמבעס, עס פאַלן טויטע. דאָס גייט די וועלט אָן, ווי דער פּאַראַיאַריקער שניי, עס אינטערעסירט זיי דאָן, ווען עס רירט אָן זייערע אינטערעסן.

מיר באַצאָלן טייער פאַר אונדזער מענטשלעכקייט, מיר האָבן צופיל פרייהייט געגעבן די אַראַבער פון די פאַרנומענע געביטן, זיי אַרומגעפירט איבער די תל־אביבער גאַסן, געוויזן זיי, אַז ישראל האָט פון אַ וויסטן מדבר — אַ גן־עדן געמאַכט, דאָס האָט זיי נאָך מער זייערע וויסטע פאַנטאַזיעס צעשפּילט. זיי האָבן פאַרגעסן זייער פוילקייט און טראַכטן, אַז פון זייערע אַמאָליקע בלעכענע פּושקעס, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף דעם באָדן פון תל־אביב, וואָלטן זיי איצט געקענט וווינען אין תל־אביבער לוקסוס־דירות.

עס קען באַין אופן אַזוי ווייטער נישט אָנגיין, עס מוז אייַנגעפירט ווערן טויט־שטראָף פאַר די טעראָריסטן, מען זעט, אַז אַפילו די קאַלטע ענגלענדער האָבן זיינער צייט איינגעפירט טויט־שטראָף אין א״י קעגן אונדזערע פרייהייטס־קעמפער.

ווען דער טעראָריסט וועט וויסן, אַז פאַרן אויספירן טעראָר, וועט ער באַצאָלן מיט זיין לעבן, וועט ער זיך הונדערט מאָל איבערלייגן, איידער ער וועט גיין אין „על פּאַטאַך".

אָבער ווען ער ווייסט, אַז קיין טויט־שטראָף דראָט אים נישט, איז וואָס שטעלט ער דען איין? ער פאַלט אַריין אין אַ ישראל־תפיסה, וואָס איז פאַר אים אַן ערהאָלונגס־פּלאַץ, און זיין משפחה באַקומט שטיצע.

מיר טאָרן פאַר קיין שום פּרייז נישט זיין פּויסטלעכער פּונעם פּויפּסט. עס געפינט זיך נישט קיין איין מדינה אין דער גאַנצער וועלט, וואָס פאַר טעראָריסטן זאָל נישט זיין גילטיק קיין טויט־שטראָף, אין דער צייט ווען נאָך ביי אונדז, וואָס זייער אויפגאַבע איז פאַרניכטן ישראל מיט אירע בירגער.

זאָלן מיר נעמען פאַר אַ ביישפּיל דאָס „דעמאָקראַטישע רוסלאַנד, וואָס עס דראָט דאָרט פאַר קעמפן קעגן דער מאַכט.

עס מוז אויסגעפירט ווערן דער געזעץ פון דער תורה: „עין תחת עין".

„יידישע צייטונג", 29־טן נאָוועמבער 1968

וועגן אינעווייניקסטער און אויסערלעכער עליה

מען דאַרף נישט זיין קעגן דער הלכה, אונדזערע גדולי התורה דאַרפֿן נאָר זוכן אַ וועג ווי אזוי מקיל צו זיין און נישט מחמיר זיין, ווען איינער אָדער איינע קומט זיך מגייר זיין.

געגנוג פֿאַלן האָבן מיר אין אונדזער לאַנגער געשיכטע, ווי אונדזערע גדולי־התורה האָבן געזוכט וועגן ווי אַזוי מקיל צו זיין און צוגעפּאַסט די הלכה צו דער צייט, ווי עס שטייט „וחי בהם", מיר דאַרפֿן לעבן אין דער תורה, נישט אַוועקצוטרייבן פֿון איר.

מען קאָן דאָך נישט נעמען אַ יידישן מאַן אָדער אַ יידישע פֿרוי, וועלכע די צייט האָט געבראַכט און זיי האָבן זיך פֿאַרבונדן מיט פֿרעמדע, אַז אויך זיי זאָלן מיר פֿאַרטרייבן פֿון יידישן אָפּשטאַם, צוליב זיין פֿרוי אָדער איר מאַן.

די גדולי הדור דאַרפֿן אויסזוכן כל מיני מקילים, בכדי זיי אַריינצוברענגען בבריתו של אברהם אבינו, די גרעסטע גרויסקייט שרייבט צו אונדזער תורה צו אברהם און שרה: „אברהם מגייר אנשים ושרה מגיירת נשים".

מען קען נישט אָפּלעגקענען פֿון פֿאַקט, ישראל נויטיקט זיך אין עליה, פּונקט ווי מיר נויטיקן זיך אין לופט, עס איז נישט וויכטיק די פֿאַרשיידענע ידיעות אַז אין די קומענדיקע יאָרן וועלן אַריינקומען צו 40 טויזנט יידן, דאָס איז ווי אַ טראָפּן אין ים.

מען וואָלט אפשר געקענט מותר זיין אויף דער געמישטער עליה, ווען אונדזערע אייגענע פֿרומע יונגעלייט מיט כּפּה׳לעך לעגקען נישט אָפּ פֿון דעם ערשטן געזעץ פֿון דער תורה: „פּרו ורבו ומלאו את הארץ" (בראשית א׳ כח), אמת, איר ווילט האַלטן פֿון דער הלכה וואָס אונדזערע אורעלטערן האָבן געהאַלטן, ווען זייערע פֿרויען האָבן געבראַכט צו 10 קינדער און מער, די היימען זיינען געווען פֿול מיט קינדער, אַזוי אדרבא, באַווייזט עס, וואָלטן מיר געהאַט אַן עליה פּנימית.

אָבער היינט, ווען אַזאַ פֿרום פּאָרל האָט נישט מער ווי צוויי קינדערלעך העכסטנס דריי, מיט דעם וויל מען פֿאַרגרעסערן דאָס פֿאָלק?

מען זאָגט דאָך אַליין אַז אין גאָר אַ קורצער צייט, וועלן אונדזערע אייגענע אַראַבער האָבן אַ מערהייט, אין ישראל און עס וועט זיך שאַפֿן דער זעלבער פּראָבלעם ווי אין דרום־אַפֿריקע.

פֿאַרוואָס זאָלן מיר נישט נעמען דעם ביישפּיל פֿון רות׳ן וועלכע האָט געזאָגט צו נעמין „עמך עמי,

באשר תלך אלך". און טאַקע אין דעם זכות איז פון איר אַרויסגעקומען דוד המלך, האָט דען ווער איר דאַן געמאַכט וועלכע עס איז שוועריקייטן?

מיר האָבן דעם פאַקט, פרויען אָדער מענער פאַרלאָזן זייערע היימען, זייער פאָלק, זייער רעליגיע און קומען אָנגעמען די יידישע רעליגיע, פאַרוואָס זאָלן מיר זיי נישט אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס, נישט אָפּשלעפן זיי חדשים און יאָרן, זיי מוזן קענען די גאַנצע דינים פון אויסנווייניק, קענען דען אונדזערע יידישע פרויען די דינים?

לאָמיר נעמען פאַקטן ווי אונדזערע גדולי־התורה האָבן כסדר צוגעפּאַסט די הלכה צו דער צייט.

אין דער תורה שטייט: „אל יצא איש מקומו (מתחומו) ביום השבת" (שמות טז, כט) (מען טאָר נישט גיין אום שבת אויסערן תחום), האָבן אונדזערע גדולים געשאַפן דעם „עירוב".

אין דער תורה שטייט. „אל תקח נשך" (מען טאר נישט נעמען קיין פראצענט), האבן אונזערע גדולים געשאפן די „היתר עיסקא".

עס שטייט „המקלל אביב ואמו, מות ימות" און אלע מות ימות, וועלכע געפינען זיך אין דער תורה, זיינען שטרענג אָפּגעהיטן געוואָרן, דאָך שטייט: „בית־דין שהוציא משפט־מות, נקרא קטלנית", דאָס הייסט, מען האָט כסדר געזוכט אַז עס זאָלן טאַקע קיין טויטאורטייל נישט אויסגעפירט ווערן, בכדי זיי זאָלן נישט ווערן באַצייכנט פאַר „קטלנים".

אין (מסכת יבמות מז, א־ב), ווערט גערעדט וועגן אַ גר, וואָס קומט זיך מגייר זיין: „מען פרעגט אים וועגן דער סיבה וואָס האָט אים געבראַכט ער זאָל זיך מגייר זיין", מען דערציילט אים אַביסל וועגן לייכטע און האַרבע געבאָטן וואָס יידן זיינען מחויב צו היטן, אָבער מען באַלעסטיקט אים נישט צו פיל, כדי אים אָפּשרעקן ער זאָל זיך צוריקציען פון זיין באַשלוס, אָבער ווען ער ציט זיך צוריק פון מגייר זיין, דאַרף עס אויך נישט מאַכן קיין שלעכטן איינדרוק.

יידן האָבן אָנגענומען אויך גרים, אַפילו אַזעלכע וואָס זיינען געקומען זיך מגייר זיין אויס פחד (מגילת אסתר ח, יז): „ורבים מעמי הארץ מתיהדים, כי נפל פחד היהודים עליהם" און מען געפינט זיי די גרים, צווישן די עשרה יוחסין וואָס האָבן שפּעטער עולה געווען קיין ארץ ישראל מיט דער עליה פון עזרא הסופר (קידושין סט, א).

לאָמיר דערמאָנען די גייסטיקע ריזן ביים יידישן פאָלק וואָס האָבן געשטאַמט פון גרים.

עס ווערט דערציילט אין (מסכת גיטין נז, ב): נבוזראדן איז געוואָרן אַ גר־צדק, אור־איייניקלעך פון המן האָבן געלערנט תורה אין בני־ברק, אור־אייניקלעך פון סיסרא האָבן געלערנט מיט קליינע קינדער אין ירושלים, אור־אייניקלעך פון סנהריב האָבן געלערנט תורה ברבים, ווער זיינען זיי? שמעיה און אבטליון זיינען געווען קינדער פון גרים, דעריי־

בער האָבן זיי שוין געקענט זיצן אין סנהדרין.

אין דער הקדמה צו משנה תור־רה פון רמב״ם ווערט געזאָגט: די תורה שבעל פה וואָס איז גע־געבן געוואָרן צו משה רבינו אויפֿן באַרג סיני, איז איבערגעגעבן גע־וואָרן פון דור צו דור, ר׳ עקיבא בן יוסף האָט איבערגענומען פון ר׳ אליעזר הגדול, זיין פאָטער יו־סף איז געווען אַ גר־צדק, ר׳ יש־מעאל און ר׳ מאיר דער זון פון אַ גר־צדק האָבן איבערגענומען פון ר׳ עקיבא.

ווי געזאָגט, איז ר׳ מאיר גע־ווען אַ זון פון אַ גר־צדק, לויט דער אגודה אין (מסכת גיטין נו, א.), האָט נירון קיסר, וואָס איז געגאַנגען אויף ירושלים, גע־שאָסן פיילן פון אַלע פיר זייטן און אַלע פיילן זיינען געפאַלן אויף ירושלים, טרעפנדיק אַ קינד פרעגט אים נירון: זאָג מיר קינד וואָס האָסטו היינט געלערנט? ענט־פערט דאָס קינד: „ונתתי את נק־מתי באדום ביד עמי ישראל״.

האָט נירון געזאָגט: גאָט וויל חרוב מאַכן זיין הויז און וויל זיך ריינמאַכן דורך דעם מאַן, איז ער אַנטלאָפן און זיך מגייר געווען, פון אים איז אַרויסגעקומען ר׳ מאיר.

רוימישע היסטאָריקער שרייבן אַז דער משוגענער נירון איז באַ־גאַנגען זעלבסטמאָרד, אָבער אַ צווייטע רוימישע לעגענדע דער־ציילט, אַז ער איז אַנטלאָפן אין מזרח און דאָרט געשטאָרבן, אַזוי קען אָנגענומען ווערן די מיינונג אַז ער האָט זיך מגייר געווען.

אמת, מיר האָבן געהאַט צרות פון גרים, ווי ר׳ חלבו זאָגט: „קשים גרים לישראל כספחת״ (גרים זיינען נישט באַקוועם און געוויינטשן פאַר יידן ווי אַ הויט־קראַנקהייט), אין (ישעיהו פרק יד פסוק א) ווערט געזאָגט: „ונ־לוה הגר עליהם ונספחו על בית־יעקב, דער גר וועט זיין אין דער באַגלייטונג פון ישראל און וועט זיך אָנשליסן אין הויז־געזונט פון יעקב״,דאָס איז אַזאַ ווערטער־שפיל: נספחו—ספחת. ווי רש״י זאָגט: פי־רן זיך די גרים אַזוי ווי זיי האָבן זיך פריער געפירט און יידן לער־נען זיך פון זייערע מעשים״.

אָבער אין אמתן איז דער אויס־דרוק „קשים גרים לישראל כס־פחת״״ געזאָגט געוואָרן אויף הור־דוס, וועלכער האָט געשטאַמט פון די אדומער, וואָס די חשמונאים האָבן מגייר געווען און דער פיפיקער אדומער האָט זיך אַ־ריינבאַקומען אין דער חשמונאים־משפחה, ווו ער האָט אינטריגירט צווישן די ברידער הורקנוס און אַריסטובלוס, ביז ער איז געוואָרן מיט דער מיטהילף פון רוים, קע־ניג אין ארץ ישראל, אַ זאַך וואָס איז געווען אין קעגנזאַץ צו דער תורה (דברים יז, טו): „מקרב אַחיך תשים עליך מלך, לא תוכל לתת עליך איש נכרי, אשר לא אחיך הוא״.

און ווען דער רוצח הורדוס האָט זיך געמוזט שטעלן צום משפט פאַרן בית־דין פון סנהדרין, ווייל ער האָט געהרגעט יידישע אונטער־גרונט־קעמפער קעגן רוים, האָט ער זיך געשטעלט מיט חוצפה, גע־

שיצט דורך אַ באַוואָפנטע לייבוואַך.

די סנהדרין מיטגלידער האָבן זיך דערשראָקן, אַראָפּגעלאָזן די קעפּ און נישט קיין אַנדערער נאָר שמעיה, דער אָפּשטאַמיקער פון גרים, האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגן פאַר די סנהדרין: דער מענטש וואָס שטייט דאָ פאַר אייך מיט אַזאַ גאווה קומט טויט־שטראָף! עס וועט קומען אַ טאָג, וואָס ער וועט אייך טויטן און איר אַלייך האָט אויף זיך אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל!

מען קען זיך נישט רעכענען מיט קיין איינצלהייטן, פון די רוב גרים זיינען אַרויסגעקומען גרויסע יידישע געלערנטע און טאַקע אונדזערע גדולי־הדור מוזן זוכן פאַרשיידענע וועגן בכדי צו פאַרגרינגערן אַדורכצופירן די גיור פּראָצעדור.

„יידישע צייטונג", 5־טן יאנואר 1969

מענטשן־רעכט

די רעאגירונג אויף די לעצטע תליות באַווייזן ווי די גאַנצע וועלט נידערט אַראָפּ אין תהום פון רוצחישקייט.

די „אונאָ" האָט לעצטנס באַשטימט צו שיקן אַ קאָמיסיע צו פאָרשן די לאַגע פון די אַראַבער אין די פאַרנומענע געביטן, נאָר ווען ישראל האָט אײַנגעשטימט אויף אַזאַ קאָמיסיע, נאָר מיטן באַדינג, אַז אויך די לאַגע פון די יידן אין די אַראַבישע לענדער זאָלן אויסגעפאָרשט ווערן, — איז פון דעם אַרויס אַ בוידעם, האָבן די אַראַבישע מדינות מיט זייערע שטיצער איינגענומען אַ שטומעניש.

עס איז דאָך צו פאַרשטיין דאָס די אַראַבישע מדינות ווייסן גענוי, אַז די אַראַבער פון די פאַרנומענע געביטן לעבן קייסערלעך לגבי די יידן אין די אַראַבישע לענדער.

צווייטנס, ווי קען מען פאָדערן צו אונטערזוכן ערטער וועלכע זיינען אונטער יענעמס באַזיץ, זאָל זיין אפילו פאַרנומענע מיט כוח, דער פאַקט, דער „אונאָ" אַליין האָט דאָך איצט געשאפן דעם פייער־איבעררייס צווישן ישראל און די אַראַבישע לענדער, דאָס הייסט דאָך, אַז די איצטיקע ליניע איז באַשטימט געוואָרן, זאָל זיין אַפילו צייטווייליק, אָבער געהערן געהערט עס איצט צו ישראל.

ווייל אויב פאָדערן אונטערזוכן פרעמדע באַפעלקערונג, פאַרוואָס זאָל טאַקע די „אונאָ" נישט אונטערזוכן די יידן אין די אַראַבישע לענדער? ווייל דאָרט זיינען זיי דאָך בירגערלאָז, מען האָט ביי זיי צוגענומען יעדע רעכט, פאַרוואָס זאָל דער „אונאָ" טאַקע ניט אונטערזוכן די רוסישע יידן? פאַרוואָס זאָל די „אונאָ" נישט באַזוכן די פוילישע יידן?

האָט דען נישט קיין בירגער פון וועלכן עס איז לאַנד רעכט צו עמיגרירן ווו ער וויל?

אַ פוילישער ייד, אַז ער וויל פאַרלאָזן פוילן, מוז ער זיך אָפּזאָגן פון דער פוילישער בירגערשאַפט, ער ווערט אויך אַראָפּגענומען פון זיין אַרבעט־פּלאַץ, ער מוז צוריקגעבן זיין וווינונג אין דער פולער רעמאָנט (גיי ברענג דעם צושטאַנד פון דער וווינונג ווען ער האָט זי באַקומען)?

אפשר קען די „אונאָ" זאָגן, ווו זאָל אַזאַ פאַמיליע נעמען צו לעבן? אויב עס געשעט עפּעס מיט איר, ווער איז פאַר דעם פאַראַנטוואָרטלעך? זיי זיינען דאָך בירגערלאָז.

ווען אַ ייד קומט אין פוילן צו דער ארבעט, טרעפט ער ביי זיין אַרבעטס־פּלאַץ אַן אויפשריפט: „זשידי דאָ דאיאנא"! (יידן צו דיינען) און דאָס איז שוין געגוג, נישט נאָר די בירגער רעכט ווערט

ביי זיי צוגענומען, נאָר יעדע עלעמענטאַרע רעכט, זיי בלייבן מענטשן וועלכע קענען נישט געניסן פון קיין שום רעכט אין לאַנד.

אמת, עס קען זיין אַז איר נויטיקט זיך שוין היינט נישט אין די יידן, אָבער פאַרגעסט נישט אַז אָט די יידן וואָס נאָך דער באַפרייאונג פון פוילן, האָט איר זיי געבעטן צוריקצוקערן אין זייער אמאָליקן היימלאַנד און טאַקע זיי האָבן דאָס קאָמוניסטישע פוילן אויפגעשטעלט, זיי האָבן פאַר אייך רייכע פּאַלאַצן אויפגעשטעלט אין וועלכע איר זיצט היינט.

צוליב דער ספּעציפישער לאַגע פון די יידן אין אמאליקן אנטיסעמיטישן פוילן, האָט זיי געטריבן אין די אָרעמס פון דעם קאָמוניזם.

פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג פון אַמאָליקן פוילן, זיינען די יידן געווען קאָמוניסטן און היינט ביים קאָמוניסטישן פוילן, זיינען אָט די זעלבע יידן „פאַשיסטן". האָט דען די וועלט געזען נאָך אַ גרעסערע פאַרברעכן, ווי אין טשעכן, ווען מיליטער פון שלום־ליבנדע פעלקער זאָלן באַזעצן מיט כוח יענעמס לאַנד, נאָר פאַר דער איינציקער זינד, וואָס יענער פאָלק וויל לעבן לויט זיין אייגענעם פאַרשטאַנד און באַגער.

און אָט די שלום ליבנדע פעלקער קומען מיט זייער יושר און פאָדערן פון ישראל צוריקטרעטן פון אַלע פאַרנומענע געביטן אָן שלום פון פריער באַשטימטע ליניע

און דאָס, אין דער זעלבער צייט ווען אַלע אַראַבישע מדינות דערקלערן עפנטלעך, אַז זייער ציל איז צו פאַרניכטן ישראל, און אַלע אראבישע מדינות דערקלערן פולע אונטערשטיצונג צו אַלע דיווערסאַנטישע אָרגאַניזאַציעס.

אויך רוסלאַנד האָט אין די לעצטע דריי פונקטן געמאָלדן, אַז וועט אונטערשטיצן די טעראָר־אָרגאַניזאַציעס, מיט דעם צו ברענגען אז ישראל זאָל זיך צוריקציען.

איז דען נישט דאָס גאַנצע געווער וועלכע געפינט זיך אין די הענט פון די טעראָר־אָרגאַניזאַציעס, רוסיש? נישט נאָר ער זאָגט, נאָר רוסלאַנד האָט שוין פון לאַנג זיי דאָס געווער געגעבן.

די יידן אין איראַק זיינען געוואָרן אומשולדיקע קרבנות פון די אַראַבישע מאַכט־אינטריגעס, מען האָט דעם פאָלק נישט וואָס צו געבן, גיט מען זיי תליות פון יידן און מען רופט דאָס גאַנצע פאָלק מיט שמחה בייזיין דעם מערדערלעכן ספּעקטאַקל.

די גאַנצע וועלט פירט אויס טויט־אורטיילן פאַרן זון אויפגאַנג (די זון זאָל נישט זען די חרפה) די ווילדע אַראַבער מאַכן דערפון אַן אויסשטעלונג.

נאָר אַ דאַנק דער פרעסע וואָס איז אַרויס מיט אַ געשריי: ווו איז די וועלט?" האָט זיך אָנגעהויב די פּראָטעסט־באַוועגונג.

וואָס די צייט וועט ברענגען, ווייסט קיינער נישט. אָט שרייט

דער מערדער ווייטער, ער וועט הענגען!

קען זיין אז ביי דער וועלט איז אייזן טייערער ווי יידיש לעבן, אָבער מיר פאַרשטייען עס אַנדערש און מיר וועלן באַצאָלן די יידן־מערדער מיט אונדזער מאָס.

קען זיין אז די גוישע וועלט קען עס נישט פאַרשטיין 2 טויזנט יאָר געווען צוגעוווינט, אַז ווי נאָר עפּעס אַ צרה, שולדיק דער ייד, ווי נאָר עפּעס אַן עפּידעמיע, שולדיק דער ייד.

אָבער דאָ פּלוצלונג עפּעס אַ נייעס, דער ייד לאָזט זיך נישט שלאָגן, ווייל נישט בויגן דעם קאָפּ, ווי דע גאָל האָט זיך אויסגעדריקט „ישראל האָט אים נישט געהאָרכט", דערפאַר די שנאה.

עס איז נישט שיין, ווי נעמט זיך עפּעס צו אַ ייד אַזאַ מין חוצפּה? ווען עס וואָלט אין גלות קיין יידן נישט געווען, וואָלטן זיי אים מיט כוח געזוכט צו שאַפן, דאָס איז דער בעסטער אויסגעפּרוווטער מיטל איינצושלעפערן זייער באַפעלקערונג.

ליידער, צום גרויסן באַדויערן, זיינען די געפאַלענע יידן אוועק מיט דער שואה.

עס איז אויפגעשטאַנען דער ייד, דער מכבייער, דער ייד, וואָס קען שלאָגן דעם שונא, די וועלט קען זיין זיכער, מער וועט מען שוין קיין יידן נישט טרייבן קיין מיידאַנעק, טרעבלינקע, כעלמנע, אוישוויץ און אין אַנדערע לאַגערן.

אויב עס וועט חלילה זיין, וועט מקוים ווערן: „תמות נפשי עם פּלישתים".

„יידישע צייטונג", 7־טן פעברואר 1969

Z całego świata wracają Polacy do Ojczyzny, by zastąpić tych, którzy bohatersko zginęli w 87 miejscach straceń na ulicach Warszawy, by zastąpić pomordowanych bohaterów powstania warszawskiego, by choć w części zastąpić tych ok. 6 milionow męczenników, którzy zginęli w kazamatach hitlerowskich, w lochach gestapo, w komorach gazowych, w obozach koncentracyjnych.

ביים שדכן

(הומאָרעסקע)

גלויבט מיר אז זי איז כשר גערעכט, אויב איר חברה האָט געקענט חתונה האָבן מיט אַן אַדוואָקאַט, פאַרוואָס זאָל זי טאַקע נישט חתונה האָבן מיט עפּעס אַ שטיקל דאָקטאָר?

קיין מיאוסע איז זי דאָך נישט, אפשר נאָך שענער פון איר חברה, אַ פּנים בלוט און מילך, אָבער זי איז אַביסל דיקלעך, איז מה־רעש? עס זיינען פאַראַן דיקערע פון איר, זי איז דאָך עטוואַס שמעלער פון איר הויך, אָבער דערפאַר איז איר גוף ממש אַ געטאָקטער.

נאָר אַזוי ווי עס גייט איר נישט אין אַ ליבע־שידוך, האָט זי באַשלאָסן זיך ווענדן צו אַ שדכן.

—☆—

עס עפנט זיך די טיר און עס שאַרט זיך אַריין זייטיק אַ פריילין, אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, ממש אַלאַ־פּאַריז.

וואָס איז זי דען שולדיק אַז דער שדכן וווינט אין אַן אַלטער דירה מיט זייער שמאָלע טירן, אַז ביים אַריינשטופן זיך דורך דער שמאָלער טיר, האָט זי ממש פון בייעם קאָסטיום אַ תל געמאַכט, כמעט אַלע קנעפּ אָפּגעריסן.

דער שדכן האָט איר צוגעטראָגן אַ שטול און געבעטן זעצן, ווען זי האָט זיך אריינגעזעצט אין שטול מיט די צוויי זייטן אנלענען, האָט זי זיך קוים דאָרט אריינגעפּאַסט.

זיצנדיק האָט זי געהאַלטן אין איין ציען די מינע־יופּקע, עס זאָל איר כאָטש פאַרדעקן די צוויי דיקע פוס, אָבער שריי חי־וקיים, עס גייט נישט, ממש פאַרגאָסן דעם גאַנצן שטול.

דער שדכן טענה׳ט מיט איר איין, פריילין, זאָגט ער צו איר, וואָס פאַר אַ בחור באַגערט איר? און וואָס באַזיצט איר אליין?

הער שדכן, שרייט זי אויס, איך באַזיץ אַלץ וואָס אַ בחור פאַרלאַנגט.

וואָס פאַר אַ באַרוף וואָלט איר געוואָלט אַז דער בחור זאָל האָבן? פרעגט ווייטער דער שדכן.

וואָס הייסט, איר פרעגט מיך, הער שדכן, וואָס פאַר אַ באַרוף ער זאָל האָבן? ווי איר קוקט מיך אָן, וואָלט איך געוואָלט, אַ בחור ער זאָל זיין עפּעס אַ שטיקל דאָקטאָר...

וואָס בין איך עפּעס ערגער פון מיין חברה? איר פּאַסט אַ מאַן אַן אַדוואָקאַט און מיר נישט?

און וואָס לערנט איר פריילין? האָט געפרעגט דער שדכן.

וואָס הייסט, וואָס איך לערן?

איך לערן שוין דעם צווייטן חודש אין „אולפן", נישט לאַנג געקומען אין לאַנד.

ביים אויפשטיין האָט שוין דער שדכן געמוזט נעמען זיין פלונית־טע צוהילף, מען האָט איר געמוזט ארויסצושלעפּן פון דער שטול.

ביים אַוועקגיין האָט זי געפּאַ־כעט מיט דער האַנט צום שדכן, הער שדכן, זוכט מיר אויס עפּעס אַ גוטע זאַך, איך וועל קומען נאָכ־אַמאָל, צום ווידערזען.

„יידישע צייטונג", 21־טן מערץ 1969

דער אמתער פרצוף פון דער היינטיקער וועלט

ווי לאַנג נאָך וועלן מיר טאַנצן פאַר פרעמדע מדינות?

ווען רק"ח האָט איינגעלאַדן צו זייער קאָנפערענץ פאַרשטייער פון די קאָמוניסטישע לענדער, פאַר וואָס האָט זיי מדינת־ישראל געגעבן אַריינפאַר־וויזעס?

און אין דער זעלבער צייט, ווען הרב נסים איז איינגעלאַדן געוואָרן צו דער 75־יאָריקן יובילעאום פונעם הויפּט־רב פון רוסלאַנד הרב לעווין, האָט זיך רוסלאַנד נישט גערעכנט מיט קיין שום זאַך און דעם הרב נסים קיין אַריינפאָרוויזע קיין רוסלאַנד נישט געגעבן.

עס איז נאָך מער פאַרדריסלעך, רוסלאַנד האָט אַפילו נישט געפונען פאַר נויטיק צו ענטפערן דעם הרב נסים אויף דער ביטע ביזן היינטיקן טאָג.

און אין דער זעלבער צייט, איז ישראל פארפלייצט מיט רוסישע ליטעראטור און צייטונגען און רוסלאַנד לאָזט נישט אַריין קיין תּמורת־אות פון ישראל.

שטרייקן עליך ישראל!

די שטרייקן אין ישראל פאַרטן, דאָס איז אַ נאַציאָנאַלער פאַרברעכן, עס האָט זיך ישראל פאַרגלוסט צו שאַפן אַ פאַרט אין אַשדוד, וועלכער האָט במשך פון זיין עקזיסטענץ מער געשטרייקט ווי געאַרבעט.

מען טאָר פאַר קיין שום פאַל נישט צולאָזן צו אַ שטרייק אין דער צייט ווען מיר מוזן עקספּאָרטירן אונדזערע מאראנצן, וועלכע ברענגען אונדז אַריין פרעמבדע וואַלוטע אין וועלכע מיר נויטיקן זיך שטאַרק און די מאַראַנצן זיינען באדראַט קאַליע צו ווערן.

אַז די אַרבעטער זיינען שולדיק אין שטרייק, באַווייזט דאָך דער דער פאַקט אַליין, אַז די הסתדרות מיט אַלע אירע אינסטאַנצן זיינען געווען קעגן דעם שטרייק.

די לערער שטרייקן

די שטרייקן פון אונדזערע לערער האָבן באַוויזן ווי שמענדריקיש עס איז ביי זיי.

מען טאָר פאַר קיין פאַל נישט דערלאָזן צו פאַרמאַכן די שולן אין דער צייט פאַר בחינת־בגרות, וואָס יעדער שעה איז אַ שאָד פאַר אונדזערע קינדער, זאָלן די לערער אָפּלייגן דעם שטרייק אויפן חופש הגדול, ווייל דער גאַנצער שטרייק איז דאָך לעכערלעך.

זיי שטרייקן קעגן דעם אָנגענומענעם באַשלוס פון דער כנסת, צו רעפאָרמירן די שולן, דאָס איז דאָך אַ באַשלוס פון דער רעגירונג, גלייך ווי אַלע באַשלוסן, אויב אַזוי קענען דאָך מענטשן שטרייקן, זיי זיינען קעגן צאָלן מס־הכנסה.

צווייטנס: וואָס ליארמען זיי אַ־

זוי? זיי פֿאַרדינען נישט ווייניקער ווי אַנדערע אַרבעטער, זייערס גלייכן, ביי צווייטע פּראָפעסיעס.

און איבערהויפּט נאָך ווען זיי אַרבעטן נאָר 8 חדשים אין יאָר און נעמען באַצאָלט פֿאַר צוועלף חדשים, אַרבעטנדיק נאָר פֿינף שעה אַ טאָג, זיי האָבן שוין אפילו דעם 1.4.68 פֿאַרשטרייקט און 75 טויזנט קינדער געלאָזן אין דער גאַס, פֿאָדערנדיק צו אַר־בעטן 24 שעה אַ וואָך אַנשטאָט 30 שעה, דאָס הייסט, 4 שעה אַ טאָג.

קיין שום לערער אין דער גאַנ־צער וועלט, האָבן נישט קיין חופ־שים: 20 טעג פסח, 8 טעג חנוכה, 10 טעג סוכות, 3 טעג פורים, 2 טעג שבועות, זיי זיינען נאָך פֿרו־מער פֿון די נטורי־קרתא, זיי האַל־טן פֿון יעדן איסרי־חג און תּעני־תים אויסער די צוויי חדשים חו־פש.

ביי די רוסן וואָלט מען אויך געשטרייקט?

מילא, אַז עס שטרייקן די לע־רער מיט די קינדער אין די פֿאַר־נומענע געביטן, דאָרטן האָבן מיר נאָך וואָס צו טאָן, מען דאַרף שליסן די שולן און וואַרטן ביז זיי וועלן זיך אויסשטרייקן, דאָס איז אַלץ צוליב דער ליבעראַלער פּאָליטיק.

מען קען זיין זיכער, וואָלט דאָ־רט געווען אַ רוסישע אָקופּאַציע, וואָלטן זיי נישט געשטרייקט, ביי זיי וואָלט כעמדי כאנן נישט גע־רעדט וואָס ער וויל, נאָר ער וואָ־לט גערעדט וואָס די רוסן וואָלטן געוואָלט.

דעם בעסטן פֿאַקט האָבן מיר מיט טשעכן, דובטשעק רעדט וואָס מאָסקווע וויל און דאָס הייסט ביי די רוסן פֿרייהייט, „דעמאָקראַטיע”.

דאָך שטערט עס נישט רוסלאַנד צו פּראָקלאַמירן אַז זי איז פֿאַר אַ פֿרייער זעלבסטשטענדיקער יש־ראל און אין דער זעלבער צייט, שטיצט זי די אַראַבישע טעראָ־ריסטן מיט געווער און מיט אויס־שולן די דיווערסאַנטן, וויסנדיק, אַז דער איינציקער ציל פֿון די דיווערסאַנטן איז, צו פֿאַרניכטן ישראל.

אדרבא, זאָגט אַליין, פֿון ישראל פֿאָדערט איר צוריקגעבן די פֿאַר־נומענע געביטן, פֿאַרוואָס זאָלט איר שלום ליבנדיקע מענטשן, נישט אָפּגעבן די פֿאַרכאַפּטע ערד פֿון כינעזישן פֿאָלק?

זעט אויס, אַז פֿרעדיקן יושר קענט איר נאָר פֿאַר יענעם, אָבער ווען עס קומט צו אייך, זאָגט איר לא מיט אַן אלף, פֿאַרוואָס זאָלט אירע טאַקע נישט ווייזן דעם ביי־שפּיל, אפשר וועט אייך ישראל נאָכטאָן.

איר גייט נאָך ווייטער מיט איי־ער שלום־פּאָליטיק, איר, וואָס פֿאָדערט כסדר מען זאָל פֿאַרניכטן דעם אַטאָם־געווער, האָט שוין איצט ביי די אינצידענטן מיט אייער רויטן־חבר פֿון כינע, אים געדראָט אַז איר וועט באַנוצן אַ־טאָם־געווער.

זעט אויס אַז אַפילו די שלום־טויב, וואָס איז אייער סימבאָל איז אויך ביי אייך פֿאַרשקלאָפֿט.

אויב איר זענט פֿאַר אַן אַ־רויפֿגעצוווונגענעם שלום, אדרבא,

שאַפט אים ביי אייער חבר פון איראַק, פאַרן קורדישן פאָלק, שאַפט אים אין ניגעריע, ווען מען איר שטיצט מיט געווער, פאַרן ביאַפראַ פאָלק, וואָס עפּעס גראָדע אין ישראל, ווייל מיר זיינען יידן און איר זענט אָנגעפּרעסן מיט אַנטי־סעמיטיזם.

דאָס איז שמענדריקיזם.

ווו איז דער עראָפּלאַנען־פאַרבאַנד

האָט זיך נאָך די וועלט נישט איבערצייגט, אַז נאָכן אַטענטאַט פון די אַראַבישע טעראָריסטן אין אַטען, אויפן „אל־על" עראָפּלאַן און אויפן ענטפער פון ישראל האָט די „אונאָ" אָנגענומען אַן איינזייטלעכע טאַדלונג אויף ישראל, דאָס האָט צוגעגעבן מוט די טעראָריסטן און אַ דאַנק דעם איז פאָרגעקומען דער אָנפאַל אין ציריך, פרעגט זיך ווו איז איצט די „אונאָ"?

דאָס האָט באַוויזן ווי שמענדריקיש עס איז געווען די טאַדלונג פון „אונאָ".

ווייל אויב לאָזן ווילדעווען די אַראַבישע טעראָריסטן, קען קומען אַ טויט־קלאַפּ פאַרן גאַנצן אינטערנאַציאָנאַלן פלי־וועזן.

מען מוז וויסן, אַז אויב אונדזערע בחורים וועלן נאָר וועלן, וועט זיך קיין איין אַראַבישער עראָפּלאַן נישט אויפהויבן פון וועלכן עס איז עראָדראָם אין דער גאַנצער וועלט און פאַקטן האָט די וועלט שוין גענוג געזען.

די געהעריקע שטעלונג אין דעם גאַנצן ענין מוז נעמען די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבאַנד ־ אָרגאַניזאַציע פון פלי־וועזן אין טאָראָנטאָ, זיי מוזן פירן דעם משפט אין אַטען, ווייל אין זייער אינטערעס מוז ליגן, עס זאָל נישט געשטערט ווערן דער פלי־וועזן און אַזעלכע פּיראַטן־מעשים זאָלן מער נישט פאָרקומען.

—☆—

עס איז אויך נישט ריכטיק די האַנדלונג אין ציריך, פאַר זיי האָט זיך געשטעלט די פראַגע, צי דער פאַל פון רחמים איז געווען אַ זעלבסט־פאַרטיידיקונג.

ווי האָט זיך דען געקענט שטעלן אַזאַ פראַגע? אין דער צייט, ווען רחמים איז געווען צווישן די פּאַסאַזשירן אין עראָפּלאַן, ווען ער איז געוואָרן אָנגעגריפן דורך די טעראָריסטן, האָט ער דען נישט געהאַט קיין רעכט זיך צו פאַרטיידיקן?

און אַ דאַנק זיין באַלדיקער און מוטיקער האַנדלונג איז געוואָרן פאַרמיטן דער שרעקלעכער אומגליק.

ציריך האָט געדאַרפט דעמאָנסטראַטיוו באַלד באַפרייען מרדכי רחמים, נישט פאָדערנדיק פאַר אים קויציע.

—☆—

זיינערצייט האָט די „אונאָ" געשיקט אַ קאָמיסיע קיין ניגעריע, זען צו ניגעריע מאָרדעט נישט אויס דאָס ביאַפראַ־פאָלק?

די קאָמיסיע איז בשלום צוריקגעקומען מיט א פריילעכער בשורה, נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, ניגעריע מאָרדעט נישט דאָס ביאַפראַ־פאָלק, זיי שטאַרבן

נאָר אַליין אויס פון הונגער.

איז עס נישט שמענדריקיזם?

די בונקערס אין סיני

די וועלט ברעכט זיך ווייטער די קעפּ, מיט וואָס פאַר אַ מאַטער־יאַל האָט ישראל געבויט די בונ־קערס ביים סועץ־קאַנאַל, פּונקט ווי די וועלט האָט געפרעגט, מיט וואָס פאַר אַ געווער האָט ישראל געקעמפט אין דער מלחמה פון די 6 טעג?

נישט געזאָרגט, די יידן וועלן נאָך פיל באַווייזן, וואָס די וועלט וועט נישט קענען פאַרשטיין.

יידישע צייטונג דעם 28־טן מערץ 1969

קאזאצקער יושר

ווען די מצרים האָבן אפילו נאָך נישט באַוויזן צו קומען צו זיך פון דער לעצטער צה״ל־אַקציע, וועלכע איז פאָרגעקומען 300 קילאָמעטער טיף אויף דער מצרישער טעריטאָריע, איז רוסלאַנד שוין ארויס אין „פּראַוודאַ״ מיט דראָען ישראל פאַר אירע פּראָוואָקאַציעס.

ווי שעמט מען זיך נישט פאַר זיך אַליין? ווען טאָג איין טאָג אויס, פאַלן ישראל חיילים און בירגער, ווען די אַראַבער באַשיסען כסדר די ישראל־גרענעצן און טאַקע נאָר מיט רוסיש געווער, „קאַטיושעס״, „קאַלעטשניקאָוו־ביקסן״ און אָנדערע מינים.

אָבער ווען ישראל ענטפערט אויף די פּראָוואָקאַציעס, הייסט עס ביי רוסלאַנד אַז ישראל פאַלט אַן אויף די נעבעכדיקע אַראַבער.

עס געדענקט זיך נאָך גאַנץ גוט דעם איינהייטלעכן טאַדלונגס־באַשלוס, וועלכן עס האָט אָנגענומען דער זיכערהייטס־ראַט, ביי דער שטראָף־אַקציע אין ביירוט, נישט וועלנדיק זען צוליב וואָס די אַקציע איז פאָרגעקומען.

אָבער איצט ביי די מערדערלעכע אָנפאַלן פון אַלע אַראַבישע מדינות מיט די דיווערסאַנטן, ווו איז איצט דער זעלבער זיכערהייטס־ראַט?

צי ווייסט דען רוסלאַנד נישט אַז אַד־בול שטעלט כסדר צו באַריכטן דער „אונאַ״ און דעם זיכערהייטס־ראַט, אַז שטערן די רו אויף דער וואָפן־שטילשטאַנד ליניע, טוען נאָר די אַראַבישע לענדער און נאָר זיי טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. פאַר דעם, דאָך שטערט עס נישט רוסלאַנד צו שרייען „דאַווי נאַ זשידאַ״, די יידן זיינען שולדיק.

צי מיינט רוסלאַנד אַז ישראל וועט נישט באַשטראָפן די מערדער?

רוסלאַנד איז בייז, באמת, זיי האָבן וואָס בייז צו זיין, זיי זעען, אַז די טויזנטער אינסטרוקטאָרן, מיט דעם מאָדערנסטן געווער פאַר מיליאַרדן דאָלאַרן, וואָס זיי האָבן אַריינגעשיקט אין די אַראַבישע לענדער, העלפן זיי ווי אַ טויטן באַנקעס.

מען דערציילט, צה״ל האָט פאַרנומען אַראַבישע געפאַנגענע, ווען אַ חייל קוקט אויף אַ געפאַנגענעם אַראַבער, רופט זיך יענער אָפּ אויף רוסיש: „צטא סמאטריטש? יעשטשא ניע ווידיאל אַראַבאַם״ (וואָס קוקסטו? האָסט נאָך נישט געזען קיין אַראַבער), און ווער ווייסט צי דאָס איז נישט קיין ביטערע ווירקלעכקייט.

רוסלאַנד מיט די אַראַבישע לענדער האָבן אויפגעשטעלט אַ גולם, מען שולט זיי, מען גיט זיי געווער און איצט אַפילו וועלנדיק, קענען זיי דעם גולם נישט צוימען, ווי מען זעט די קאַמפן

פון לבנון און ירדן מיט די אַראַבישע טעראָריסטן.

עס איז דאָך נישט צום פאַרשטיין, רוסלאַנד זיצט צווישן די פיר גרויסע, מען ברעכט זיך די קעפּ, ווי לייזט מען דעם קריזיס אין מיטל־מזרח? דאָרט קומט בכלל נישט די פראַגע צו ליקווידירן ישראל, ווייל רוסלאַנד אַליין דערקלערט כסדר אַז זי איז פאַר דער עקזיסטענץ פון ישראל.

אָבער גלייכצייטיק אונטערשטיצט רוסלאַנד די דיווערסאַנטן, וואָס זייער איינציקער לאָזונג איז: „ליקווידירן ישראל“.

אויך אין דער זעלבער צייט, דערקלערן אַלע אַראַבישע לענדער אַז זיי זיינען פעסט ביי דעם באַשלוס פון כאַרטום „נישט אונטערהאַנדלען מיט ישראל און נישט קיין שלום“.

הערט דען נישט רוסלאַנד ווי עס דערקלערט אָפן מצרים, אַז זי פאַרלעצט דעם וואַפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך, וואָס מען האָט אַרויפגעצוווּנגען אויף ישראל אין דער מלחמה פון 6 טעג, ווייל די וועלט האָט מורא געהאַט אַז די ישראל אַרמיי קען אַריין קיין קאַיר, דאַן האָבן די אַראַבישע מדינות מורא געהאַט, היינט מיינען זיי אַז זיי זיינען שוין שטאַרק, זעט אויס אַז זיי האָבן שוין פאַרגעסן די ישראל־קלעפּ, ווילן זיי אפשר מען זאָל זיי דערמאָנען?

עס זעט אויס ווי אַ קינדערשפּיל, או־טאַנט דראָט, אויב עס וועלן נישט אויפהערן די קאַמפן, וועט ער אָפּציִען דאָס „אונאָ“־מיליטער, אַז ער האָט נישט אָדער ער וויל נישט אָנווענדן קיין צווייטע מיטלען, אויב עס וואָלט אַזוי געווען, איז אָך און ווי צו אַזאַ „אונאָ“־מיליטער, ווייל וואָלט די גרענעץ געווען אַ רויִקע צווישן ישראל און די אַראַבישע לענדער, וואָלט מען דאָך בכלל נישט געדאַרפט האַלטן קיין „אונאָ“־מיליטער.

עס זעט אויס פּונקט ווי דאָס קינדער־מעשהלע, אַ קינד איז געגאַנגען אין שולע, האָט אַ הונט אים אויסגעכאַפּט דאָס עסן האָט ס'קינד אים צוגעוואָרפן דאָס בוך און זיך אָפּגערופן צום הונט, באַדיר אויך דאָס בוך און גיי אין שולע.

קענען מיר פרעגן דעם הער או־טאַנט: אפשר וואָלט ער געקענט אָנווייזן וואָס עס האָבן אויפגעטאָן די „אונאָ“־אָבסערוואַטאָרן? וועלכע דיווערסאַנטן האָבן זיי שוין געכאַפּט ביים אַריבערגיין די גרענעץ קיין ישראל בכדי צו זייען טויט? זאָל מען זאָגן, און אַפילו נישט צו מאָרדן זיינע אייגענע אָבסערוואַטאָרן וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט. האָט ער נישט קיין כוח.

אַלאַ נאָר בכדי צו מאַכן ראַפּאָרטן און זיי איבערשיקן צום אונ״אָ, זעט מען דאָך, אַז עס איז כמעט אַן אומנוצלעכע זאַך, ווייל זיי העלפן נישט און טוען גאָרנישט אויף.

אָבער עס מאַכט נישט, מיר האָבן שוין ערגערס איבערגעלעבט, מיר זעען עס גוט, „כן יאבדו אויביך ישראל“.

„ייִדישע צייטונג“ 9־טן מאַי 1969

דער פאַרשטערטער שבועות

(זכורונות פון דער אלטער היים)

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען עס האָט געבושעוועט די כאָלערע (חולי־רע) אין לובלינער געגנט, האָט עס אויך בילגוריי נישט אויסגעמיטן, דער מלאך המות איז געווען פאַרנומען איבערן קאָפּ, מענטשן זיינען געפאַלן ווי די פליגן.

געוויינען האָבן זיך געטראָגן פון די שטובן, מען האָט געוויינט אין דער שטיל, מורא האָבנדיק אַז די זשאַנדאַרן זאָלן נישט הערן, ווייל ווו מען האָט נאָר געפונען אַ קראַנקן, האָט מען אָפּגעפירט אין דער שאָפּע אויפן זאמד, ווו מען האָט דאָרט איינג, אָרדנט אַ שפּיטאָל.

פון דאָזיקן שפּיטאָל זייגען גאַנץ ווייניק אַרויס געזונטע, ווייל עס איז כמעט נישט געווען מיט וואָס צו ראַטעווען, דאָס איינציקע מיטל איז געווען צו טרינקען שפּירט.

במשך פון געציילטע טעג, זיינען אויסגעשטאָרבן עטלעכע הונדערט מענטשן, נאָך גרויזאַמער איז געווען, וואָס דער מענטש איז געשטאַנען און גערעדט, אַוועקגעפאַלן און איז שוין געווען טויט.

שעצקע, דער זשאַנדאַר פון ב. איז געלאָפן פון שטוב צו שטוב, געלאַרעמט, מען זאָל וואַשן די פאָל, עס זאָל זיין ריין און ווו ער איז אַריין און נישט געטראָפן קיין ריינע פאָל, האָט ער איבערגעקערט דאָס פאַס מיט וואַסער, ווייל עס איז דאַן נישט געווען קיין וואַסער־לייטונג און נישט האָבנדיק קיין ברירה, האַט מען שוין געמוזט וואַשן די פאָל.

ער פלעגט אַרומלויפן איבער דער שטאָט, כאַפּן מענער, פרויען און קינדער, דריי אַראָפּגעפירט צום טייך, געהייסן אויסטאָן און אייגער האָט געמוזט וואַשן דעם צווייטן.

משה טאָרעס האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן פון דער גזירה איז ער אנטלאָפן קיין גאַריי.

נאָך אַ שטיקל צייט, ווען די כאָלערע האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז משה טאַרעס צוריקגעקומען קיין בילגוריי, און ער פלעגט כסדר דערציילן ווי אין גאריי איז געווען אַ גן־עדן, מען האָט געקענט אַרומגיין ביזן גארטל אין דער בלאָטע, און די זשאַנדאַרן האָבן נישט געטשעפּעט.

די פרויען זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרצערטע, אַ נייע אָנשיקעניש, יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק צו וואַשן די פאָל.

אַלס סגולה אָפּצושטעלן די מגיפה האָט מען דאַן חתונה געמאַכט אויפן בית־הקברות, די שטומע מיט יחזקאל׳ע וויעטש.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ב, געווען אָקופּירט דורך עסטרייך.

פאַרן קריג האָט הערשעלע מאַגראַם געוווינט אין שיניאַווע, וואָס האָט דאַן געהערט צו עסטרייך און ער איז טאַקע געווען אַן עסטרייכישער בירגער.

אין דער מלחמה איז שיניאַווע אָפּגעברענט געוואָרן, האָט הערשעלע מיט זיין פאַמיליע אויסגעוואַנדערט קיין ב., ווי ער האָט געהאָט אַ גרויסן טייל פון זיין פרויס משפחה.

און בכדי זיינע צוויי זין זאָלן נישט גיין דינען אין עסטרייכישן מיליטער, האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן ביי זייער פעטער אַפרים בראָמבערג.

ערב שבועות, דער ריח פון דעם גוטן פוטער־געבעקס האָט אָנגעפילט דעם גאַנצע אָרום און האָט גערייצט דעם אַפּעטיט. אין דרויסן האָט געבלאָזן אַ וואַרעם ווינטל, די שטוב, יום־טובדיק צוגעראמט, די מוטער זיצט ביים שיין געדעקטן טיש ווו די זילבערנע לייכטער וואַרפן א שיין, זי איז פאַרטיפט אין דער צאינה־וראינה, לייענענדיק די שיינע מעשה פון רות.

ווען אַלץ איז אַוועק דאַווענען, זיינען די צוויי זין פון הערשעלע אַריינגעקומען אין דער דירה פון נטע קראָנענבערג, וועלכער האָט געוווינט ביי זייער פעטער אפרים, זיי האָבן אַריינגעקוקט אין צייטונג און זיינען באַלד אַרויס, נישט טראַכטנדיק, אַז זיי ווערן נאָכשפּיאָנירט פון דער עסטרייכישער זשאַנדאַרמעריע מיט אירע אַגענטן.

ווען מיר זיינען צוריקגעקומען פון דאַווענען און נאָר באַוויזן צו באַטרעטן די שוועל, איז דאָס גאַנצע הויז געוואָרן ארומגערינגלט פון זשאַנדאַרמעריע.

מען האָט געכאַפּט די צוויי זין פון הערשעלע מ., געשמידט זיי אין קייטן, מען האָט אויך ארעסטירט זייער פאָטער אפרים און אויך אונדזער פאָטע״.

פאַר גרויס פחד האָט מען אפילו מורא געהאַט ארויסצוגיין, ווייל עס איז געווען קריגס־צושטאַנד און מען האָט נישט געוווסט אין וועלכער ריכטונג מען האָט זיי אָפּגעפירט.

שבועות אין דער פרי, בהשכמה ווען דער עולם איז געגאַנגען דאַווענען האָט מען זיך דערוווסט פון דעם ארעסט פון די 4 בילגורייער יידן און די ידיעה האָט זיך מאָמענטאַל צעשפּרייט איבער דער שטאָט.

וועלנדיק געוויר ווערן ווו זיי געפינען זיך, איז מיין מוטער צוגעגאַנגען צו דער טורמע און סתם ווי אין דער וועלט אַריין אויסגעשריען, נטע, נטע, האָט דער פאָטער זיך אָפּגערופן און אַזוי איז מען געוויעד געוואָרן, אַז דאָרט זיצן אַלע 4 אַרעסטירטע.

נטע קראָנענבערג, וועלכער פלעגט האָבן אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט און פלעגט כסדר פאָרן געשעפטלעך קיין ווין.

איינמאָל, ווען ער איז אַריינגע־

קומען צו אַ געוויסן יוסף שלעזינגער אין ווין, האָט ער דאָרט געטראָפן אַ פרוי, ווען די פרוי האָט געהערט אַז נטע ק, שטאַמט פון בילגוריי, האָט זיך די פרוי אָפגערופן, אַז זי האָט דאָרט אַ קרוין אַ מיליטער־מאַן, דער פּראָקוראָר פון בילגורייער ראַיאָן.

אַזוי פלעגט נטע קראָנענבערג פירן אומבאַצאָלט פּעקלעך פון בילגורייער פּראָקוראָר קיין ווין און פון ווין צום בילגורייער פּראָקוראָר.

זייענדיק אין דער ביטערער לאַגע, האָט מען זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז טאַקע דער פּראָקוראָר, וועלכער דאַרף פירן דעם משפט.

מיין מוטער האָט זיך געוואָנדן צום פּראָקוראָר, ווען ער האָט זיך נאָר דערוווסט, אַז דער קראָנענבערג וועלכער פירט אים די פּעקלעך, געפינט זיך צווישן די אַרעסטירטע, האָט ער זיך אָנגערופן צו מיין מוטער, נישט געזאָרגט, אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג, ווייל דער פאָטער איז נאָר געוואָרן געפרעגט צו ער האָט זיי שוין דאָרט אַמאָל געזען.

נאָך עטלעכע טעג איז נטע קר. באַפרייט געוואָרן, שפּעטער האָט מען באַפרייט אויך זייער פּעטער אפרים.

די צוויי זין פון הערשעלע מאַגראַם, האָט מען אָפּגעשיקט דינען אין עסטרייכישן מיליטער, נישט מאַכנדיק אפילו קיין משפט פאַר דעזערציע.

דאָס הייסט: „שלח לחמך על פני המים, כי ברוב ימים תמצאנה”.

„יידישע צייטונג”, 22־טן מאַי 1969

אקמצא ובר קמצא

אקמצא ובר קמצא חרוב ירושלים, אתרנגולא ותרנגולתא חרוב טור מלכא, אשקא דריספיק חרוב ביתר.

(גיטין נה ע״ב)

אשדוד עליך ישראל

עס האָט זיך אונדז פאַרגלוסט צו שאַפן אַ פאָרט אין אשדוד, פון וועלכן מיר האָבן נאָך נישט געהאַט קיין איין רואיקן טאָג, נאָר מען שטרייקט.

דער שטרייק אין אשדוד פאָרט איז אַריין אין אַזאַ טעמפן ווינקל, אַז קיינער ווייסט שוין אַפילו נישט אין וואָס עס האַנדלט זיך, אָבער דער שטרייק גייט ווייטער און, אפשר האָבן מיר נאָך ווייניק אין אשדוד, סאָלידאַריזירט זיך מיט זיי אויך דער פאָרט אין חיפה.

מיר האָבן נאָך אַ גליק וואָס דער פאָרט געהערט צו דער רעגירונג, גייט אָן אַ קאַמף צווישן הסתדרות און די ארבעטער, וואָלט ער געווען אַ פריוואטער, וואָלט געווען אַ מלחמה־קודש צווישן הסתדרות און די „בורזשואַזישע" אויסנוצערס.

מען געדענקט נאָך גוט די פיצויים מיוחדים וואָס די פאָרט־אַרבעטער האָבן באַקומען ביים ליקווידירן די פאָרטן אין תל־אביב און אין יפו, מען האָט ממש געטיילט שבת־אויבס אויף רעכטס און אויף לינקס, אַבי זיי זאָלן נאָר וועלן גיין.

מען האָט געמיינט. אַז מיטן אשדוד־פאָרט וועט ווערן געלייזט אַ פראָבלעם, אָבער עס איז מקוים געוואָרן: „חפץ יעקב לישב בשולה, קפץ עליו רגזו של יוסף".

די הסתדרות, זעענדיק אַז זי קען נישט באַוויליקן די פאָרט־אַרבעטער אין אשדוד, האָט אָרגאַניזירט אַ משפט, אָבער וואָס קומט אַרויס פון דעם משפט, אַז איידער ער האָט זיך אָנגעהויבן, איז דער שופט שוין קראַנק געוואָרן... און דער משפט איז אָפגעלייגט געוואָרן.

צווייטנס, אויב שוין טאַקע יאָ אַ משפט, מוז ער איבערגעפירט ווערן אויף צווייטע רעלסן, די אַרבעטער מוזן געמשפעט ווערן פאַר סאַבאָטירן, פאַר מאַכן אַ תל פון מלוכה־אוצר, פאַר באַדראָען אונדזער האַנדל מיט אויסלאַנד, פאַר באַצאָלן די שיפן וואָס שטייען אין דעם פאָרט.

די מלוכה דאַרף מאַכן אַ צוואַנגס־מאָביליזאַציע, בכדי צו מאַכן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף צו דער הפקרות, וואָס הייסט שטרייקן פון די פאָרטן, וועלכע באַדראָען די עקזיסטענץ פון אונדזער מדינה.

אויב די פּאָרט־אַרבעטער ווילן נישט אַרבעטן. דאַרפֿן זיין באַקרמען פּיצויים און פֿאַרלאָזן דעם אַרבעטס־פּלאַץ, מען קען נישט נויטן אַ מענטש ער זאָל אַרבעטן, אין דער צייט ווען ער וויל נישט, זאָל זיין אפילו אַונטער געוויסע באַדינגונגען.

עס געדענקט זיך נאָך גוט דער שטרייק אין פֿראַנקרייך, אָבער די אָפֿענע דיבורים פֿון דע גאָלן, האָט זיי באַלד צו מאָרגנס געפֿירט צו דער אַרבעט, ווייסט אויס: „מען דאַרף קענען רעדן".

ביי אונדז איז עס פּונקט פֿאַרקערט, די אַרבעטער האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין די קרנות־המזבח, נישט זיי ווילן אַרבעטן און נישט זיי לאָזן אַנדערע אַרבעטן.

און וואָס עס וועט זיין די ענדע, ווייסט איין גאָט אין הימל, דערווייל קאָסט עס אונדז מיליאָנען.

איז עס עפּעס אַנדערש ווי: „אַקמצא ובר קמצא חרוב ירושלים"?

— ● —

דיין לראש הממשלה

אין די גאַסן, אַין דער פּרעסע גייט אָן אַן אַקציע „דיין לראש הממשלה", ווי מאַכט מען זיך אַזוי לעכערלעך? מען זיצט אין איין פּאַרטיי, מען זיצט אַין איין רעגירונג, אויסגעקליבן אַ פּרעמיער (ראש הממשלה), אפילו אין דער צייט ווען יענע האָבן אַ מערהייט און אונטער די פּלייצעס צו פֿירן אַזאַ מין פּעטיציע, דאָס איז אַ קינדער־שפּיל. ווייל אַזאַ מין פּעטיציע וועט ניט ענדערן און קען ני טענדערן די לאַגע, סזיזאָלט געפּאַסט אז מיר האָבן שוין גאָר נישט קיין אַנדערע זאָרגן, מיר זיינען שוין שלום מיט אונדזערע שכנים, עס פֿאַלן נישט טאָג איין טאָג אויס אונדזערע טייערע קינדער.

צווייטנס, אַז ער איז אַ גוטער שר־הבטחון, זאָגן דאָך אויך די וועלכע פֿירן די פּעטיציע, אז „ער איז דער ריכטיקער מענטש, אויפֿן ריכטיקן אָרט".

אַן אויב זיי ווילן אַז ער זאָל זיין שר־הבטחון און אויך ראש־הממשלה, דאָס הייסט לויטן שכל פֿון יעדן פּראָסטן בשר־ודם: „מיליטערישע דיקטאַטור", ווייל אויב זיין ראש־הממשלה און שר־הבטחון, דיקטירט דער שר־הבטחון.

„ועל הראשונים אנו מצטערים", מיר האָבן דעם סיסטעם דאָך שוין ג ע ה אַ ט אין י ש ר א ל, נאָר איר אַליין האָט עס דאָך פֿאַר דער מלחמה פֿון די 6 טעג אָפּגעטיילט, אשכול ז"ל איז געבליבן ראש הממשלה און דיין איז געוואָרן שר־הבטחון.

אָבער פֿון וועמענס הענט עס ווערן געפֿירט אָט די אַלע שטרייקן און רייבונגען לאָזן זיי אונדז נישט בלייבן גלייכגילטיק.

עס ליגט נאָך גוט אין אַונדזער זכרון ווי פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט דער דייטשער שפּיאָנאַזש געמאַכט אַז רוסלאַנד איז געווען פֿאַרנומען מיטן ביילים־פּראָצעס און אין דער זעלבער צייט, האָט דייטשלאַנד געבויט איר מלחמה איי־

דוסטריע און זיך געגרייט צום קריג מיט רוסלאַנד.
איז עס נישט ווי ביי „אקמצא ובר קמצא״?

מען דאַרף ניש מיינען אַז דער אויבן־דערמאָנטער ציטאַט פון (גיטין נה) איז דער בוכשטעבלעכער אויסדרוק פון דעם פאַקט.
דאָס איז נאָר ווי אַ משל, וואס די אינטריגעס און רייבונגען האָבן געברענגט צום אומגליק.
מיר דאַרפן אנשטרענגען אונדזערע אַלע כוחות אָנשטאָט צו נאַרישקייטן, צו פּראָדוקטיווער און געזעלשאַפטלעכער סעטיקייט.

— ✡ —

לעצטנס איז בן־גוריון ארויס מיט אַ נייע מעשה, אַז די באַוווּסטע פרשה מיט לבון האָט ער גאָרנישט געמיינט לבון׳ען, ער האָט גאָר געמיינט אשכול׳ן ז״ל,
ער האָט זיך געכאַפּט צום פאָלקס־ווערטל: „טאָכטער דיר זאָג איך, שנור דיר מיין איך״, אַ נייע ליניע אפילו נאָכן טויט.
פון מאָל צו מאָל, לאָזט אונדז אַריין בן־גוריון אַ קאָץ אין בויך: „מיר זיינען נאָך קיינמאָל נישט געווען אין אַזאַ שלעכטן מצב ווי איצט״, אין דער צייט פון אַ צווייטן פרעמיערשאַפט.
ער האָט בכלל פאַרגעסן אַז אין זיין צייט, ווען ער איז געשטאַנען ביי דער מאַכט, האָבן מיר געהאַט די פעדאיין אין רחובות, כפר־סבא און כמעט אין תל־אַביב, מענטשן זיינען געפאַלן נישט ווייניקער פון היינט. קען זיין אז ביי אים האָט עס געהייסן זיכערער פון היינט.
איז עס נישט ווי ביי אקמצא ובר קמצא?

— ● —

משפטים בל־ידועים

דער אורטייל פון דער שופטת שאַצקי, אַז הג״א־מענטשן האָבן נישט קיין רעכט צו קאָנטראָלירן די קיישלעך און האַנט־בייטלען פון די וועלכע גייען אין די קולנע, איז באמת נישט צו פאַרשטיין.
אויב זיי האָבן נישט קיין רעכט צו קאָנטראָלירן. איז דאָך אַ פראַגע, פאַרוואָס האָט מען זיי אָוועקגעשטעלט? דאָס קאָסט דאָך אונדז מיליאָנען, יעדער נעמט דאָך פאַר זיין שטיין באַצאָלט.

צווייטנס, עס איז דאָך באַוווּסט, אַז די גראַנאַטן וואס זיינען אונטערגעלייגט געוואָרן אין די קינאָס און אין דער קאַפּעטעריע אין ירושלים, זיינען אַריינגעטראָגן געוואָרן נאָר אין די האַנט־בייטלען פון די פרויען און איבערהויפּט נאָך אַז מען ווייסט אַז עס זיינען פאַראַנען קנעפּל־באָמבעס, וועלכע מען קען זיי פאַרשטעקן אין יעדן פלאַץ.
עס איז אן עוולה פון דער פרוי וואס האָט זיך נישט געלאָזן אונטערזוכן, אָט איך אליין צוקרמענדיק מיט מיין טעקע צו דער כותל־המערבי, האָט אַ הג״א מאַן אונטערזוכט מיין טעקע און איך האָב אים העפלעך באַדאַנקט, ווייל די דאָזיקע מענטשן שטייען

אויף זייערע פּאָסטנס מיט אינ־
טערעס.
קען זיין אז די שופטת שאַצקי
וויל אַז די הג״א מענטשן זאָלן
כאַפּן דעם „אל פאטאַך״, ביים
אַריינטראָגן אַ גאַנצן תותח.
דאָס איז באמת „משפּטים בל־
ידועים״.

„יידישע צייטונג״, 6־טן יוני 1969

„נישט איבערגעכאפט די מאס"

אַן ענטפער דעם חשובן ה׳ ישראל גורטמאַן אויף מיין אַרטיקל „אַקמצאַ ובר קמצא"

אויב הער גורטמאַן מיינט, אַז מיר זענען ווייט אַוועק פון יענע צייטן, ווו עס ווערט דערציילט פון „אַקמצא ובר קמצא", — איז עס נישט מער ווי אַ טעות פון זיין זייט. די איצטיקע ווירקלעכקייט איז נישט אַנדערש פון דאַן.

דאָס שיסן אויף דער עולים שיף „אַלטאַלענאַ" און זיך נאָך אויסדריקן: „געבענטשט זאָל זיין דער האַרמאַט וואָס האָט געשאָסן" זאָגט אַ סך.

האָט דען דער פאַל נישט געקאָנט ברענגען צו אַ בירגער־קריג? אין יענער צייט האָט געקאָנט דערברענגען, זאָל מען בעסער וועגן דעם נישט דערמאָנען.

איך ווילט פאַרגלייכן די רייד פון הער כץ פון ביטוח־לאומי צו די שטרייקן פון אַשדוד, אין דער צייט וואָס איר אַליין שרייבט אַז אויך איר באַרעכטיקט נישט צו שטרייקן.

איז וואָס ווילט איר דאָ אויסמישן? זאָגט דען ווער אַז עס איז נישטאַ נאָך עוולות? אדרבא, זעט איר זיי, פאַרוואָס פאַרשווייגט איר? ווער שטערט אייך דען צו שרייבן? „יידישע צייטונג" וועט אייך געבן פלאַץ.

דער פאַקט איז, נישט איינמאָל איז אונדזער מדינה זייבער צייט געווען באַדראָט דורך אונדזערע שונאים און דאָך האָט בן־גוריון קיינמאָל נישט געלאָזן שאַפן אַ ממשלת־ליכוד, זיין ענטפער איז געווען: „ער וועט קיינמאָל נישט זיצן מיט בעגין ביי איין טיש", גלייך די מדינה וואָלט געווען זיינס אַ פּריוואַט־אייגנטום.

זשאַבאָטינסקי׳ס געביין וואָלט נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט געווען אין ישראל, ווען בן־גוריון וואָלט געווען פּרעמיער.

אמת, בן־גוריון האָט גרויסע פאַרדינסטן ביים שאַפן מדינת־ישראל, עס איז נאָר דער פעלער, וואָס ער האָט נישט געוווסט ווען אַראָפּצושפּרינגען פון וואַגאָן, וואָלט ער ׳עס געטאָן, וואָלט ער געבליבן פאַרגעטערט ביים גאַנצן פאָלק, קען זיין אַז מיט דעם האָט זיך געשאַפן: „יצא שכרו בהפסדו".

וועגן דיין, איך וועט מיר אַנטשולדיקן, ער איז „דער ריכטיקער מענטש אויפן ריכטיקן פּלאַץ" מיין גרעסטער רעספּעקט פאַר אים. די פראַגע איז נאָר וועגןביידע פּלעצער, אי שר־הבטחון אי ראש הממשלה, קיין איין מאָל האָט נאָך דיין נישט געזאָגט אַז ער וויל ביידע ערטער פירן נאָר אונ־

טער די אונטערשטיצער און וואס אזעלכע רייבונגען קענען ברענגען? הלואי זאל עס נישט געשען.

עס האנדלט זיך נישט וועגן די צענער־טויזנטער אונטערשריפטן, עס איז נאר די פראגע, ווער עס גיט אונטערצושרייבן.

איר ווילט אונדז בארואיקן אז דער אונטערגאנג פון ישראל א־מאל איז געקומען פון עקסטרעמיסטן, איז דען בן־גוריון נישט עקסטרעם?.

איר שרייבט, עס איז א באליידיקונג פאר בן־גוריון. איר האט דארט אזא מין אויסדרוק, וואס איר האט אין דער צייטונג נישט געקאנט לייענען, איר שרייבט: „אריין אין בן־גוריון א קאץ אין בויך", אין דער צייט וואס דארט איז בפירוש געדרוקט: „בן־גוריון לאזט אונדז אריין א קאץ אין בויך", מען דארף גוט לייענען איידער מען שרייבט!

און צום סוף פארענדיקט איר: „אין דער צייט נאך, ווען בן־גוריון איז אין דער שליחות פון דער מדינה פאר עליה".

וואס זיין שליחות האט איצט געמאכט, האט איר זיכער געלייענט די קארעספאנדענץ פון בנציון ברוקער, קארעספאנדענט פון „יידישע צייטונג", איך בין זיכער אז די מדינה איז איצט אנטוישט פון זיין שליחות.

מען מוז וויסן אז מען קומט ביי יענעם נעמען, מוז מען צו יענעם רעדן אין דער שפראך וואס יענער פארשטייט, נישט דורך אן איבערזעצער, מיט אן איבערזעצער קאן מען זיך באנוצן אין דער צייט ווען מען קומט יענעם געבן.

מיר האבן דאך פאקטן, דער מדינה־פרעזידענט און דער ראש הממשלה, ווען זיי האבן גערעדט צו די יידן אין אויסלאנד, האבן זיי גערעדט אין דער שפראך וואס יענע האבן פארשטאנען.

אין דער צייט ווען בן־גוריון איז געווען ביי דער מאכט, האט ער געקעמפט פאר ראיאן־וואלן בכדי מיט דעם צו פארקלענערן די צאל פארטייען, אבער צום סוף האט ער געשאפן דעם רפ"י און איצט האלט עס, ער זאל גיין צו די כנסת־וואלן מיט א באזונדערער ליסטע.

הייסט עס נישט עקסטרעם, הער גורטמאן?

„יידישע צייטונג", 27־טן יוני 1969

דער זיכערהייטס־ראַט

דער צוזאַמענשטעל פון איצטיקן זיכערהייטס־ראַט איז אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטי־ישׂראלדיקער.

עס איז בכלל נישט געווען קיין ווונדער וואָס פאַר אַ באַשלוסן זיי וועלן אַרויסגעבן.

עס שטעלט זיך נאָר די פראַגע, ווי קומט דער זיכערקייטס־ראַט אין אָט דעם צוזאמענשטעל און נעמט זיך די רעכט צו משפטן נאָר אין דעם ענין פון ירושלים.

מען דאַרף וויסן, אַז ירושלים איז געווען יידיש נאָך איידער עס איז געווען דאָס קריסטנטום, ירושלים איז געווען יידיש נאָך איידער עס איז געווען דאָס מאַכמעדאַנערטום און נאָך אַנדערע שפעטערדיקע רעליגיעס, ירושלים איז געווען אונדזער הויפטשטאָט אייביק און וועט אייביק געהערן צו אונדז.

דער זיכערהייטס־ראַט האַלט אפשר פון „רצחת וגם ירשת"? ווייל גענוג בלוט האָט דאָס יידישע פאָלק פאַרגאָסן ביים פאַרטריבן ווערן פון איר ירושלים מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, ווילן זיי עס איצט אפשר ירשענען? גענוג יידיש בלוט האָבן די קרייציגלער פאַרגאָסן, אַלץ צוליב דעם, ווייל דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אייביק געקלאַמערט אין איר דת און אין איר הויפט־שטאָט ירושלים.

אדרבא, געפינט וועלכעס פאָלק האָט אַזוי איינגעפלאָכטן אין אירע תפילות ווי דאָס יידישע פאָלק האָט איינגעפלאָכטן אין אירע תפילות ירושלים.

קיין איין פאָלק אין דער גאַנצער וועלט, האָט נישט אַזוי טייער באַצאָלט פאַר איר פרייהייט ווי דאָס יידישע פאָלק.

עס איז נישט פאַראַנען קיין איין פאָלק אין דער גאַנצער וועלט וואָס זאַל האָבן געהאַט צוויי טויזנט יאָר גלות.

דער לאָרד קערעדאַן, ער האַלט דאָך פון דער ביבל, ער ווייסט דאָך ווי גאָט האָט געזאָגט צו אַברהמען „לך ולזרעך אתן את הארץ הזאת", געמיינט מיט אלט־ירושלים, ווייל דאַן איז דאָך דאָס ניי־ירושלים נישט געווען, וויל ער אפשר ענדערן גאָטס געבאָט ?

קען זיין, אַז די וועלט טראַכט אַנדערש, איין קלייניקייט, צוויי טויזנט יאָר געהאַט אויף וועמען אַרויפצוואַרפן, ווו עפעס איז געווען דער ייד שולדיק.

דאָ פלוצים האָט זיך אַלץ אויסגעלאָזן, דער ייד לאָזט זיך נישט שלאָגן, עס העלפט נישט, די וועלט וויל זיך נאָך קלאַמערן אין אירע אַלטע מנהגים, זיי פאַרגעסן

אַז עס איז פאַראיבער די צייטן פון אַמאָל.

דער זיכערהייטס־ראַט נעמט זיך די רעכט צו משפטן וועגן אונדזער הויפּט־שטאָט ירושלים וועלכע איז אַזוי באַרבאַריש געוואָרן פון אונדז אָפּגעריסן.

אויב דער זיכערהייטס־ראַט וויל ווייזן גערעכטיקייט און כוח, אַדרבא, זאָל ער משפטן, צי מאָסקווע געהערט צו רוסלאַנד? צי פּאַריז געהערט צו פראַנקרייך? צי לאָנדאָן געהערט צו ענגלאַנד?

זעט אויס אַז זיי ווילן נאָר משפטן דאָס יידישע פאָלק, קען זיין אפשר פאַר דעם וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געגעבן דער גאַנצער וועלט די ביבל מיט אירע אייביקע געזעצן און דערפאַר ביי זיי די קנאה.

ווייל אַלע זייערע הייליקטימער האָבן זיי דאָך געבויט ספּעציעל אויף די פאַרניכטעטע פלעצער פון אונדזערע הייליקטימער און דאָס קאָן נישט געבן קיינעם קיין איבערערעכט אויף ירושלים, בכדי איר מאַכן אינטערנאַציאָנאַל.

אמת, די אויפגאַבע פון זיכערהייטס־ראַט איז אויסצומיידן מלחמות, אַכטונג געבן עס זאָלן נישט אַנעקסירט ווערן פרעמדע מדינות.

באמת, אַ שיינע אויפגאַבע, אויב דער זיכערהייטס־ראַט פאַדערט, אַז ישראל זאָל אָפּשטעלן די פאַראייניקונג פון ירושלים און זאָל פאַרלאָזן די פאַרנומענע געביטן, וועלכע ישראל האָט פאַרנומען אין קריג, וואָס די אַראַבער האָבן אויף אונדז אָנגעוואָרפן.

פאַרוואָס זאָל טאַקע דער זעלבער זיכערהייטס־ראַט נישט פאָדערן פון רוסלאַנד, זי זאָל באַפרייען די טשעכישע טעריטאָריע, וואָס זיי האָבן באַזעצט מיט כוח, קעגן ווילן פונעם גאַנצן טשעכישן פאָלק?

זיינער צייט האָט דאָך כמעט די גאַנצע וועלט פּראָטעסטירט קעגן דעם ווילקירלעכן אַקט.

ווו איז דער זעלבער זיכערהייטס־ראַט, ווען טאָג איין, טאָג אויס באַשיסן די אַראַבער די ישראל־טעריטאָריע און דערקלערן עפנטלעך אַז זייער ציל איז צו פאַרניכטן ישראל און דאָס שטערט נישט די פיר גרויס־מאַכטן צו פירן זייערע געשפּרעכן און נאָכן אָפּפירן אַ צייט און די וועלט מיינט אַז עס איז עפּעס אויף אַ וועג, קומט דער פאַרשטייער פון רוסלאַנד און זאָגט נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, מען האָט גאָרנישט גערעדט.

ווו איז דער זיכערהייטס־ראַט, ווען די אַראַבישע טעראָריסטן וואַרפן באָמבעס אויפן קבר רחל און כותל המערבי, די פלעצער וואָס זיי זאָגן, אַז אויך ביי זיי זענען דאָס הייליקטימער?

ווו איז געווען דער זיכערהייטס־ראַט, ווען ירדן האָט געענדערט דעם סטאַטוס פון ירושלים, זיי האָבן צעשטערט אַלע יידישע הייליקטימער, האָבן צעשטערט די בתי־קברותן און פון די מצבות האָבן זיי שאָסייען געבויט, פונקט ווי היטלער אין זיינער צייט.

וווּ איז דער זיכערהייטס־ראַט. ביים ענין ביאַפראַ, ווען ניגעריע קוילעט אויס אַ גאַנץ פאָלק?

וווּ איז דער זיכערהייטס־ראַט, ווען אַלזשיריע האָט פאַרכאַפּט טשאָמבען און אים פאַרפייניקט צום טויט?

זעט דען נישט די וועלט די נאַרישקייט, אַז אויף דער מילך־קאָנפערענץ אין מאָסקווע, האָט מען צוליב דער ישראל פאָן, קיין שום פּאַן נישט אַרויסגעהאָנגען.

עס בלייבט די פראַגע?: „וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויפן פּאָלק ישראל”?

די וועלט מוז איינזען אַז „לא אלמן ישראל”, מיר האָבן זיך אויף ווענען צו פאַרלאָזן און מיר וועלן אונדזערע שונאים באַצאָלן כפל כפליים.

„יידישע צייטונג”, 18־טן יולי 1969



200 טויזנט יידן האָבן באַזוכט שבועות דעם כותל מערבי

א צו טייערן פּרייז

אבות יאכלו בוסר ושיני הבנים תקהינה.
(יחזקאל יח ב)

עס איז ממש נישט צו פאַרשטיין? טאָג טעגלעך ווערן מיר באַשאָסן פון אונדזערע אַראַבישע שונאים, קינדער פאַלן און אויפהער, קינדער בלייבן קאַליקעס און ביי אונדז שפּילט מען זיך אין „וואַלן" און אין „שטרייקן", גלייך דער ענין וואָלט אונדז בכלל נישט באַרירט.

האָט שוין ווער געהערט אַז אין אַ צייט פון מלחמה זאָל מען אין זינען האָבן וואַלן אָדער שטרייקן?

איז דען איצט נישט קיין אָפיציעלע מלחמה? אונדזערע אַראַבישע שכנים זאָגן דאָך אָפן, אַז די צוקונפטיקע מלחמה וועט זיך פירן ביזן פאַרטיליקן ישראל.

אפשר הייסט ביי אונדזערע שטרייקער און וואַלן־מאַכער, מלחמה נאָר דאַן, ווען עס וועלן פאַלן באָמבעס אויך אין תל־אביב.

מען דאַרף וויסן אַז ווען נישט דאָס קאַמפּסוויליקייט און איבערגעגעבנקייט פון אונדזערע טייערע זעלנער, וואָלט קיינער און גאָרנישט געשוינט געוואָרן.

וואָס זענען דען די אַראַבער שולדיק, אַז איידער זיי באַרויזן זיך נאָר אויפצוהויבן מיט זייערע עראָפּלאַנען אויסצופירן זייער טייוולאָנישע אַרבעט, ליגן זיי שוין אַראָפּגעוואָרפן פון אונדזערע פליער.

ביי אונדז איז עס: „אבות יאכלו בוסר ושיני הבנים תקהינה" עלטערן זינדיקן און די קינדער ליידן.

און די פּאָסט־טרעגער?

האָט דען די גאַנצע וועלט נישט קיין פּאָסט־טרעגער? עס געפינט זיך נישט קיין איין מדינה. ווו עס זאָלן פאָרקומען אזוי פיל שטרייקן ווי ביי אונדז און איבערהויפּט פון די פּאָסט־טרעגער.

מיט וואָס איז דער בריוו־טרעגער בעסער פון מילך־פאַרטיילער? דער מילך־פאַרטיילער טראָגט דאָס פלעשל מילך אויף די העכסטע שטאָקן און שטרייקט נישט, דאַקעגן די פּאָסט־טרעגער, לייגן אַריין די בריוו אין די קעסטלעך און אויב עס טרעפט אַמאָל אַ בריוו וועלכער קען נישט אַריין אין קעסטל, לאָזט ער איבער אַ צעטל און מען דאַרף גיין אָפּנעמען אין דער פּאָסט.

דאָס אַלץ אין דער צייט, וואָס עס איז זיכער, אַז דער בריוו־טרעגער פאַרדינט מער פון דעם מילך צעטיילער, און האָט געענוג הנחות און פאַרזיכערונגען.

קען זיין אַז מען דאַרף אפשר צוריקרוקן דעם זייגער מיט אַ פופציק יאָר צוריק, ווען עס איז אַרומגעריטן איינער אויף אַ פערד און געמאָלדן, אַז די פּאָסט איז דאָ, און דער עולם איז געקומען אָפּנעמען די פּאָסט, אַזוי וועט מען פּטור ווערן פון דער כראַנישער קרענק וואָס הייסט : שטרייק פון די בריוו־טרעגער".

עס איז ממש צו לאַכן, מען שיקט די בריוו־טרעגער צווי־ריתוק, זיי מוזן גיין ארבעטן אין פּאָסט. 1. הערן זיי דעם צווי ווי דעם פּאַראַיאָריקן שניי, 2. צו וואָס דאַרף מען זיי צובונדן צו דער פּאָסט? אַ בריוו־טרעגער קען יעדער זיין, מען דאַרף נישט האָבן קיין ספּעציאַליסטן, מען דאַרף זיי שיקן צום סועץ, דאָרט וועלן זיי זיך אַ ביסל אָפּקילן, דאָרט וועלן זיי נישט פאָדערן אַ זומער צוגאַבע צו דער פּענסיע, ווייל זיי טרינקען אַ סך.

פאַרוואָס זאָלן זיי נישט שטרייקן ? אין דער צייט ווען זיי זענען זיכער, אַז זיי וועלן פאַר דעם אומבאַרעכטיקטן שטרייק, באַקומען באַצאָלט די גאַנצע הונדערט פּראָצענט.

זיי טאָרן באין אופן פאַר אַזעלכע שטרייק־טעג נישט באַקומען באַצאָלט, ווייל דאָס איז נישט קיין עקאָנאָמישער שטרייק, דאָס איז אַ ווילדער שטרייק, פאַר אַ טעלעוויזיע אָדער אַ טויש־מעבל שטרייק.

עס זענען איצט דאָ געוווג שולקינדער, וועלכע זוכן אַרבעט, מען דאַרף די קינדער צונעמען צו דער אַרבעט און צאָלן זיי דעם פולן פרייז פון דעם פּאָסט־טרעגער, דאָס הייסט אויף זייער חשבון.

ווייל מאַכן שטרייקן ווען עס פאַלט נאָר איין, איז נישט דערלאָזבאַר, באמת, האָט זיך דאָך דער שטרייק אָנגעפאַנגען צוליב דעם, וואָס מען האָט אָפּגעזאָגט איינעם פון דער ארבעט, נאָר זעענדיק אַז מען קען זיך דרייען און באַקומען באַצאָלט האָבן זיי עס אָנגערופן מיטן קלינגענדיקן נאָמען „שטרייק".

אין בעסטן פאַל. נאָכן צוריקגיין צו דער אַרבעט, דאַרף מען זיי די שטרייק־טעג אָפּרעכענען פון דעם חופש.

מיר האָבן שוין גענוג דערפאַרונג פונעם לעצטן שטרייק אין אשדוד, די הסתדרות האָט געוואָלט מאַכן אַ משפט, אָבער נאָך פאַרן אָנפאַנג פון משפט איז שוין איין שופט קראַנק געוואָרן און דער רעזולטאַט פון משפט איז גוט באַוווסט און טאַקע דערפאַר שניידן מיר איצט די פרוכטן; „ווידער אַ שטרייק אין אשדוד", אַזוי וויל פרץ, ער וויל גיין אין כנסת.

—●—

וואלן

ווער דאַרף איצט, אין אַזאַ אָנגעשטרענגטער צייט וואַלן? איז דען נישט גלייכער, אַז די מיליאָנען וואָס דאַרפן אָפּקאָסטן די וואַלן און עס איז דאָך זיכער אַז אַלץ וועט בלייבן ווי געווען, מען זאָל בעסער פאַר דעם קויפן „פאַנטאָמס", דאָס וועט אונדז געבן

מער זיכערקייט ווי די פרישע וואַלן.

און וואָס וואַלן ברענגען אַריין, זעט מען דאָך שוין. די רייטענישן צווישן מע״י, איז נאָך אַפילו נישט דער אָנהויב, מען קען זיך נאָך ריכטן אויף אַלץ און דאָס קענען מיר זיך איצט נישט פאַרגינען.

אלא, אפשר האָט מען מורא, אַז עס איז נישט דעמאָקראַטיש? איז דען ביי אונדז אַלץ דעמאָקראַטיש?

קען מען אָפּשטעלן אַ פּאָרט, וואָס דאָס איז אונדזער איינציקער וועג צו דער וועלט, איז דען דאָס דעמאָקראַטיש?

קען מען אָפּשטעלן אַ פּאָסט — שוין באַלד צוויי וואָכן, וואָס דאָס איז דער נערוו פון דער מדינה און פון יעדן איינציקן בירגער אין לאַנד? מען קען נישט איינמאָנען קיין מיסים און דער מלך־כה־אוצר וועטליידן, איז דען דאָס יאָ דעמאָקראַטיש?

עס פרעגט זיך, ווער שטרייקט דען נישט? עס הויבט זיך אָן ביי די גרויסע און עס ענדיקט זיך שוין ביי די „ים־מצילים״, זיי פעלט צו אַ ניינטער־טאָג אין וואָך, ווייל אַכט טעג נעמען זיי, פאַר אַ וואָך אַרבעט, ווילן זיי איצט 9 טעג, דאָס איז שוין זיכער נישט וועגן אַ לוין־העכערונג.

קען דאָס ווער פאַרשטיין, אַרבעטער זענען גאַנצע וואָכן פאַרנומען, דעם איינציקן שבת וואָס זיי האָבן, קענען זיי אפילו אין ים נישט אַריינגיין.

עס פרעגט זיך, אויב זיי פאָדערן אַ ניינטן טאָג, פאַרוואָס זאָלן זיי אים נישט נעמען אין אַ וואָכן־טאָג?

דאָס איז יאָ דעמאָקראַטיש?

דער בעסטער סימן איז אַז עס איז נישט דעמאָקראַטיש, ווייל דער הסתדרות אַליין איז דאָך קעגן די איצטיקע שטרייקן.

זענען דען נישט די שטרייקער דעם איצטיקן מצב אונדזערן? מיר ווערן טאָג־טעגלעך באַשאָסן פון אונדזערע שכנים, ווען מיר באַצאָלן זיי דעם געהעריקן פּריין, קומט עס צום זיכערהייטס־ראַט און מיר ווערן פאַר דעם איינהייטלעך געטאַדלט.

אפילו איצט, ביי דער לעצטער אַקציע אונדזערער, האָט מצרים נישט די בושה צו מעלדן דעם זיכערהייטס־ראַט אַז מיר האָבן באַשאָסן ציווילע בירגער, זענען דען אונדזערע קיבוצים וועלכע ווערן כסדר באַשאָסן, נישט קיין ציווילע בירגער?

מיר זענען איצט אין אַ מצב, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק דאַרף זיין פאַרן פראָנט, מיר קאָנען נישט לאָזן זיצן אונדזערע קינדער ביים סועץ, גולן און אַנדערע ערטער און מיר וועלן פראַווען „וואַלן״ און „שטרייקן״.

מען טאָר פאַר קיין פאַל איצט נישט זיין פאַרנומען מיט אַזעלכע נאַרישקייטן, ווייל אויף דעם קוקן אויס אונדזערע שונאים, זיי זוכן נאָר ביי אונדז אַרומרייסענישן און צעשפּליטערטקייט.

„יידישע צייטונג״, 1־טן אויגוסט 1969

יצחק באשעוויס (זינגער)

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז זיין פאָטער פּנחס־מענדל מיט זיין פרוי בת־שבע געקומען מיט זייער פאַמיליע קיין בילגוריי צו זיין שוואָגער ר׳ יוסף, וועלכער האָט פאַרנומען די כסא־הרבנות פון זיין פאָטער ר׳ יעקב מרדכי, וועלכער איז געווען בילגורייער רב, און פון דעם נעמט זיך זיין פסעוודאָנים „באשעוויס״.

איצי האָט געלערנט אין בית־המדרש מיט נאָך אַ סך בילגורייער בחורים, אָבער שוין דאַן האָט ער זיך געפילט ענג צווישן די בית־המדרש־ווענט.

עס איז דאַן אַרומגעגאַנגען פון מויל צו מויל, אַז מען האָט ביי אים געכאַפּט אַ טריף־פּסול (אַ בוך) אין זיין שטענדער ווו ער פלעגט לערנען, און דאָס איז שוין געווען גענוג, אַז די עלטערן זאָלן אַכטונג געבן אויף זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן זיך נישט חברן מיט איצין.

יצחק באַשעווים (זינגער) צווישן זיינע שטאָטישע

עס איז געווען די אויפוואכונג פון דעם ציוניסטישן געדאַנק, וועלכע האָט אויך נישט אַדורכגעלאָזט די בית־המדרש־בחורים און זיי האָבן טאַקע געשאַפן אַ מזרחי־באַוועגונג, ווו עס האָט זיך כמעט די גאַנצע יוגנט פון די רעליגיעזע היימען אין איר

זיך אָנגעשלאָסן.

גאָר אין קורצן האָט מען גע־שאַפן אַ חלוץ־המזרחי און די ראשי הקבוצה זענען געווען משה האַרענדרעקסלער ז"ל און איצי.

נישט גרינג איז אָנגעקומען שבת־צונאַכטס, עס איז געווען אַ קאָנספּירירטע אַרבעט, מען האָט געמוזט זיין מיטן פאָטער ביי שלוש־סעודות אין שטיבל, אָבער גלייכצייטיק האָט מען געמוזט זיין אין דער מזרחי וואָס איז גע־ווען ביי די זילבערליכטס און מיטזינגען אַ ציוניסטיש ליד, ביים אַריינגיין האָט מען געמוזט אַכ־טונג געבן מען זאָל חלילה נישט באַמערקט ווערן.

אַזוי איז מען געלאָפן פון איין אָרט צום צווייטן, זייענדיק אי אין דער מזרחי, אי אין שטיבל מיטן פאָטער.

און איצי פלעגט גוט מקפיד זיין, עס זאָל קיינער נישט פעלן, ער האָט אויף גאָרנישט געוואָלט מוותר זיין.

צום ערגסטן איז געווען אַרומ־גייענדיק מאַכן די הרקות (אויס־ליידיקן) די קרן־קימת־פּושקעס, וואָס אָפט פלעגט טרעפן אַז די צווייטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַצ־יעס פלעגן צוטיילן מיידלעך און נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָט מען געמוזט גיין געהיטענער־הייט.

איין מאָל איז איצין איינגע־פאַלן צו רופן דעם חלוץ־המזרחי, נישט אַנדערש נאָר זעקס פאָר־טאָג אין בילגורייער וואַלד.

איך, וועלכער פלעג נישט גיין אין די וואָכעדיקע טעג דאַוונען אין בית־המדרש, אָבער נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָב איך גענומען די תפילין מכלומרשט צו גיין דאַווענען און מיט זיי אַוועק אין וואַלד, מיין פאָטער האָט עס נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס עפּעס פלוצים איז ער געגאַנגען דאַווענען אין מיטן דער וואָך?

און טאַקע אין יאָר 1924 האָב איך פון דעם „החלוץ־המזרחי" באַקומען אַ סערטיפיקאַט צו פאָרן קיין א"י, אָבער דער „מזרחי" האָט מיך אונטערגעמסרט אַז איך בין נישט גענוג פרום.

איצי האָט פון זיין פעטער גע־האַט אויסצושטיין גענוג צרות.

דער פעטער ר' יוסף האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די פירעכץ פון זיין פלימעניק איצי, ער האָט בע־סער געוואָלט ער זאָל זיצן אין בית־המדרש און לערנען, בכדי עס זאָל פון אים אַרויס אַ רב.

איצי, זיצנדיק אין בית־המד־רש, האָט ער שוין דאָן געשריבן פאַרשידענע דערציילונגען. ער האָט געמאַכט אַ שותפות מיט די ברידער קראָנענבערג, ער האָט געגעבן דעם מאַנוסקריפּט און מיר האָבן אַריינגעלייגט דאָס געלט און אַרבעט־טעג און האַלבע נעכט, און אַזוי איז דאָן אַרויס זיין ער־שטע שאַפונג אונטערן נאָמען „די סאַלאַמאַנדרע", אויך מיין ברודער יונה האָט אַ ליד אָפּגעדרוקט אין איר.

עס איז נאָר געווען אַ שאָד וואָס מען האָט דאָס געלט נישט אָפּגע־פאָטאָגראַפירט, ווייל ווער דאָן מיט קנאַפּע פופציק יאָר צוריק האָט געוואָלט אַריינלאָזן צו זיך

אין שטוב אַזאַ מין בוך מיט אַזאַ שרייענדיקן נאָמען ?

עס ווערט טאַקע געבראַכט אין (חגיגה כ״ז ע״א), אויב מען ברענט 7 יאָר אויף איין אָרט אַן אויפהער, קומט אַרויס אַ סאלאמאנדרא און ווער עס שמירט זיך מיט דעם בלוט, ווערט נישט פאַרברענט.

איצי האָט זיך אין בילגוריי קיין אָרט נישט געקענט געפונען, כאָטש ער איז געווען אַ ביסל פאַרנומען ביי געבן עברית לעקציעס, האָט עס אָבער אים נישט באַפרידיקט. ער האָט געזוכט אַ וועלט אַ גרויסע, אַ שיינע, ער איז דאַן אַוועק קיין וואַרשע, וואָס שוין דאַן האָט אים די טלאָמאַצקע 13 אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, זעענדיק אין אים אַ פרישן שעפערישן כח און עס זעט אויס אַז זיי האָבן אין אים קיין טעות נישט געהאַט.

עס איז נאָר אַ וווּנדער, וואָס, אויף די אַלע זיינע אויפנאַמען אין ישראל, האָט קיין איינער נישט דערמאָנט אַז זיין שעפערישקייט האָט זיך נאָך אָנגעהויבן אין בילגוריי און טאַקע פון דער „סאַלאָמאַנדרע״.

די אָפגעדרוקטע סאלאמאנדרע איז אָפגעהיט געוואָרן ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און זי איז אומגעקומען גלייך מיט די בילגורייער יידן.

קען זיין, אַז ווער עס שמירט זיך מיטן בלוט פון סאַלאָמאַנדראַ קען נישט פאַרברענט ווערן, אָבער זי די סאלאמאנדרא האָט זיך פאַרן פייער נישט געקענט אָפהיטן, זי איז אומגעקומען אויפן שייטער־הויפן צוזאַמען מיט אַלע ספרים וואָס די דייטשן ימ״חש האָבן צוזאַמענגענומען און זיי פאַרברענט.

היינט, איז איצי, יצחק באַשעוויס, אונדזער חשובער גאַסט, אַ וועלט ־ באַרימטער שרייבער, זיינע ווערק ווערן איבערזעצט אין פיל וועלט־שפּראַכן.

און מיר ווינטשן אים אַז זיין שעפערישקייט זאָל שטייגן און שטייגן.

„יידישע צייטונג״, 19־טן סעפטעמבער 1969

אויף דאַטשע

(סקיץ)

באַלד אויף דער אויטאָבוסן־סטאַציע אין חיפה, האָט ער שוין דערפילט אַז ער האָט געטראָפן...

ער האָט טאַקע גענומען פאַר איר אַ בילעט אויפן אויטאָבוס, אָבער געוויס פאַר איר געלט, וואָס עפּעס וואַרפן זיין געלט?

ער, אַ מאַן אַ הויכער, אין ברילן, באמת ער קען געפעלן, ער איז אין די הויכע זעכציקער, זי אויך אין די זעלבע יאָרן, כאָטש אין אויטאָבוס איז געווען זייער הייס, דאָך איז זיי געווען זייער קאַלט און טאַקע פון אָט דער הייסער קעלט האָבן זיי זיך צוגעטוליעט איינער צום צווייטן.

פון דער גרויסער קעלט איז ער געוואָרן אַזוי פאַרשיכורט, אַז ער האָט די ברילן אַראָפּגענומען, זיינע הענט זענען געוואָרן רירעוודיק, ער האָט זי אַזוי פאַרכישופט, אַז זי איז געווען אין גאַנצן אונטער זיין השפעה.

פון דער הייסער קעלט, האָט ער אַראָפּגענומען זיין מאַרינאַרקע און מיט דעם אירע פיס פאַרדעקט, זי זאָל זיך חלילה די קניען נישט פאַרקילן און ווו זיינע הענט זענען נעלם געוואָרן האָט קיינער נישט געוווּסט.

זיי זענען געזעסן פאַרטיפט, פאַרמאַכט זייערע אויגן, מיינענדיק, אויב זיי זעען נישט, זעט דאָך קיינער נישט, עס קען אפשר זיין, אַז יעדער פון זיי האָט געטראַכט פון זיין וואַרעמער פאַמיליע וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן אין דער היים.

זיי זענען געווען אַזוי פאַרטאָן צווישן זיך, אַז זיי האָבן אַפילו נישט באַמערקט ווי דער אויטאָבוס איז אָנגעקומען קיין צפת, קען זיין, ווען מען וועקט זיי נישט אויף, וואָלטן זיי נאָך ביז יעצט אַזוי ליבלעך געזעסן.

אַראָפּגייענדיק אין צפת פון אויטאָבוס, זענען זיי געוואָרן צוויי באַזונדערע וועלטן, ער איז אַריין אין בית בוסעל און זי האָט געצויגן ווייטער.

וואָס קען מען מאַכן, ער איז זיכער אַן אַרבעטסמאַן, וועלכער פאָרט פון זיין אַרבעטס־פּלאַץ אויס נוצן זיין חופש אין בית בוסעל.

באמת, געווען אויף איר אַ רחמנות, זי האָט נישט געהאַט קיין מזל צו געניסן פון אַן אומזיסטער דאַטשע.

„יידישע צייטונג", 10־טן אקטאבער 1969

„אם אין אני לי, מי לי?"

אונדזערע אַראַבישע שכנים ווערן באַוואָפנט דורך רוסלאַנד פון קאָפּ ביז די פיס און כמעט אומזיסט, אלא זיי ווערן מיט דעם געווער פאַרמשכנט צו רוסלאַנד? דאָס אינטערעסירט זיי גאַנץ ווייניק.

דאַקעגן מיר באַצאָלן פאַר יעדן שטיקל געווער מיט גאָלד גלייך, און אַפילו דעם געווער, פאַר וועלכן מיר האָבן שוין פון לאַנג באַצאָלט, באַקומען מיר אויך נישט, מיטן מכלומרשטן אויסרייד „עמבאַרגאָ".

און טאַקע אין דער זעלבער צייט וואָס פראַנקרייך גייט אָן קעגן ישראל מיטן „עמבאַרגאָ", פאַרקויפט זי כסדר געווער צו די אַראַבישע מדינות, אָדער אפשר דורך אַ צווייטער האַנט און צו וואָס דאָס געווער אין די אראבישע הענט איז געוואָנדן, זאָגן זיי דאָך אַליין, צום פאַרניכטן ישראל און די גאַנצע וועלט מיט אירע אינסטיטוציעס מאַכן צו די אויגן ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געזען.

נאָך יעדן גרויסן טראַנספּאָרט געווער, וואָס רוסלאַנד שיקט אין די אַראַבישע לענדער, קומט זי מיט אַ קאָזאַצקן געשריי צו דער וועלט „אָפּשטעלן די געווער ליפערונגען אין מיטעלן־מזרח", אָבער ווען אַמעריקע קומט מיט אַזאַ פאָרשלאַג צו רוסלאַנד, וואַרפט עס רוסלאַנד ברוטאַל אָפּ.

מיר האָבן נישט קיין ברירה, מיר מוזן קויפן געווער, בכדי צו זיין שטאַרק, נישט בכדי יענעם צו איבערפאַלן, נאָר בכדי מען זאָל אונדז נישט איבערפאַלן, מיר קויפן געווער נאָר בכדי זיך צו פאַרטיידיקן, בכדי צו בלייבן לעבן, זיי באַקומען געווער, בכדי אונדז צו פאַרניכטן.

ווען די אַראַבישע שכנים באַשיסן אונדזערע ישובים, איז דער זיכערהייטס־ראַט שטיל, מען הערט פון אים נישט, ווען מיר באַצאָלן די מערדער, איז דער זיכערהייטס־ראַט דאָ.

ווען די אַראַבער פאַרכאַפּן צוויי ישראל־בירגער אין אַן אַמעריקאַנער עראָפלאַן, איז דער זיכערהייטס־ראַט נישטאָ, ווען מען באַשיסט די טעראָריסטן אין ביירוט, ווענדעט זיך לבנון צום „אינטערפּאָל", ווען מען באַשיסט דעם ישראל עראָפּלאַן אין ציריך איז דער זיכערהייטס־ראַט נישטאָ, ווען מרדכי רחמים, פאַרטיידיקט זיין לעבן און דאָס לעבן פון אַלע פּאַסאַזשירן, נישט באַטרעטנדיק אַפילו די ציריכער טעריטאָריע, ווערט ער געשטעלט צו אַ משפט.

מיר זעען דאָך, אַז מיר האָבן זיך אויף קיינעם נישט צו פאַרלאָזן. איז דען דער איצטיקער מצב נישט קיין מלחמה? אמת, אין אונטער־לאַנד פילט זיך גאָרנישט, אָבער דאָרט, איז אַ הייסער פראָנט,

אונדזערע קינדער פאַלן טאָג איין, טאָג אויס.

אַ דאַנק נאָר אונדזער העלדישן צה״ל קענען מיר דאָ אָנגיין מיט אַ נאָרמאַל לעבן.

עס קען אָבער אַזוי ווייטער נישט אָנגיין. ווען אונדזערע קינדער זענען אויפן פראָנט, זאָלן מיר אין זינען האָבן שטרייקן.

ווען מיר נויטיקן זיך אין ערגאַ־פלאַנען, זאָלן מיר פאַרטאַכליעווען מיליאָנען אין וואַלן און אין פאַר־שידענע פאַרוויילונגען.

אַ שאָד יעדע אגורה, יעדער פיאסטער מוז גיין אויף איינקויפן פאַנטאָמס.

זאָלן מיר פירן אַ ברייטע אויפקלערונגס־אַרבעט, יעדע אינסטיטוציע, יעדע קאַסע, יעדער פאַריין, יעדע גרופּע, דאַרף און מוז שאַפן געלט, בכדי איינצוקויפן געווער, געווער מיט וועלכן מיר מוזן זיך פאַרטיידיקן קעגן אונדזערע שונאים.

שליסט אייך אָן אין דער קייט וואָס עס האָט אָנגעפאַנגען דער „ארגון יוצאי בילגוריי״, קויפנדיק מלוה־בטחון פאַר אַ סומע פון 3 טויזנט ל״י. זאָל יעדער נאָכטאָן דעם ביישפּיל, ווען מיר קענען קויפן געווער, אין וועלכן מיר נויטיקן זיך.

עס איז אַ צייט, וואָס מיר מוזן זאָרגן פאַר אונדזער זיכערקייט. ווייל „אם אין אני לי, מי לי?״.

„יידישע צייטונג״, 31־טן אקטאבער 1969

הפקר־וועלט!

אַז מיניסטער אלון האָט געזאָגט, ישראל וועט נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט אויב עס וועט אַריינמאַרשירן פרעמד מיליטער קיין לבנון, האָט רוסלאַנד און רויטע כינע שאַרף פּראָטעסטירט.

אָבער איז דער זעלבער צייט, אַז מצרים האָט געגעבן אַן אולטימאַטום צו לבנון זי זאָל קומען קיין מצרים אונטערהאַנדלען מיט די טעראָריסטן, דאָ איז רוסלאַנד מיט כינע נישטאָ.

פראַנקרייך באַשולדיקט ישראל, אַז נאָר זי איז שולדיק אין די מהומות אין לבנון.

אדרבא, וועלכעס לאַנד וואָלט געדולדעט, ווען מען באַשיסט איר טאָג איין טאָג אויס פון די שכנותדיקע מדינות און ווער עס שיסט, צי דאָס לבנון מיליטער, צי די טעראָריסטן, דאָס אינטערעסירט קיינעם נישט און מען קען עס נישט קאָנטראָלירן, עס איז גענוג דער פאַקט, וואָס די רעגירונג פון לבנון באַשטעטיקט, אַז זי גיט די פולע אונטערשטיצונג די טעראָריסטן.

דאָס איז אַ געזעץ פון דער תורה: „לאו עכבר גנב, אלא חורא גנב (גיטן מה, ע״א), נישט דער טעראָריסט איז שולדיק, נאָר דאָס אָרט פון וואַנען ער קען אָנגרייפן.

דער רוסישער וואָרט־זאָגער לעאָניד זאַמיאַטין, האָט שאַרף אָנגעגריפן ישראל, באַשולדיקנדיק אין גורם זיין דעם קריזיס אין לבנון און אַ פאָרשטייער פון דער סאָוויעטישער רעגירונג האָט דערקלערט אין מאָסקווע, אַז רוסלאַנד שטיצט די טעראָריסטישע כוחות, פאַרגלייכנדיק זיי צו די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן היטלער־דייטשלאַנד.

אַזאַ אידיאָטיזם, דאַרף מען קענען זאָגן, דאָס קען נאָר זאָגן אַ קאָזאַק!

רוסלאַנד שטיצט די טעראָריסטן פון נאָך דער 6־טאָגיקער מלחמה, שטעלט זיך אַ פראַגע, צי איז דען פאַר דער מלחמה פון די 6 טעג געווען רואיקער?

עס איז אַ טעות. אויך דאַן האָבן געבושעוועט די טעראָריסטן און זיי האָבן כסדר באַשאָסן די ישראל ישובים. אפשר מיינט דערמיט רוסלאַנד, מען דאַרף אָפּגעבן די טעראָריסטן ישראל און זיי זאָלן טאָן ווי זייער האַרץ וועט דעצידירן. מוז מען זיי זאָגן: „האָקט אייך אַרויס די נאַרישקייט. איר, רוסן, זענט דאָך געווען פון די ערשטע, וועלכע האָבן אָנערקענט די זעלבסטשטענדיקייט פון ישראל. קען זיין, אַז ביי אייך איז פּאָליטיק העכער פון אלץ, ווי זאָגט מען עס „האָב איך יאָ אָנערקענט, האָט איך נישט אָנערקענט״.

פאַרקערט, זעט איר דען נישט, אַז שולדיק אין דעם זענען נאָר די אַראַבישע מדינות, זיי האָבן

אויפגעשטעלט אַ גולם, איר האָט געגעבן געווער מיט אינסטרוק־טאָרן און איצט אַפילו ווען־דיק אים צוימען, קענט איר נישט.

עס וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען דאָס זעלבע געווער, וואָס איר רוסן, האָט געגעבן צו שלאָגן יש־ראל, וועט זיין געווענדעט צו אייך.

די רוסן זעען אַמעריקאַנער אין צה״ל

רוסלאַנד, וועלכע שטייט אין שפּיץ פון די אַראַבישע מדינות, וואָס זייען גיפט קעגן ישראל, האָ־בן געפּאַקט אַ ווילדע מציאה, „אַ־מעריקאַנער באַיס״ אין דער יש־ראל אַרמיי.

ווי שעמט מען זיך נישט פאַר דער וועלט און פאַר זיך אַליין. אין דער צייט, ווען טויזנטער רוסן געפינען זיך אין די אַראַבישע לענ־דער, זיי לערנען נישט אין די אַראַבישע אוניווערסיטעטן, נאָר נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אלע צווייגן פון אראבישן מיליטער און ביי די טעראָריסטן.

לעצטנס האָט רוסלאַנד געפּרווט צו פאַרכאַפּן אַ מיראַזש עראָפּלאַן אין לבנון. ווען מען האָט זיי גע־כאַפּט ביי דער אַרבעט, האָבן זיי געזאָגט זייער אַלטע תשובה „קאַק טוואָיע, טאָ ביערי״ (עס איז דיין, נעם דיר צוריק). אָבער ווי די פרייע וועלט האָט געקענט אַראָפּ־שלינגען אַזאַ ביטערן פּיל, איז אַ פראַגע, באמת אַ „הפקר־וועלט״.

די שריפה אין „אל אַקצאַ״

נאָך דער שריפה אין „אל־אַקצאַ״ איז רוסלאַנד מיט איר סאָטע־ליטן אַרויס אין אַ ווילדן קאַראַהאַד „ביעי זשידאָוו״. ישראל האָט אונ־טערגעצונדן דעם מעטשעט, בכדי דאָרט אויפצושטעלן דעם בית־המק־דש. איצט אָבער, ווען די גאַנצע וועלט זעט, אַז מען האָט צו טאָן מיט אַן איינפאַכן משוגענעם, איז אַלץ שטיל געוואָרן. גלייך עס וואָלט גאָרנישט געשען.

רוסישע טובות

רוסלאַנד האָט זיך יאָ מיט וואָס צו באַרימען. ווו עפּעס א שחיטה, איז עס אירס אַ שטיקל אַרבעט.

דער בירגער־קריג אין תימן — אַ רוסיש שטיקל אַרבעט; דער בירגער־קריג אין ביאַפראַ — אַ רוסיש שטיקל אַרבעט; דאָס אונ־טערדריקן דעם אויפשטאַנד אין אונגאַרן — אַ רוסיש שטיקל אַר־בעט; דער קריג אין וויעטנאַם — אַ רוסיש שטיקל אַרבעט; באַזעצן מיט כוח טשעכאָסלאָוואַקיע — אַ רוסיש שטיקל אַרבעט; אונטער־העצן די אַראַבער קעגן ישראל — אַ רוסיש שטיקל אַרבעט; ברענגען צו דער 6־טאָגיקער מלחמה צווישן ישראל און די אַראַבער — אַ רו־סיש שטיקל ארבעט. ווו עס איז נאָר עפּעס פאַרבונדן מיט בלוט־פאַרגיסונג — זענען זיי דאָ.

וואָלטן די רוסן בעסער פאַר די מיליאָנען, וואָס זיי געבן געווער, געהאָלפן דער אָפּגעשטאַנענער אַ־ראַבישער באַפעלקערונג, וואָלט עס פיל גלייכער געווען. אָבער ביי זיי איז עס אַריין איך בלוט — איינ־פירן דעם רויטן טעראָר.

עס פאַרציילט זיך: אויף אַ מאַסן פאַרזאַמלונג פון כרושטשאָוון, האָט ער געשילדערט דעם ווילשטאַנד פונעם רוסישן אַרבעטער, האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז ער זעט אויפן האָריזאָנט, ווי פאַר יעדן אַרבעטערס טיר, שטייט אַן אייגענער אויטאָ.

רופט זיך אָן אַן אַלטער פויער: הבר כרושטשאָוו! וואָס איז דאָס אַזוינס האָריזאָנט? זאָגט כרושטשאָוו צו זיין סעקרעטאַר. וואַסיל, זאָג איש וואָס איז דאָס אַזוינס האָריזאָנט. שטעלט זיך אויף דער סעקרעטאַר און דערקלערט: האָריזאָנט איז דאָס „וואָס מער מען דערנענטערט זיך צו דעם, אַלץ ווייטער איז עס". (פאַרשטאַנען)?

נאַצערס רעדע

די לעצטע מלחמה־רעדע פון נאַצערן, איז אַ פּראָדוקט פון אַ קראַנקן מענטש, וואָס האָט שוין נישט וואָס צו פאַרשפּילן. דאַקעגן דאַרף דאָס אַראַבישע פאָלק וויסן, אַז זיי קענען מער נישט אויסהאַלטן די שטאַרקע קלעפּ פון צה"ל, ווייל אויך דאַן, אין 1967, האָט נאַצער זיך באַרימט, אַז זיין אַרמיי איז שטאַרק, וואָס זיין סוף איז געווען, ווייסט דאָך יעדער איינער, אַ וויסטע מפּלה.

עס זעט שוין אויס ווי חוזק, מען פאַרהאַנדלט וועגן אַטאָם־געווער, מען פאַרהאַנדלט וועגן וויעטנאַם־קריג, מען פאַרהאַנדלט וועגן מיטעלן מזרח און פון די אַלע פאַרהאַנדלונגען, האָט זיך רוסלאַנד נישט גערירט אויף קיין איין פּונקט. עס איז נאָר צו געווינען צייט און אויספירן זיינס.

עס האָט זיך לעצטנס איינגעפירט אין דער גאַנצער וועלט, אַזאַ מין עראָפּלאַנען־פאַרכאַפּונג. די וועלט האָט אָנגענומען אַ מויל מיט וואַסער. קען זיין, ווייל צווישן די פאַרכאַפּטע געפינען זיך אויך צוויי ישראלים, וועלכע סיריע וויל זיי נישט באַפרייען. אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס אַמעריקע פאָדערט איר אויסליפערן די פאַרכאַפּער, איז דער ענטפער פון איטאַליע, אַז אין אויסליפערונגס־אָפּמאַך געפינט זיך נישט אַ פּונקט וועגן עראָפּלאַנען.

געדענקט, אז מיט אזא מין האנדלונג קעגן פיראַטיזם, וועט איר ברענגען סכנות אויף זיך אליין, זעט. „זאל די וועלט נישט זיין הפקר".

„יידישע צייטונג", 26־טן דעצעמבער 1969

און אנשיקעניש אויף מיין קאפ - א טעלעוויזיע

(הומאָרעסקע)

איך מוז מודה זיין, ווען מיין שכנטע פערל האָט געקויפט די טעלעוויזיע, בין איך געווען מלא קנאה. וואָס הייסט? זי שטאַמט אפשר פון אַ שענערן יחוס פון מיר, זי, מיט אירע צוויי קאָסאָקע אויגן?

רותי האָט קאָקעטיש געזאָגט צו איר מאַן: איך בין ברוגז אויף דיר! געדענקסט דאָך, פאַר דער חתונה האָסטו מיר כסדר צוגעזאָגט דאָס טעלערל פון הימל. אויף דיר, משהלע, קען איך זיך פאַרלאָזן. ווען וואָלסט נאָר געוואָלט — וואָלסטו עס באַשאַפן. וואָלסט זיך געטאָן אַ כאַפּ צו קיין קייפּקענעדי, געכאַפּט אַ טרעמפּ מיט דער ערשטער בעסטער חלל־שיף צו דער לבנה, און פון דאָרט צום הימל — איז דאָך אַ קאַצן־שפרונג.

אמת, אַזאַ נסיעה איז טאַקע אַ ביסל ווייטלעך, אָבער דאָ, אַ טעלעוויזיע, וואָס מען קריגט זי אויף דער זינדיקער ערד, האָב איך אויך נישט.

רותי האָט ווייטער דערציילט:

ווען משהלע האָט מיר געבראַכט די טעלעוויזיע איז ביי מיר ממש יום־טוב געווען און בכדי איך זאָל נישט האָבן קיין עגמת־נפש, איר ווייסט דאָך, שלעכטע צייטן, קריזיס, האָט ער מיר פאַרציילט, אַז ער האָט זי געקויפט ממש אַ ווילדע מציאה. ווייסט דאָך האָט ער געזאָגט צו רותין, איך טו זיך אומעטום אַן עצה — אַ ביסל פּראָטעקציע, אַ ביסל אַהין, אַ ביסל אַהער, עפּעס געגעבן אַ וועקסעלע, אַי עס וועט קומען דער טערמין פון צאָלן? וועט מען דאַן טראַכטן... דער עיקר געפּאַקט אַ מציאה, אַן אמתע כלי.

איר קענט דאָך מיין משהלען, פלעגט רותי זאָגן צו אירע שכנים, און מיט גדלות ווייזן זיי די טעלעוויזיע, וואָס קען דען מיין משהלע נישט באַווייזן? אַ לעבן אויף זיין קאָפּ, אַז מיר זאָל זיין פאַר אים.

אפשר מיינט איר, אַז כ׳האָב פּעררלען געלאָזן דאָס פאַרגעניגן? האָט איר אַ טעות. איך האָב טאַקע איינגעלאַדן אַלע מיינע שכנים צו טעלעוויזיע צו מיר אין שטוב, און טאַקע זיי פיין מכבד געווען, נישט ווי פערל, די קמצנית.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? שוין באַלד צוויי וואָכן ווי די טעלעוויזיע איז ביי מיר טעטיק, האָב איך נישט צוגעבעט און נישט אויפגעבעט די בעטן. צוליב וואָס? ווער גייט דען שלאָפן?

אַזוי נאָר ווי דער זייגער שלאָגט אויס 8 — האָפּ די טעלעוויזיע

איז שוין אָפן, עס קומען זיך צוזאַמען די שכנים פון גאַס, ווער מיט אַ בענקל, ווער מיט אַ שטול, זיי זענען טייערע שכנים זיי ווייסן, אַז ביי מיר איז נישטאָ קיין סך שטולן.

עסן ווער דאַרף דען עסן? ווער האָט צייט צו עסן? איך הייב אָן רופן: משהלע, גיין שוין עסן, עס ווערט דאָך קאַלט! ער הערט מיך ווי דער קאָטער. נאָך לאַנג רופן אים, רופט ער זיך אָן מיט אַ זייט, ער וויל נישט אַוועקנעמען די אויגן פון דער טעלעוויזיע: רותי, רותיניו, וואָס ווילסטו פון מיר? זעסט דאָך, אַז עס איז אין מיטן פּראָגראַם!

זיצנדיק אַזוי ביי דער טעלעוויזיע כאַפּט ער איין דרימל נאָכן צווייטן, איר קענט דאָך מיך, זאָגט רותי, אַז מיין משהלע שלאָפט, וועל איך אים אויפוועקן? אַז מיר זאָל זיין פאַר אים! און טאַקע אַזוי שלאָפט ער אָפּ איין נאַכט נאָך דער צווייטער, אונטער די קלאַנגען פון דער טעלעוויזיע. באמת, ער איז זייער מוזיקאַליש.

די קינדער — ווער מיר שעורים, וואָס מיר שעורים? ווער האָט צייט צו מאַכן שעורים? דער עולם זיצט, שאַ שטיל, מען הערט קיין וואָרט, עס הערט זיך נאָר פון מאָל צו מאָל אַ שנאָרך פון אַ שלאָפנדיקן. קען זיין, אַז די מענטשן מיינען, אַז דאָס איז גאָר פון דער טעלעוויזיע...

ווען איך בעט מיינע קינדער זיי זאָלן גיין מאַכן די שעורים, זאָגן זיי מיר: אמאלע, עוד רגע, סרט בלשי, נחמד. זיי זענען זיך מחיה צו זען ווי די בויך טענצערינס שאָקלען זיך מיטן גאַנצן גוף. זיי גיבן אַ קלאַפּ מיטן גראָבן פינגער און מיט דער צונג — אמא־לע! מותק.

נאָכן ענדיקן די טעלעוויזיע, האָב איך געשריגן אויף מיינע קינדער, זיי זאָלן שנעל מאַכן די שעורים, אָבער מיין משהלע האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זיך גאַרנישט געשעמט מיך צוריק צו פרעגן: „וואָס איז? וואָס שרייסטו, רותי?"

גאָרנישט, האָב איך אים געענטפערט, מוזט דאָך וויסן, אַז נאָכן זיצן העכער צוויי שעה און איינגעמען שטומעניש, האָב איך פּשוט געוואָלט זען, צי איך האָב חס־וחלילה, נישט פאַרלוירן דאָס לשון...

לעצטנס, איז אויף מיין קאָפּ אַראָפּ אַ פרישע צרה. חס־וחלילה, נישט קיין שום אומגליק, נאָר — נאַדיר 7 טעג אין דער וואָך טעלעוויזיע. ממש ווי אַ דונער אין שיינעם העלן טאָג. ווער האָט דען צייט צו זיין אַזוי פאַרשקלאַפט, נאָך ערגער ווי דאָס רוסישע פאָלק ביי זייער מאַכט?

פרייטיק צו נאַכטס איז ביי מיר געווען די איינציקע נאַכט, ווען איך פלעג זיך אַ ביסל אָפּרוען. מיר זענען זיך צוזאַמענגעקומען יעדן פרייטיק אָוונט צו אַ צווייטן, לויטן תור, געמאַכט אַ קערטל, גערעדט א ביסל רכילות, געווען פאַרטאָן ביז פאַרטאָג — שבת דאַרף מען דאָך פרי נישט אויפשטיין.

דאָ, נאַ דיר אַזאַ מיט אָנשיקעניש! ווער־מיר קערטל, וואָס מיר קערטל, ווער האָט צייט צו אזעל־

כע נאַרישקייטן? אַ טעלעוויזיע אויף מיין קאָפּ.

אין דרויסן שטייען די שכנים און רעדן צווישן זיך, מארגן איז דאָך שבת, די קינדער גייען נישט אין בית־הספר, פארוואס טאקע זאלן זיי נישט מיטגיין זען טעלעוויזיע?

אַזוי נאָר ווי עס ווערט טונקל פרייטיק פאַרנאַכט, מיר האָבן נאַך אַפילו די שבתדיקע סעודה נישט באַוויזן צו ענדיקן — דער עולם קומט שוין, ווער מיט אַ שטול, ווער מיט אַ ביסל נישט פאַר־ענדיקט קנאַקן בוטנים, גרעינים. מען צעזעצט זיך, ווער אויף די שטולן, ווער אויף די סאָפּעס. דאָס קליינוואַרג צעלייגט זיך אויפן שטיה, און בכדי זיי זאָלן זיך נישט לאַנגווייליקן, האַלטן זיי אין איין קנאַקן גרעינים און וואַרפן זיי אויף דער גאַנצער שטוב.

מיינע שכנים האָבן ליב, אַז די טעלעוויזיע זאָל שפּילן אויף דער העכסטער אָקטאַווע. זיי זיצן פאַר־גאַפטע, מיט האַלב פאַרשלאָפענע אויגן און גלאָצן אויף דער טע־לעוויזיע.

צו דעם אַלעם מוז מען דאָך זיין אַ מענטש. איך בין דאָך נישט פערל. מען מוז דערלאַנגען כיבוד, אַ ביסל וואַסער, אַ פרוכט, און פון דעם אַלעם פאַל איך ממש פון די פיס.

דער רעש פון די טאַם־טאַם פויקן און די געשרייען פון ווילדע זינגער, צעמישן מיר דעם קאָפּ.

רותי האָט זיך געפילט זייער שלעכט. אָבער ווי קען מען הייסן די שכנים אַוועקגיין אין מיטן פּראָגראַם? רותי האָט קוים באַוויזן אויסצושרייען:

— משהלע! וואַסער!

און איז געפאלן חלשות.

נאָכן קומען צו זיך, זענען אירע ערשטע ווערטער געווען:

— משהלע! אָדער איך, אָדער די טעלעוויזיע!

ייִדישע צייטונג, 26 דעצעמבער 1969

צום וועלט־געוויסן

האָט דען די גאַנצע וועלט נישט געזען? אַז באַלד נאָכן אנטשטיין פון **מדינת־ישראל**, האָט עס נישט געשטערט די אַראַבישע מדינות אָנצופאַלן אויף אָט דער נאָר־וואָס אַנטשטאַנענער מדינה און וועלן זי פאַרניכטן?

האָט דען די וועלט נישט געזען, ווי פאַר דער מבצע קדש (סיני אַקציע), איז דער גאַנצער סיני־האַלב אינדזל געווען איין גרויסער אַרסענאַל פון געווער, צוגעשטעלט פון רוסלאַנד?

האָט דען די וועלט נישט געזען, ווי דאָס מצרישע מיליטער באַזעצט די ישראל גרענעץ, שר־קייריס אַרמיי גייט צו דער ישראל גרענעץ, דאָס פאַרמאַכן דעם טיראַן איינגוס, דאָס האָט געבראַכט צו דער **מלחמה** פון די 6 טעג.

זעט דען נישט די גאַנצע וועלט, אַז די מעשה מיט די אַראַבישע פּליטים איז אַ פּאָליטישע אינטריגע פון די אַראַבישע מדינות, ווייל ישראל האָט קיין איין אַראַבער נישט אַרויסגעטריבן. צווייטנס, ישראל האָט אַריינגענומען מער יידן פון די אַראַבישע לענדער, ווי עס ציילן זיך די אַראַבישע פּליטים און אַזעלכע איבערזידלונגען זענען פאַרגעקומען נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה אין דער גאַנצער וועלט.

זעט דען נישט די גאנצע וועלט ווי טאָג איין, טאָג אויס באַשיסן די אראַבישע מדינות די ישראל טעריטאָריע. עס פאַלן אומשולדיקע קרבנות און דאָס ברענגט צו קעגן אַקציעס, ווי גאָלדע מאיר האָט געזאָגט: „איין זאַך וועל איך די אַראַבישע פירער נישט מוחל זיין, ווייל זיי ברענגען, אַז אונדזערע זעלנער זאָלן שיסן זייערע זעלנער".

זעט דען נישט די גאַנצע וועלט, ווי די מאַכט פון ירדן און לבנון גיבן די טעראָריסטן די רעכט און זייער צושטימונג פון דאָרט צו מאָרדן אין ישראל. דאָך פאַרלאַנגט אַמעריקע פון ישראל נישט צו פירן קיין קעגן אַקציע קעגן די מערדער.

זעט דען נישט די גאַנצע וועלט, אַז דער סכסוך צווישן ישראל און די אַראַבישע מדינות, איז נישט קיין טעריטאָריאַלער, עס איז נישט קיין פראַגע צי ישראל וועט יאָ, אָדער נישט פאַרלאָזן די פאַרנומענע געביטן.

דעם ענטפער האָבן דאָך די אַראַבישע מדינות געגעבן אין כאַרטום און איצט אין ראַבאַט: „נישט פאַרהאַנדלען און נישט אָנערקענען ישראל", אַלאַ וואָס עס פאַרדרייען זיך די קעפּ די 4 גרויסע (באמת נאָר צוויי) — דאָס איז נאָר אַ צייט־פאַרשפּיל, רוסלאַנד וויל געווינען צייט און אַזוי אַרום דרינגט זי אַריין אַלץ טיפער אין מיטעלן מזרח.

יעדעס מאָל, ווען די וועלט מיינט, אַז אָט אָט און די צוויי

גרויסע האָבן שוין עפּעס דער־גרייכט, אָבער דעם ענטפער באַקומט ערשט אַמעריקע נאָך דעם, ווי רוסלאַנד טאַפּט דעם דופּק ביי נאַצערן און וואָס נאָצער וויל נאָר, אַזוי רעדט רוסלאַנד און די וועלט רופט עס אָן פּאָליטיק.

האָט דען די גאַנצע וועלט נישט געזען, ווי היטלער דייטשלאַנד האָט אויסגעמאָרדעט 6 מיליאָן יידן און די וועלט האָט געשוויגן.

שיפן מיט אומגליקלעכע יידן האָבן זיך אַרומגעדרייט אויף די אָפענע ימים און כמעט קיין איין מדינה האָט פאַר זיי די טויערן נישט געעפנט.

די גאַנצע וועלט האָט דאָך גע־זען, ווי די פּוילישע ערד איז גע־ווען דער בית־הקברות פון די אומ־געקומענע יידן פון גאַנץ אייראָ־פּע. קיין צווייטן פּלאַץ וואָלט היטלער נישט געפונען ווו אומ־צוברענגען די יידן, ווייל היטלער האָט געוווסט, אַז ער האָט זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן.

דאָך שטערט דאָס היינט נישט דעם קאָמוניסטישן פּוילן ווייטער צו שרייען „הוראַ באַ זשידאַ", נאָך ערגער, ווי אין אַמאָליקן סאַנאַ־ציע־פּוילן. ישראל באַשולדיקט די אַראַבער, יידן זענען אונטערדריי־קער, יידן זענען פאַשיסטן און אימפּעריאַליסטן.

זעט דען נישט די גאַנצע וועלט, ווי עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען קיין ראַבאַט אַלע אַראַבישע מנהי־גים, וואָס אין אַ סך פון די לענדער לעבט נאָך פריי דער שקלאַפן־האַנדל, און די דאָזיקע זיצן אַלס מיטגלידער אין זיכער־הייטס ראָט.

זעט דען נישט די גאַנצע וועלט, ווי ניגעריע שעכט אויס דאָס ביאַפ־ראַ פאָלק, איראַק שעכט אויס די קורדן, דרום אַפריקע אונטער־דריקט די שוואַרצע באַפעלקערונג, רוסלאַנד שעכט זיך מיט רויט־כינע, דרום תימן מיט סאודיע און ווו דען נישט?

דאָך זעט די אונ"אָ מיטן זי־כערהייטס ראָט די עוולות נישט. זי זעט נאָר איין זאַך, ווי ישראל אונטערדריקט די אַראַבער פון די פאַרנומענע געביטן, אַ זאַך, וואָס איז בכלל נישט ריכטיק, דאָס באַ־שטעטיקן געננג קאָרעספּאָנדענטן און פאַרשידענע קאָמיסיעס.

עס פרעגט זיך אַ פראַגע, וואָלט דען וועלכע אָקופּאַציע מאַכט, דער לאָזט צו וואַרפן באָמבעס אויף איר מיליטער און פירן דיווערסיע־אַרבעטן?

דעם בעסטן פאַקט האָט דאָך די וועלט געהאַט, ווען פּוילן האָט נאָר נישט געוואָלט גיין אונטער די קלאַנגען פון מאָסקווע האָבן זיך באלד די רוסישע טאַנקען גע־רירט אויף וואַרשע.

ווען אונגאַרן האָט נישט גע־וואָלט גיין אין געשפּאַן פון רוס־לאַנד, האָבן זיי מיט האַרמאַטן באַ־שאָסן בודאַפּעשט.

ווען דאָס טשעכישע פאָלק האָט געוואָלט פירן אַ קאָמוניסטישע אָר־דענונג לויט איר פאַרשטאַנד, איז זי מיט כוח באַרבאַריש באַזעצט געוואָרן און אַלע אירע ליבעראַלע פירער באַזייטיקט.

געדענקט דען נישט די גאַנצע וועלט? ווי רוסלאַנד האָט אומ־געבראַכט די יידישע שרייבער און

דער משפט אויף די דאָקטוירים און די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פיזיש און גייסטיש צעבראָכן.

שפּעטער, נאָכן 20־טן קאָנגרעס, האָבן זיי אליין סטאַלינען באַשפּיגען און פון זיין פּרצוף די מאַסקע אראָפּגעריסן, פון מאַוזולעאום זיין קערפּער ארויסגעוואָרפן, ערגעץ ווי אונטער אַ פּלויט אים באַגראָבן

היינט, אז מען דאַרף ווייטער גיין מיט דער פּראָלעטאַרישער פויסט, שלעפּט מען צוריק אַרויס זיין פּגר און מען גייט אים שוין ווייטער מאכן פאַרן פאָטער פון די פעלקער.

די גאַנצע וועלט קוקט זיך צו איראָניש צום גאַנצן ספּעקטאַקל, מען דאַרף אָבער וויסן, אַז די וועלט וועט אַמאָל פאַר אַט דער איראָניע באַצאָלן.

זעט דען נישט די גאַנצע וועלט, אַז וואָס מער נאָכגיביקער אַמעריקע איז צו רוסלאַנד, אַלץ מער פאַרלאַנגט רוסלאַנד פון אַמעריקע.

האָט מען דען נישט געזען, ווי ביי דער אַראַבישער קאָנפערענץ אין ראַבאַט, האָט אַמעריקע איינגעלייגט וועלטן, בכדי איבערצו צייגן די אַראַבער, אַז זי איז נישט אויף דער זייט פון ישראל, אָבער אַמעריקע דאַרף וויסן, אַז די שנאה צו איר איז נישט קיין רעזולטאַט פון איר גוטער באַציאונג צו ישראל.

דאַקעגן האָט די וועלט געהאַט אַ פאַקט: ווען דער פאַרשטאָרבענער פּרעזידענט קענעדי האָט געגעבן רוסלאַנד איבער די הענט, האָט זי טאַקע דאַן די ראַקעטן פון קובאַ אַרויסגעצויגן.

זעט דען נישט די גאַנצע וועלט, אַז פראַנקרייך און ענגלאַנד פאַרקויפן געווער די אַראַבישע לענדער און נאָר נישט ישראל.

אמת. ישראל איז אַ קליינע מדינה, בס"ה צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן איינוואוינער. די אַראַבער — 100 מיליאָן. פון די אַראַבישע מדינות פּילט זיך נאַפט, פון ישראל נישט.

דאַקעגן האָט דאָס יידישע פאָלק געגעבן דער גאַנצער וועלט די פּיאָנערן פון סאָציאַליזם, די פּיאָנערן פון קאָמוניזם, מיר האָבן געגעבן דער גאַנצער וועלט די געזעצן — די תורה, די „ביבל".

זעט דען נישט די גאנצע וועלט אַז ביים טוישן די געפאַנגענע, אַדער פאַרכאַפּטע, באַקומען מיר פון די אַראַבישע מדינות אונדזערע מענטשן, האַלב טויטע, אויסגעמוטשעטע און מיר גיבן זיי צוריק זייערע מענטשן, אויסגעפּאַשעטע, גלייך ווי פון אַן דערהוילונגס פּלאַץ.

עס פרעגט זיך, ווו איז דער רויטער קרייץ? ווו איז די ליגע פון מענטשן רעכט?

זעט דען נישט די גאַנצע וועלט, ווי די אַראַבישע מדינות מאָרדן אויס זייערע יידישע בירגער, דאָך געפינט קיינער נישט פאַר נויטיק צו פאָדערן צו שיקן דאָרט קאָמיסיעס.

האָט שוין די וועלט געזען, אַז נאָך אַ מלחמה, זאָל נישט קומען קיין שלום? און איבערהויפּט נאָך, נאָך אַזאַ מפּלה, וואָס די אַראַבישע מדינות האָבן געליטן, ווילן זיי נאָך דיקטירן דעם שלום.

דער קאַמף און די מאָסן־דעמאָנסטראַציעס וואס ווערט געפירט אין אמעריקא קעגן דער וויעטנאַם־מלחמה, איז אַ שטיקל ארבייט, אונטערגעשטעלט פון רוסלאנד. אמת, די וועלכע פירן די דעמאָנסטראציעס, טוען עס ווייל עס ווייטיקט זיי דאס פאַלן פון זייערע קינדער, אבער רוסלאַנד שפּילט אויף דער סטרונע פון זייער סענטימענטאליטעט, אָבער מען דאַרף וויסן, אז דעם טייערן פּרייז, וואס הייסט מלחמה, וועט די וועלט מוזן באצאלן, ווייל אנדערש וועט רוסלאנד איינשלינגען די גאנצע וועלט, און צווישען דעם אויך אמעריקא.

אפשר געפינען זיך אַזעלכע, וואָס טראַכטן צו פאַרענדיקן דאָס, וואָס היטלער האָט אָנגעהויבן. איז אפשר פאַר זיי נאָך ווייניק די 6 מיליאָן קרבנות? איז עס נישט מער ווי אַ חלום. מיר האָבן היטלערן איבערגעלעבט און נאָך אַזעלכע און מיר וועלן די איצטיקע שונאי־ישראל אויך איבערלעבן.

„יידישע צייטונג", 6־טן פעברואר 1970

„ווער איז אַ ייד"?

יהודי שקידש נוכריה, שלא התגיירה (קידושין סח, ב; רמב"ם הלכות אישות פרק ד' טו; שולחן ערוך אבן העזר מד, ח), משנתגיירה, הנוכרי או הנוכריה הרי הם יהודים לכל דבר. „תורה אחת יהיה לאזרח ולגר הגר בתוככם" (שמות יב, מט), לא נתגיירו ונישאו נישואים אזרחיים בלבד — הילדים מן האם היהודיה, יהודים לכל דבר, מן האם הנוכריה — אין הדת מכירים בילדים כיהודים, עד שיתגיירו.

מען מוז וויסן, אַז דער גאַנצער כוח פונעם יידישן פאָלק נעמט זיך נאָר פון דעם, וואָס די אומה און הלכה גייען האַנט ביי האַנט.

עס איז נישטאָ קיין איין פאָלק אין דער גאָרער וועלט, וואָס זאָל האָבן דורכגעמאַכט אַזוי פיל פאָגראָמען, ווי דאָס יידישע פאָלק, נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס מיר האָבן זיך געהאַלטן אין דער הלכה, און אָנגענומען אַלץ באהבה, האָבן מיר אַלע שוועריקייטן איבערגעלעבט.

עס איז נישטאָ קיין איין פאָלק אין דער גאַנצער וועלט, וועלכעס איז כסדר געגאַנגען אויף קידוש-השם, ווי דאָס יידישע פאָלק, ווייל עס איז געווען געבונדן אומה און הלכה.

מען זעט דאָך, פעלקער זענען פון דער אויבערפלאַך אָפגעווישט געוואָרן, ווייל זיי האָבן די רעליגיע פון געזעץ אָפגעטיילט, און עס איז ביי זיי נישט געבליבן דער בונד, וועלכער זאָל זיי בינדן, ווייל וואָס איז דען ביי זיי אַן אונטערשייד, צי זיי זענען קריסטן פאָליאַקן, צי קריסטן דייטשן — אַבי קריסטן.

דאָך שטערט נישט דעם ה' שאַליט צו גיין אַזש ביזן העכסטן געריכט און פאָדערן, אַז מען זאָל זיינע קינדער פון דער קריסטלעכער פרוי, פאַרשרייבן אַלס יידן.

עס האָבן זיך באַלד געשאַפן אונטערשטופער, געמאַכט ספאָנטאַנישע דעמאָנסטראַציעס, אַלץ צוליב אַזאַ נאַרישקייט. וואָס, אייגנטלעך, אינטערעסירט זיי אַזוי שטאַרק, אַז די קינדער פון קריסטלעכע מוטערס זאָלן פאַרשריבן ווערן אַלס יידן? בירגער פון ישראל זענען זיי דאָך יאָ, טאָ וואָס דאַרפן זיי מער? יעדער בירגער פאַר זיין לאַנד איז מקריב אַלץ, אַפילו דאָס לעבן. מיר זעען דאָך די גאַנצע גרענעץ וואַך באַשטייט פון אונדזערע בירגער די דרוזים, און זיי פאָדערן נישט, מען זאָל זיי פאַרשרייבן אַלס יידן.

צו דער דעמאָנסטראַציע האָט מען געברענגט חנן פון קיבוץ רבידים, אַ זון פון אַ קריסטלעכער מוטער, וועלכער האָט זיין פוס פאַרלוירן. עס איז שווער צו פאַרשטיין, איר זון האָט פאַרן פאָטערלאַנד זיין פוס פאַרלוירן און זי, די מוטער, קען נישט מוותר זיין און זיך מגייר זיין.

שאַליט וויל מיטן כוח פון דעם משפט, צווינגען, אַז מען זאָל זיינע

קינדער פאַרשרייבן אַלס יידן. ער וויל אונדז צווינגען, אַז עס זאָל אונדז צוקומען נאָך אַ משפחה.

עס פרעגט זיך: ווי אַזוי קען אַ געריכט משפטן, צי מען זאָל יאָ פאַרשרייבן, צי נישט פאַרשרייבן, די קינדער פון אַ קריסטלעכער פרוי? ליגט דען דאָס אין זייער קאָמפּעטענץ? עס קען נאָך קומען צו דעם, אַז אונדזערע שופטים זאָלן פּסקנען, צי עס איז יאָ דאָ אַ גאָט, צי נישט?

אויב אַזוי — וואָס קען מען דען האָבן טענות צו מיסיאָנערן? אויך זיי זאָגן דאָך, אַז זיי זענען יידן פון ישוס גלויבן, אָדער קריסטן פון משהס גלויבן. קען זיין, אַז לויט שאַליטס מיינונג דאַרף מען אויך זיי פאַרשרייבן אַלס יידן.

ווי מען זעט, איז שאַליט נישט געבליבן פאַראיינצלט. דער חבר הכנסת שלום כהן, האָט אַלס פּראָטעסט פון דער עוולה, וואָס מען וויל נישט פאַרשרייבן די קינדער פון אַ קריסטלעכער מוטער, זיין תעודת זהות צעריסן, אויף דעם האָט קיינער נישט פּראָטעסטירט. אַזאַ איינער דאַרף קיין צווייטן תעודת זהות נישט באַקומען. ער איז דאָך צווישן די, וועלכע דאַרפן ווייזן אַ מוסטער, זיי מאַכן דאָך די געזעצן...

אפשר איז דאָס נאָך געווען ווייניק, האָט אבנרי אָפּגעשפּילט אַ קאָמעדיע אין דער כנסת, אַז מען האָט אים געדאַרפן אויף די הענט אַרויסטראָגן.

עס פרעגט זיך, וואָס איז עפּעס ביי אַט די אַלע אַזוי שווער די גיור - פּראָצעדור? פון מל - זיין האַלטן זיי גראָדע יאָ. מן הסתם וועלן זיי ענטפערן, אַז מל-זיין איז היגיעניש. זאָל מען זיי זאָגן: „האַקט נישט קיין טשייניק”, אויך די אַראַבער זענען זיך מלה.

נישט איין מאָל האָבן מיר געזען, אַז ווען מען וויל געהערן צו אַ חשובער זאַך, מוז מען צושטייער געבן אָנשטרענגונגען. למשל: ווען בר-כוכבא האָט געוואָלט אויספּרווון זיין מיליטער צי זיי זענען שטאַנדהאַפטיק, האָט ער באַפוילן, זיי זאָלן זיך אַ פינגער אָפּהאַקן. דאָס פאָלק האָט זיך פון דעם נישט אָפּגעהאַלטן. שפּעטער האָט בר-כוכבא דאָס אָפּגעשטעלט. פון דעם דאַרף מען אויך לערנען, אַז ווער עס וויל געהערן צום יידישן פאָלק מוז אַדורכגיין אַט דעם „פייער-פּרווו”, וואָס הייסט „גיור”

עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַלס פּראָטעסט, איז צו דער לוויה פון ש״י עגנון ז״ל, בן-גוריון געקומען אין בלויזן קאָפּ.

מען דערציילט: איינער אַ פרייער האָט געהערט, אַז חלב איז טרפה, האָט ער עס להכעיס געגעסן.

דעריבער דאַרף מען קומען צו דער מסקנה, ווי איך האָב שוין זיינער צייט געשריבן אין „יידישע צייטונג”, אַז אונדזערע גדולי-הדור זאָלן זען, אַז מען זאָל קיינעם פונעם יידישן פאָלק נישט דערווייטערן. מיט ברייטע אָרעמס מוזן מיר צונעמען יעדן, וועלכער קומט צו אונדז. מען מוז זען, אַז די גיור-פּראָצעדור זאָל שנעלער ווערן דערליידיקט און קיינעם נישט לייגן קיין שטיינער אויפן וועג צו ווערן אַן אמתער ייד.

די שטרייקן

(פון דער אַלטער היים)

(איבערדערציילט פון חיים האָפמאַן פון אמעריקא)

בילגוריי, אַ שטאָט אין לובלי־נער ראיאָן, וועלכע האָט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געהערט צו רוסלאנד.

כמעט 70 פראָצ. פון דער יידי־שער באפעלקערונג אין בילגוריי האָט זיך באַשעפטיקט מיט ארבעטן זיפּן, אין דער פוילישער געשיכ־טע ווערט בילגוריי באַצייכנט אלס „מיאַסטאָ שיט" (די שטאָט פון זיפּן).

דער הויפּט סוחר פון זיפּן אין בילגוריי איז געווען מיכאל טיי־ער, דער פאָטער פון שעפסל טיי־ער, ער פלעגט פאָרן מיט וועגענער טיף אין רוסלאנד, בכדי דאָרט צו פארקויפן די זיפּן און פון דאָרט פלעגט ער טאַקע ברענגען די האָר.

אַזאַ רייזע פלעגט דויערן שיינע וואָכן, ווייל נישט צו יעדן פלאַץ איז דאַן געווען באַנען.

ווען מיכאל טייער איז אויף אַזאַ רייזע קראַנק געוואָרן און איז דאָרט געשטאָרבן, איז זיין שוואָ־גער סאני שיער געפאָרן קיין רוס־לאַנד אים קובר זיין און פון דאַן איז דער גאַנצער זיפּן־מסחר איינ־געשטאַנען אין דער פאַמיליעס הענט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מל־חמה, האָט זיך דער זיפּן־מסחר זייער אויסגעברייטערט און די זיפּן זענען געשיקט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט.

די זיפּן פאבריקאַציע אין בילגו־ריי איז איינגעשטאַנען אויסשליס־לעך אין יידישע הענט און די סוח־רים זענען געווען: סאני שיער, יהושע מיימאַן, נתן מיימאַן, פנחס קלמנ׳ס און אריש ביילע־מלכה׳־לעס (זילבערבערג).

זיי, די סוחרים פלעגן פארקויפן די האָר צו די פאַבריקאַנטן און זיי פלעגן מוזן צושטעלן זיי די פארטי־קע זיפּן.

די פאבריקאנטן פלעגן האלטן גרויסע פערסאָנאַלן מיט ארבעטער, וואָס די מערסטע זענען באַשטאַ־נען פון מענער, פרויען זענען גע־ווען באשעפטיקט ביים מיעטען — איינפעדעמען די האָר אין דער מאַ־שין.

כאָטש די זיפּער מיט די מיע־טעקעס פלעגן ארבעטן אין איין צימער, דאָך פלעגן די פאבריקאנטן אכטונג געבן בכדי זיי זאָלן נישט כאַפּן צווישן זיך קיין פלירט, ווייל פון אזעלכע פלירטן האָט דער פאבריקאנט נישט געהאלטן, דאָס איז נישט געווען קיין סגולה צו דער פרנסה.

אָבער ווי דער פאבריקאנט זאָל נישט געווען אכטונג געבן, דאָך פלעגן זיך שאַפן צווישן די זיפּער און מיעטעקעס שידוכים.

צו דער ארבעט פלעגט מען זיך אָנדינגען אויף אַ זמן, דאָס הייסט אויף אַ האַלב יאָר, פון פסח

ביז סוכות און פון סוכות ביז
פסח, עס זענען אויך געווען פא-
לן, וואָס מען פלעגט זיך אָנדינגען
צו דער ארבעט מיט עסן ביים
פאבריקאנט, אזא פאל איז שוין
געווען פון די ערגסטע זאכן, ווייל
דעם פאבריקאנטס פרוי פלעגט
אים כסדר אויסנוצן צו פארשי-
דענע שליחותן אָדער געהייסן ווי-
גן דאָס קינד.

ארבעטן פלעגט מען כמעט פון
זון אויפגאנג ביז אין דער פינצ-
טערער נאַכט, וואָס אפילו אין זו-
מער, ווען עס ווערט שפעט נאַכט,
פלעגט מען אויך ארבעטן ביי די
לאָמפּן, ווייל אין בילגוריי איז
נאָך דאן קיין עלעקטרע נישט גע-
ווען.

פארנאכט פלעגט מען אָפּשטעלן
די ארבעט, אויך אויפן חשבון פון
ארבעטער און מען פלעגט דאווי-
נען מנחה-מעריב בציבור, ביי דער
צייט פון דאוונען, פלעגן צווישן
זיך די מיטעקעס דערציילן מעש-
יות און פארשידענע רכילות.

★

אין יאָר 1905, ווען עס האָבן זיך
אָנגעהויבן די שטרייקן אין רוס-
לאַנד, זענען אויך די בילגורייער
זיפּער נישט געבליבן אונטער-
שטעליק.

עס פלעגן יעדעס מאָל קומען
רעדנער פון זאמאָשטש אָרגאניזירן
די בילגורייער זיפּן-ארבעטער.

די חברה פלעגט אראָפּגיין גרו-
פּנוויז אין בילגורייער וואלד,
פארשטענדלעך די זיפּער באזונדער
און די מיטעקעס באזונדער, ווייל
ווער האָט זיך דען דעמאָלט גע-
קענט פאָרשטעלן, אז יינגלעך זאָ-
לן גיין מיט מיידלעך צוזאַמען.

דאָרט פלעגן די רעדנער פאר די
בילגורייער זיפּער אויפקלערן, אז
מען דארף אראָפּוואַרפן דעם רוסישן
קייסער.

ווען די זיפּער האָבן צום ערשטן
מאָל דערהערט אזעלכע ווערטער,
האָבן זיי זיך אליין דערשראָקן,
וואָס, מיר, בילגורייער זיפּער, —
נעמען זיך אונטער די שווערע אר-
בעט — אראָפּצוואַרפן דעם מעכ-
טיקן צאר ? !

אָבער ביסלעכווייז האָבן זיך
די בילגורייער זיפּער צוגעוווינט
צו די דרשות און זיי זענען געוואָ-
רן בלוט-שונאים דעם רוסישן צאר.

מאַמעס זיינען ארומגעגאַנגען
זייער פאַרביטערט, מען פלעגט
פארציילן פון מויל צו מויל, אז אַט
די און די מאַמע האָט אליין מיט
אירע אייגענע אויגן געזען, ווי אַ
זיפּער האָט געגעבן א קוש אַ מיע-
טעקע, זיי זיינען געוואָרן מאָדערן,
האָבן זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן
צו קעמען אין שבת און געטראָגן
שוין ביי זיך שפּיגלעך, עס איז אָנ-
געגאַנגען א גאַנצער קאַמף, יעדן
שבת פלעגן די מוטער באַהאַלטן
די קעמלען, בכדי די טעכטער זאָלן
זיך נישט האָבן מיט וואָס זיך צו
פאַרקעמען.

איין מאַמע האָט אַפּילו פאַרציילט
ווען זי האָט אַמאָל געוואָלט שטערן
איר טאָכטער צו גיין מיט די שט-
רייקער, די ציציליסטן, האָט איר
די טאָכטער געענטפערט, מאַמע,
אויב דו וועסט נישט אויפהערן,
וועט שוין מאָרגן דער קייסער זיין
אראָפּגעוואָרפן און בכדי דער קיי-
סער זאָל בלייבן, האָט די מוטער

שוין אַזעלכעס פאַרן מויל נישט געבראַכט.

עס האָבן זיך געשאַפן צוויי מחנות, איינע, די ארבייטער צו וועלכע עס זענען אויך צוגעשטאַנען די בילגורייער אינטעליגענץ און די צווייטע, וועלכע האָבן געהאלטן מיטן קייסער.

ביסלעכווייז האָבן זיך די בילגורייער זיפּן-ארבעטער אָנגעהויבן צו קליידן מאָדערן, אַ שטײף טיכן היטעלע פאַררוקט אויף אַ זייט, אַ געהאַקטע קאַפּאָטע, אַ שטייפן קאַלנער מיט אַ בינדע, (געציילטע זענען געווען מסוגל צו בינדן אַ בינדע) און אַ זייגער מיט אַ קייט פאַרשטעקט אין די וועסטל-קעשענעס.

ווען די מאַמעס האָבן דערהערט די טרויעריקע בשורה וועגן זייערע קינדער — אַז זיי גייען אראָפּוואַרפן דעם קייסער, איז געוואָרן חושך אין שטאָט, מאַמעס זענען געלאָפן אויפן בית עולם, קברים איינגעריסן, געלאָפן אין די שולן, ביי דעם אָרון-קודש געוויינט, אַז גאָט זאָל אַרויסקלאַפּן די נארישקייטן פון זייערע קינדערס קעפּ, ווי וועט קענען אזא שוואך משה׳לע, חוה׳לע און איטעלע אראָפּוואַרפן דעם גרויסן מעכטיקן צאַר ? און ווי זענען דאָ די קאָזאַקן ? זיי וועלן דאָך מאכן פון זיי פאַראַך און שטויב.

ווען די גאַנצע זאַך איז אָנגעקומען צו דער מאַכט, האָבן זיי זיך ביסלעכווייז געכאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר, — דער וואַכמישטש (קצין) מיטן איינציקן סטראַזשניק (שוטר) קימאַק, וואָס בילגוריי האָט פאַרמאָגט. האָט דער וואַכמישטש אַרויסגעצויגן זיין שווערד און געשוווירן : קעפּ וועלן פליען, ווער עס וועט זיך נאָר אַנטוואַגן אראָפּצוואַרפן דעם קייסער, זיי האָבן זיך אויסגעצויגן ווי די סטרונעס, אָפּגעזונגען דעם „באָזשע צאַראַ כראַני" (גאָט היט דעם קייסער) און זענען ארויס זוכן די „ציציליסטן".

פאַרנאַכט, ווען עס איז נאָר געוואָרן טונקל, זענען זיי ביידע אראָפּ צו דער ברוק-גאַס און באַהאַלטן זיך אונטער א פענצטער פון אַ זיפּן-פאַבריק.

די זיפּן-ארבעטער האָבן געמיטלעך געזונגען אַ „ויאתיו", וועלכן משה מרדכי פלעגט זינגען אין טרוסקער שטיבל און איינער האָט צום סוף געענדיקט „ויתנו לך כתר מלוכה".

ווען דער וואַכמישטש האָט דערהערט דאָס וואָרט קייסער, איז ער אריין אין אַ ווילדן צאָרן, האָט אויפגעבראָכן די טיר און אריין מיט אַן אַנטבלויזטער שווערד.

— ווער האָט זיך דאָ געבונטעוועט קעגן קייסער ? קעפּ וועלן דאָ פליען ! — האָט ער געשריגן און אַ ווייסע שלינע האָט אים גערונען פון זיין מויל.

אָבער נאָכן אריינרוקן אים אַ גאַנצן ליטער 95-ער, האָט מען אים קוים איבערצייגט, אַז דאָס איז גאָר אַ יום-טובדיקע תפילה.

✶

לויט דער דעמאָלטדיקע איינשטעלונג, האָבן עלטערן נישט געוואָלט לערנען זייערע קינדער דעם שניידער אָדער שוסטער פאַך, עס איז נישט געווען קיין בכבודיק פאַך,

ווער עס האָט נאָר געהאַט די מינימאלסטע מעגלעכקייט, האָט געשיקט זיינע זין לערנען אין בית־המדרש, אָדער געשיקט זיי לערנען אין אַ ישיבה, די מיידלעך דאקעגן, האָבן זיך געדרייט ביי דער מאמען אין קוך.

דער אָרעמער שיכט אין בילגוריי האָט נישט געהאַט קיין שום אויסוועג, ווייל אין בילגוריי איז נישט געווען קיין צווייטע באַשעפטיקונג פאר דער יוגנט, אויסער דעם זיפּן־פאַך.

דער זיפּן־פּאַך אין בילגוריי, איז געווען אין זייער א קלאָגעדיקן מצב, אָפּארבעטנדיק טעג פון 16 שעה און מער, האָט מען בדוחק געקענט מאכן שבת.

אז אַ מיעטעקע האָט געדארפט חתונה האָבן, האָט זיך די גאנצע שטאָט משתתף געווען, דערויף האָבן שוין געזאָרגט די צדקה־יידענעס, די מומע גנענדעלע (כאָטש זי איז קיין מומע נישט געווען) און גיטל משה־איציס.

★

אין יאָר 1907, ווען די שטרייק כוואַליע האָט זיך אויסגעשפרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד, האָט זיך אויך אין בילגוריי געשאַפן אַ סאָציאַליסטישע באוועגונג, דער „בונד“.

דוד געליבטער און משה עפּשטיין, וועלכע האָבן געשטאַמט פון זאמאָשטש און צוליב פּאָליטישער טעטיקייט, האָבן זיי באַקומען פון דאָרט אַ „וויסילקע“, זענען זיי געקומען קיין בילגוריי און אלס סטודענט, פלעגט ער לערנען די קינדער פונעם פּולקאָווניק פון דעם פּאָלק קאָזאקן, דאָס איז געווען פאר אים נאָר אַ מאַסקע, אז ער ארבעט.

די אָנפירער פון די זיפער זענען דאן געווען: שמעון דבורה־זלאטעס, יענקל בוכטעס, יענקל גראבאָוויצער, בערל שוואַרצבערג און משה ברעזעל.

די פאבריקאנטן איז די ארבעט פון זייערע זיפער נישט געפעלן געוואָרן, עס האָט לאנג נישט געדויערט און די מאַכט איז פון אַלץ געווייער געוואָרן, מען האָט די גאנצע חברה פארנומען און זיי איינגעזעצט אין דער בילגורייער קאָזע (טיורמע) און די עלטערע פון זיי האָט מען אוועקגעשיקט אין טיורמע קיין זאמאָשטש.

דער „בונד“ האָט אין בילגוריי געפירט אַ שטאַרקע טעטיקייט, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ כוואַליע פון שטרייקן ביי די זיפּן־פאבריקאנטן, ביסלעכווייז האָט מען אויך אריינגעצויגן די שוסטער און שניידער ארבעטער.

דער „בונד“ האָט אויך געפירט אַ גרויסע אגיטאציע צווישן דער יוגענט און מינדעריעריקע, זיי האָבן אַריינגעצויגן עקיבא ארבעספעלד חיים האָפמאַן (זלאַטע חיה־פערלס זון), יוקל מענדלס, מאיר קאָזע (וויינטרויב), יוקל שטשארע, מיט זיי פלעגן זיי אויספירן אַלע אַרבעטן, זיי אַז מען האָט געכאַפּט ביים טיילן פּראָקלאמאציעס, פלעגט מען זיי איינזעצן, געבן אַ פּאָר קלעפּ און זיי באפרייען.

ווען עס איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק ביי חנינה טויטמאן, האָט מען דאן איינגעזעצט: שמעון דבו-

רה-זלאטעלעס, יענקל גראַבאָווי-צער און בערל משה שווארצבערגס.

חנינה איז געווען פון די גוטע שניידער, ער פלעגט כסדר נייען צו די פריצים פון דער אָרדינאַציע אין זוויערזיניעץ. האָט מאיר קאַ-צענבערג געשריבן אַ בריוו צו דעם „בונד" אין זוויערזיניעץ און חנינה האָט דאָרט באַקומען דעם געהעריקן פסק.

ביים באַקומען די קלעפּ, האָבן די חברה אים געזאָגט, דאָס האָסטו פאַר קאַצענבערגן.

אהיימקומענדיק, האָט ער דער-ציילט אַז מען האָט אים געשלאָגן פאַר קאַצענבערגן, האָט מען קאַ-צענבערגן ארעסטירט.

פירנדיק אים צו דער קאָזע, זע-נען חיים האָפמאַן, מאיר קאָזע און עקיבא ארבעספעלד איבערגעפאלן די צוויי סטרוזשעס וועלכע האָבן אים געפירט און מיט כוח אים בא-פרייט.

ער איז באלד אנטלאָפן קיין טאַרנאָגראָד, אריבער די גרענעץ קיין שיניאווע און פון דאָרט א-וועק קיין אמעריקע.

★

ווען עס האָט געטראָפן אז ביי אַ זיפער שמעון-לייב אנגער איז קראַנק געוואָרן זיין זון אויף אָפּענ-דיציט, נישט האָבנדיק קיין געלט מיט וואָס אים צו ראַטעווען, זענען חיים האָפמאַן, הערשקע גאָלדבערע-נער און יענקעלע מענדלס, גע-גאַנגען שאַפן געלט בכדי אָוועק-צושיקן דאָס קינד קיין לובלין.

אריינקומענדיק צו אַ זיפּן-סוחר וועלכער האָט געוווינט אין מאַרק, האָבן זיי אים געטראָפן עסן וועטשערע (נאָכטמאָל), פאַר-ציילנדיק אים וועגן וואָס זיי זענען געקומען, האָט ער ארויסגענומען אַ זעקסער און האָט געוואָלט זיי געבן, זענען זיי אריין אין צאָרן, וואָס? איר שעמט אייך נישט צו געבן אַ זעקסער? זיי האָבן גענומען זיין טעלער מיטן עסן און אים אָנ-געטאָן אויף זיין קאָפּ און זענען אַנטלאָפן.

אנטלויפנדיק אויף די פעלדער, האָט זיי געטראָפן משה עפשטיין, דערציילנדיק אים צוליב וואָס זיי לויפן, האָט ער זיי באַרואיקט אז זיי זאָלן נישט מורא האָבן, ער האָט אַרויסגענומען אַ סכום געלט און זיי געגעבן בכדי מען זאָל דאָס קינד אוועקפירן קיין לובלין.

מיט אַמאָל האָט סאַני שיער געשיקט רופן די זיפּן-פאַבריקאַנטן יצחק און לייבל כאַדאַק: וואָס מיינט איר? האָט סאַני געזאָגט, איר האָט גענומען האָר און איר באַצאָלט נישט די זיפּן.

זיי, די כאַדאַקעס, זענען שוין געווען פון די גרויסע פאַבריקאַנטן, האָבן זיך פאַרענטפערט, וואָס קענען מיר דען טאָן, די ארבעטער שטרייקן דאָך ביי אונדז, אָבער סאַני האָט געפאָדערט זיינס, צומאָרגנס זענען שוין אלע שויבן געווען ביי סאַנין אויסגעהאַקט.

עס האָבן נישט געפעלט אזעל-כע וואָס פלעגן גיין ווי מען דאַרף און דערציילן, ווען מען זעצט איין דעם און דעם, וואָלט געווען רואיק אין שטאָט און די זאַך האָט זיך טאָקע באַלד באַשטעטיקט, מען האָט ארעסטירט אייניקע פון די אָנפּי-

רער און זיי אוועקגעשיקט קיין זאַמאָשטש.

אַ זון פון אַ בילגורייער קצב האָט חתונה געהאַט קיין זאַמאָשטש, דאָרט האָט ער געהאַלטן מיטן קייסער, פאַרשטענדלעך, אַז ער האָט זיך אביסל צופיל געשטעלט קעגן די ארבעטער פון זאַמאָשטש.

ווען די ארבעטער אין זאַמאָשטש האָבן זיך דערוווּסט, אַז ער פאָרט אויף אַ חתונה פון שלמה-אלי אייליש טאָכטער, האָבן זיי מודיע געווען קיין בילגוריי, אַז מען זאָל אים דאָרט באַצאָלן.

קומענדיק אויף דער חתונה, האָבן אים די משפחה-מענטשן דערציילט אַז אלע בילגורייער זיפּער זענען געוואָרן שטרייקער, האָט ער זיך צעשריען, — מען דאַרף זיי אלע איינזעצן!

די בילגורייער זיפּער האָבן אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג ביי מאיר-אנט, און עס איז באַשטימט געוואָרן אים צו באַצאָלן ווי עס געהער צו זיין.

מאיר-וואָלף האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן, אַז ער וויל אויספירן „דאָס שטיקל ארבעט״. ביינאַכט צו דער חתונה-סעודה, ווען ער איז זיך געגאַנגען וואַשן צו דער סעודה, איינבויגנדיק זיך, האָט אים מאיר-וואָלף פאַרפאָרן מיט אַ מעסער אין פּלייצע. עס האָט זיך געמאַכט אַ גרויסע בהלה, האָבן די חברה אויסגענוצט די געלעגנהייט און זענען אנטלאָפן. מען האָט אים באַלד אָפּגעפירט קיין זאַמאָשטש אין שפּיטאָל, וווּ ער איז אָפּגעלעגן עטלעכע חדשים.

עס האָט נישט איינמאָל געטראָפן, בעלי-עגלות וואָס האָבן געהאַלטן מיטן קייסער, ווען זיי פלעגן נאָר קומען קיין בילגוריי, אָדער בילגורייער בעלי-עגלות וואָס פלעגן קומען קיין זאַמאָשטש, פאַר זייער נישט גוט אויפפירן זיך קעגן די ארבעטער, האָט מען זיי אָפּגעסמט די פערד.

אַ שפּיליטער וואָס פלעגט פאָרן קיין זאַמאָשטש און קיין לובלין, ווען ער איז אַמאָל אָנגעקומען קיין לובלין, איז צו אים צוגעקומען איינער און אים געפרעגט צי ער איז טאַקע דער שפּיליטער קיין בילגוריי, פאַרנאַכט, ווען ער איז געגאַנגען אהיימפאָרן, האָט ער נישט געהאַט מיט וואָס, די פערד זענען געווען טויט.

אַ יאַנאָווער בערשטל-מאַכער, וועלכער פלעגט האַלטן מיטן קייסער, ווען ער איז אַמאָל געקומען קיין בילגוריי אויפן יריד, פאַרקויפן זיין סחורה, איז צו אים צוגעקומען איינער און אים געפרעגט צי ער איז דער און דער, ווען ער האָט זיי געענטפערט, אַז יאָ, האָבן זיי אים פאַרגעשלאָגן, אַז זיי ווילן ביי אים קויפן די גאַנצע סחורה, זיי האָבן אים אראָפּגעפירט אונטער די יאַטקעס און אים אראָפּגעוואָרפן פונעם באַרג מיט דער גאַנצער סחורה.

עס איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אַז עס פלעגן פאָרקומען דעמאָנסטראַציעס, די חברה פלעגן זיך צוזאַמענקומען און גיין אין די גאַסן און שרייען און ווי עס פלעגן זיך נאָר באַווייזן די קאָזאַקן, זענען זיי זיך אלע צעלאָפן.

אמת אין די גרויסע שטעט האָט

די פּפּ"ס (פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ סאַציאַליסטיטשנאַ) מיטגעאַרבעט האַנט ביי האַנט מיטן „בונד". איינער האָט איבערגעגעבן דעם צווייטן וועגן די פאַרשיידענע פּראָוואָקאַציעס, פאַר וועלכע מען האָט זיך אָפּגערעכנט מיט די פּראָוואָקאַטאָרן.

★

אַ דאַנק אָט די שטרייקן האָט דאָס פּוילישע פאָלק באַלד נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, נאָכן אַראָפּזעצן דעם צאַר, באַקומען איר זעלבסטשטענדיקייט.

אפילו אינעם ערשטן פּוילישן לעגיאָן, האָבן בילגורייער יידן גענומען אָנטייל: משה שיראַטי, נח איליש, און משה קאַרן (רעפּעשקע) און שיראַטי איז טאַקע געפאַלן אין די קאַמפן מיט די באָלשעוויקעס.

אָבער די פּוילישע יידן, וואָס האָבן געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון פּוילן, — וואָס האָבן זיי דערפאַר באַקומען?

באַלד, פונעם ערשטן טאָג אָן פון דער פרייער פּוילישער רעגירונג, האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן שיטן אַנטיסעמיטישע פאַרפאָלגונגען קעגן אירע יידישע בירגער.

עס האָט זיך באַלד באַוויזן דער פּוילישער „העלד" האַלער מיט זיינע פּאָגראָמען אויף יידן. — שניידן יידישע בערד, וואַרפן יידן פון די גייענדיקע באַנען אא"וו.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן דער ריטועלער שחיטה, אַ בהמה שחט'ן, טאָר מען נישט, צוליב „הומאַניטאַרע" סיבות, אַ ייד שחט'ן, מעג מען יאָ.

יאָ, צענדליקער טויזנטער יידן האָבן געקעמפט פאַר אַ וועלט אַ פרייע, אַ וועלט וואָס זאָל זיין יושרדיק און עס זאָל הערשן גערעכטיקייט, עס זאָלן נישט זיין קיין אונטערדריקער און אונטערדריקטע, זייער ציל איז געווען אַראָפּזעצן דעם צאַר, דעם טיראַן, און טאַקע, פאַר אָט דער עבירה זענען זיי פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר אויף קאַטאָרגע, וואָס פיל זענען דאָרט אומגעקומען.

דער סוף פונעם קאַמף איז געווען, אַז אויפן אָרט פונעם צאַר, דעם טיראַן, זענען געקומען אַנדערע טיראַנען, וועלכע האָבן איבערגעשטיגן מיט אַ סך די אכזריות'דיקייט פונעם צאַר.

איצט, נאָך דער 6-טאָגיקער מלחמה, „דאַנקט" פּוילן אָפּ אירע יידן וואָס האָבן פאַר איר געקעמפט, — זיי האָבן דאָרט מער קיין פּלאַץ נישט.

אמת, אויף אַלע פרעמדע מזבחות, אויף דער גאַנצער וועלט, האָט דאָס יידישע פאָלק זיינע קרבנות מקריב געווען.

דער סוף איז, — פאַר וועמען מיר האָבן נאָר קרבנות געגעבן, ווערן מיר שפּעטער דורך זיי פאַרפאָלגט און באַשפּיגן.

תגים

קובץ ביבליוגרפי תורני-מדעי

בעריכת
מאיר וונדר

(א)

הוצאת המרכז לספריות תורניות
בני ברק • חורף תשכ״ט

שלמה יעקובוביץ

לתולדות ר׳ נתן נטע קרוננברג מבילגוריי ובית דפוסו

א

בפולין שלפני השואה, ידוע היה בית דפוס „קרוננברג״, מקודם בפיעטרקוב ואח״כ בבילגורייא. מיסדו ר׳ נתן נטע קרוננבערג הי״ד — שנולד בשנת תרל״ב, הקים את בית דפוסו הראשון יחד עם גיסו ר׳ אברהם רוזנגרטן בשנת תר״ס בפיעטרקוב. שותפות זו נתקיימה מספר שנים, ואח״כ פתח שם ר׳ נתן נטע בית דפוס עצמאי. כעבור זמן צירף כשותף לבית הדפוס את ר׳ חנוך פאלמן.

בית הדפוס התקיים עד שנת תרס״ה, בה נאלץ ר׳ נתן נטע להמלט על נפשו מפיעטרקוב בגלל הפוגרומים שפרצו אותה שנה נגד היהודים ברחבי רוסיה [1].



ר׳ נתן נטע קרוננברג

בשנת תרס״ו הקים שוב בית דפוס, הפעם בעיר מולדתו בילגורייא. בית דפוס זה גדל והתרחב, ובו נדפסו מלבד סידורים, חומשים ומחזורים וכד׳, גם ספריהם של גדולי הרבנים בתקופה ההיא.

בית הדפוס גדל והתרחב משנה לשנה, עד שר׳ נתן נטע ראה צורך לייסד הוצאת ספרים עצמאית בשם „מעין״, לה היו קשרים הדוקים עם כל בתי המסחר היהודיים לספרים בפולין וחוצה לה. סוכנים מיוחדים של הוצאה זו נסעו ברחבי פולין להפיץ את הספרים.

מסחרו של בית הדפוס וההוצאה לאור הסתעפו במשך הזמן גם לארצות שמעבר לים, ובשל כך נתקבלו הבעלים כחברים בלשכת המסחר בלובלין. עובדה זו זכתה להערכת ממשלת פולין שנתנה לחברי הלשכה הנחות מיוחדות על שהיו מכניסים מטבע זר לאוצר הפולני.

בית הדפוס עמד על תילו בבילגורייא במשך 34 שנה, עד שהוחרם על ידי הנאצים ימ״ש בשנת ת״ש. חלק מהמכונות והאותיות העבריות הצליחה המשפחה להחביא בחצר

1. טעות היא מה שכתב ח. ד. פרידברג בתולדות הדפוס העברי בפולניה מהד׳ ב׳ תל אביב תש״י עמ׳ 165, שבשנת תרס״ח שיתף הר״נ קרוננברג את ר׳ חנוך פאלמן „ויעבדו שכם אחד עד שפרצה מלחמת העולם השניה״, וכן מה שכתב על עבודת המסדרים, הר׳ מרדכי בנו של ר׳ חנוך פאלמן ור׳ אשר זוטמן שעבדו בדפוס המשותף, כל זה היה רק עד שנת תרס״ה ולא אחריה).

בית הדפוס וכך ניצלו מהשמדה. שאר המכונות וכן מטריצות של עשרות ספרים הושמדו על ידי הנאצים בתקופת השואה.

האותיות שמשפחת קרוננברג הצליחה להחביא הועברו אחרי המלחמה ללובלין על ידי פקיד יהודי בממשלה הפולנית החדשה שעבד קודם לשואה כפועל בבית הדפוס וידע על מקום המחבוא של האותיות. הוא השתמש בהם כדי להדפיס את העיתון הראשון ביידיש שהופיע אחר המלחמה בפולין בשם „דאס נייע לעבען".

גורלו של ר' נתן נטע קרוננברג לא שפר מגורל בית הדפוס. בשנות המלחמה שוחרר אמנם מעבודת הכפיה בגלל התערבות הצלב האדום, ואף המשיך לגור בדירתו, אלא שקרוב לסיום המלחמה עמדו הנאצים להעביר אותו עם אשתו לבית הסוהר שבעיר. כאשר הוציאוהו לדרך וסירב להמשיך ללכת נורה ונרצח על ידם, ואח"כ רצחו גם את אשתו. כן נהרגו שלושת בנותיו עם משפחותיהן, ובן אחד.

מכל צאצאיו של ר' נתן נטע, רק שלושה מבניו יבל"ח זכו לעלות לארץ ישראל. בנו שמואל עלה לארץ בשנת תר"צ והביא לכאן בשנת תרצ"ו את אחיו יונה. בשנת תש"ז עלה לארץ האח השלישי אברהם, אחרי שבשנות השואה הי' בסיביר. שלושת האחים ממשיכים בתל אביב במלאכת הדפוס שעסק בא האב. אחד מהם עומד להוציא לאור מחדש את הסידור „בית האוצר", אשר ר' נתן נטע הוציא לאור בבילגורייא, עם פרוש נוסף פרי יצירתו. אח אחר חובב ספרים הצליח לרכוש מחדש חלק מהספרים שנדפסו בבית דפוסם שבחו"ל [2].

ב

ספרים רבים הדפיס רנ"נ, ובינהם יוזכר „האלף לך שלמה" — שו"ת מהגאון רבי שלמה קלוגר שיצא בד' חלקים. (זכות ההדפסה נרכשה מנכדו של רבי שלמה קלוגר, אשר הדפיס חלקו הראשון של הספר בשנת תר"ע בלעמבערג).

כמו־כן הדפיס מספרי מרן בעל החפץ חיים את הספר אסיפת זקנים חלק ג' ועוד, ואף זכה לארחו מספר פעמים בביתו. בשנת תרפ"ג כאשר בא החפץ חיים לבילגורייא בקשר להדפסת ספרו „משנה ברורה", התארח אצל ר' נתן נטע. הח"ח הגיע לעיר ביום ה', ולמחרת, בערב שבת, ביקש ממארחו כי יכין לו מנין לשבת בבקר כדי להתפלל בהשכמה כמנהגו. ברוב ענוותו בקש לבל יוודע לאיש כי הוא נמצא בעיר, אבל הדבר לא נשאר בגדר סוד, וחיש מהר התפשטה השמועה בין יהודי העיר. בליל שבת ובשבת נהרו המונים לתפילותיו ולסעודותיו, ובמוצאי שבת באו רבים למסור „קוויטלעך", אבל החפץ חיים סירב בתוקף לקבלם באומרו כי הוא יהודי ככל היהודים. באמצע הלילה שמעו בני הבית שהח"ח העיר את חתנו ר' הלל שנלווה אליו בדרכו, ושניהם שקעו במשא ומתן הלכתי.

בשנת תרצ"ז הדפיס הרב אברהם יצחק קליין אצל ר' נתן נטע את הספר „גט מסודר", הכולל דיני גיטין מסודרים על אפנם וסדר שמות ישנים גם חדשים, מאת חותנו הגאון ר' אלעזר מינץ ז"ל אב"ד אושפצין ואח"כ בקעמפנא. שנת הדפוס המופיעה בשער הספר:

---

2. כדאי לציין שר' נתן נטע נהג לשלוח לבית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי בירושלים את הספרים השונים שהיה מדפיס, ואחד מספרי מסילת ישרים שנשלח לבית הספרים נושא את הקדשתו. עם זאת לא נמצאים שם כל הספרים שהדפיס אם בגלל שלא שלח את כולם או שחלקם אבדו בדרך.

1932, ברם השנה למנין בריאת העולם: „יבוא משיח במהרה בימנו" (מתקבל תרצ"ז) [3].

על גורל מהדורה זו נביא את אשר כתב הרב אברהם יצחק קליין ז"ל ביומנו, כפי שמצוטטים הדברים בתולדותיו שנדפסו במהדורה השניה של הספר [4]:

ג' לסדר תבא י"ד אלול תש"ד לפ"ק חיפה יע"א.

ארשום דברים אחדים מה שצריך אני לעשות ב"נ (בלי נדר) בעה"י בשנה הזאת א) לדאוג בעד הדפסת ספר מו"ח (מורי וחמי) הגאון ז"ל ספר „גט מסודר" בעוה"ר נשארו הספרים אחרי שנדפסו בבילגורייא בבית גיסי ר' וואלף ליכטבלוי עמ"ש בטרנאוו מי יודע מה נעשה בהם במלחמה. מו"ח ז"ל נתן זכות הספר לי במתנה א"כ יש זכות ליורשי להדפיסו אולם נראה שכל המשפחה צריכה להשתדל בזה וכבר דברתי וכו' ד' יזכני שאדפיס הספר בעצמי, עכ"ל.

הרב קליין ז"ל יצא לארה"ב בשנת תש"י כדי להכין את הדפסת הספר שנית, אבל למעשה הדבר לא יצא לפועל אלא אחר פטירתו, מכיון שהי' בדעתו להוסיף את תרגום שמות הגיטין של השמות הלועזיים בשפות השונות, ומשום כך דחה את הדפסת הספר מפעם לפעם, עד שנפטר [5].

בנוגע לגורל המהדורה הראשונה נראה כי לא כל העותקים ממנה אבדו בשואה, כיון שבאוצר הביאורים והפירושים (הופיע בלונדון תשי"ב) מוזכר הספר בפירוט רב ושונה ממה שמוזכר בבית עקד ספרים שהופיע בתל־אביב תשי"א, כן נמצא הספר בספרית הרמב"ם בת"א ואצל בני משפחתו של הרב קליין [6].

כשם שידע ר' נתן נטע קרוננברג להדפיס ספרים כך ידע גם להמנע מלהדפיס, אף כשדבר זה גרם לו נזק כספי גדול. פעם אחת נתקבל בבית הדפוס מכתב מלעמבערג, ובו

---

3. פרידברג ב„בית עקד ספרים" ור' פנחס יעקב הכהן ב„אוצר הבאורים והפירושים" לא הרגישו בכך, ורשמו את תרגום השנה הלועזית דהיינו תרצ"ב כשנת הדפוס של הספר. הדבר מתאשר גם מפי בנו של המדפיס מר אברהם קרוננברג המתגורר כיום בתל אביב והזוכר עדיין את הדפסת הספר בתרצ"ז.

4. הופיעה בארה"ב ללא ציון שנת הדפוס אבל לא לפני תשכ"א.

5. אגב נראה מדברי הרב קליין ז"ל כעין אסמכתא שהמהדורה הראשונה נדפסה בשנת תרצ"ז ולא בתרצ"ב, כיון שלא מסתבר שבמשך שבע שנים משנת תרצ"ב עד פרוץ המלחמה — לא היו מספיקים להפיץ את הספר, ראה לעיל הערה 3.

6. א. יש לשים לב כי לא בכל הספרים אשר בשעריהם כתוב „בדפוס" או „בהוצאת ובדפוס" ר' נתן נטע קרוננברג אכן נדפסו שם, יש ומעבר לשער או בסוף הספר כתוב בדפוס סיקורא אי. מילנער ווארשא, או שמו של מדפיס אחר. בספרים אלו אמנם סידור האותיות היה בדפוס קרוננברג אבל ההדפסה עצמה היתה בדפוס הנזכר מעבר לשער או בסוף הספר. הסיבה לכך היתה עפי"ר שיקול מסחרי, כיון שאת הניר היה צריך להביא מוארשא לבילגורייא, וגם כריכיות לא היו שם וממילא היה צריך לשלוח את הספרים המודפסים לוארשא לכריכה. בדרך זו נחסך הרבה בהוצאות הקשורות בהדפסת הספר במידה והעבודה הוזמנה ע"י אדם שהתגורר בסביבת וארשא. הזמנות אשר באו מסביבת בילגורייא היו נדפסות אצל ר' נתן נטע עצמו.

ב. ברשות המדפיס ר' נתן נטע היה קטלוג שהכיל מאות רבות של ספרים אשר הדפיס במשך שנות קיום בתי הדפוס. בקטלוג זה היו כל הפרטים על הספר הנדפס, מספר הטפסים שנדפסו מהספר ועוד, וחבל שקטלוג זה אבד בשואה.

ג. בבילגוריא היה קיים עוד דפוס שהיה שייך לר' שלמה וויינבערג גיסו של ר' נתן נטע קרוננברג, אחי אשתו. גיס זה עבד מספר שנים אצל ר' נתן נטע ואח"כ פרש והקים בית דפוס לעצמו. דפוס זה היה קיים במשך כעשר שנים עד לשואה.

בקשה כי יבוא לשם כדי לקבל עבודת דפוס גדולה. כאשר הגיע למקום פתח לפניו את הדלת איש בעל זקן גדול ופיאות מסולסלות והזמינו להכנס, ומיד הופיע בחדר אדם שני אשר ערך עם המדפיס חוזה שחייב אותו לגמור את כל הזמנה עד תאריך מסוים, ואם יאחר יתחייב לשלם סכום גדול בתור קנס. כאשר הגיע כעבור זמן כתב היד לבית הדפוס נתברר כי זה חומר מיסיונרי ור׳ נתן נטע נמנע מלהדפיסו. עם עבור הזמן שנקבע לסיום העבודה וזו לא נעשתה הגיעו פניות מעורך דין, ולבסוף נאלץ לשלם את הקנס שהתחייב עליו בחוזה.

מלבד ספרי אחרים הדפיס ר׳ נתן נטע גם חיבוריו שלו. כבר אוריין סדר ולקט כמה חיבורים, אבל נמנע מלכתוב שמו על יצירותיו. ביניהם יוזכר הסידור „בית האוצר״, שיש בו ליקוטי דינים ומנהגים, פירושי תפילות ועוד מעלות. הליקוט וחלק מפירושי התפילות הם מעשה ידיו. כאשר נתפרסם סידור זה, החלו לחקור מי הוא המחבר והמלקט, ומאחר שלא רצה לפרסם את הסידור על שמו, ביקש מקרובו ר׳ צבי יחזקאל מיכלזון לקרוא את שמו על הסידור.

במקומות רבים מופיע בפירוש התפילות שבסידור זה בסוגרים השם יונה חיים, זהו שם אביו של ר׳ נתן נטע.

כן הוציא לאור כמה מהדורות מהספר מסלת ישרים (בשנת תר״צ ותרצ״ד ועוד), עם תקונים והוספות משלו במראה מקומות של הפסוקים ומאמרי חז״ל המוזכרים בספר. (הוא השלים מראי מקומות בפרטים שלא הופיעו במהדורות אחרות של מסילת ישרים). גם במהדורת הספר „מדרש פנחס״ (בשנת תר״צ) יש הוספות משלו.

ג

ספר נוסף שנדפס בהוצאתו ובדפוסו של ר׳ נתן נטע קרוננברג, ושבני משפחתו מיחסים אותו אליו הוא הספר *מנוחת שבת* על קיצור שלחן ערוך הלכות שבת.

ספר זה שאינו מפורסם, לא נמצא בספריות הגדולות בארץ ואף לא בבית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי שבירושלים. כן לא מופיע ספר זה בקטלוג הספרי׳ העירונית הצבורית בניו יורק ובקטלוג ספרית סינסינטי. הספר נדפס בבילגורייא שנת תרצ״ד בעילום שם המחבר. נראה כי מסיבות שונות לא הופץ הספר כ״כ ואח״כ נשמד בשואה.

ספר זה הוא בחלקו הגדול ליקוט מתוך „מנחת שבת״ מהגאון ר׳ שמואל שיטאווא זצ״ל.

ואצטט את שער הספר:

ספר קיצור שלחן ערוך על הלכות שבת והוספנו סביב לו ספר *מנוחת שבת* והוא לקוטי דינים השכיחים ונחוצים מאד לידע אותם בהלכתא הלזו, שנאספו ונלקטו מפוסקים ראשונים ואחרונים, כפי שנרשם אצל כל דין ודין איהו מקום מוצאו, ע״י בעל הוראה חו״ב [חריף ובקי] מומחה ומוסמך מגאונים שליט״א כפי שנדפסה בהסכמה, ובסימן פ׳ יש שם מעט לקוטים גם מהה״ג חו״ב בנש״ק [בנן של קדושים] כו׳ מו״ה יקותיאל יהודא האלברשטאם שליט״א חובק״ק דולינא: בילגוריי, בהוצאת ובדפוס של ר׳ נטע קרוננברג, שנת תרצ״ד לפ״ק.

תבנית הספר: 17/13 ס״מ. [ב׳], ע״ב דף.

אחר דף השער בא דף ההסכמות, עם שתי הסכמות. הסכמה אחת חתומה: הק' מרדכי באאמו"ר זצוקלה"ה מבעלזא החופ"ק הנ"ל [בילגוריי] וזה לשונה:

ב"ה

הן הראה לפני ידידי הנכבד הרבני מוהר"ר נתן נטע קראנענבערג נ"י המדפיס דפה אשר העלה על מכבש הדפוס ס' קיצור שו"ע על הלכ' שבת עם זר סביב בשם מנוחת שבת הלכות... נלקטו ע"י אברך אחד מופלג בתורה ויראה החפץ בעילום שמו... וע"ז באעה"ח כ"א טבת תרצ"ד לפ"ק פה בליגורייא יע"א הק' מרדכי וכו'

וזה לשון ההסכמה השני':

ב"ה

כאשר הראה לי ידידי הנכבד הרבני המדפיס מו"ה נתן נטע קראנענבערג נ"י ליקוט מנוחת שבת על קיצור ש"ע הוטב בעיני, ומבואר... ואם כי מעודי לא רציתי ליתן שום הסכמה...., רק זאת מעיד אנכי אשר האברך אשר ליקט את החיבור הקטן מנוחת שבת הוא בקי בטיב הוראה ויש לו סמיכה מאת רבנים גדולים מובהקים אשר העידו שראוי לסמוך עליו ואינו רוצה לפרסם שמו ע"כ ראוי ונכון להדפיס כי מבואר בכל ח"ד [חידוש דין] מקום מוצאו, ובזה אסיים...
דברי חיים אבד"ק קרעשיב ומעת שנשרף כל הוני ורכושי אני חופ"ק בילגורייא יצ"ו.
יום ד' סדר ואברכה כו' שנת תרצ"ד.

פועלי בית הדפוס של רנ"נ קרוננברג בבילגוריי בשעת העבודה

נעמוד בקצרה על הדמיון והשוני שבין המנוחת שבת והמנחת שבת.

מבנה הספר מנוחת שבת הוא כדוגמת המנחת שבת, בזה, שהמנוחת שבת סובב והולך על קש"ע הל' שבת מסימן ע"ב עד סי' צ"ו, כדוגמת המנחת שבת, וגם בכך שבחלקו העליון של הדף מביא את הקיצור שלחן ערוך ומתחתיו בא הפירוש מנוחת שבת, ואותיות קטנות מסמנות בקש"ע את מקום ההערות והפירושים שבמנוחת שבת.

הפירוש מנוחת שבת מלוקט בחלקו הגדול מתוך הספר מנחת שבת להגאון ר' שמואל הכהן מו"צ בעיר שיטאווא. את הדברים המלוקטים משם, מצטט הוא מלה במלה כפי שכתבם בעל המנחת שבת, חוץ מבכמה מקומות ששם ליקט מתוך הקטעים הגדולים את הקטע העיקרי ומתמצת את סיום דברי המחבר.

יש מקומות שבהם מביא דברים שהמנחת שבת הביא בהוספות שבסוף ספרו, „מנחה חדשה" ועוד.

לעתים במקומות שבהם לא חדש המנ"ש מאומה מלקט הוא מספרים אחרים, ולעתים מעדיף הוא לקוטים אחרים גם במקומות בהם קיימים פרושיו וליקוטיו של המנ"ש, יש ומצטט לקוטים מהמנ"ש ומוסיף עליהם לקוטים ממקומות אחרים.

*

השואה שמה קץ גם לאותיות קבועות בדפוס פולין שמאות בשנים תרמו לביצור דעת היהדות במרכז גדול זה.

אזעלכע זענען מיר

די נאַטיץ וועגן שמעון אַנט, דעם בילגורייער לאַנדסמאַן, האָט אונז אָנגעפילט מיט פרייד, זע־ענדיק, אַז אַפילו זייענדיק אין דעם ווייטן בראַזיל האָט ער די גוטע מידות וואָס ער האָט איינ־געזאַפּט אין בילגוריי, נישט פאַר־געסן.

ביי די בילגורייער איז עס אַ נאַטירלעכע זאַך, ווייל מיר זענען כסדר געווען געוווינט צו העלפן איינער דעם צווייטן, מיר העלפן יעצט און מיר וועלן ווייטער העלפן איינער דעם צווייטן.

דער „ארגון יוצאי בילגוריי" אין ישראל פירט אַ שטאַרקע טעטיקייט, מיר זענען אין כסדר־דיקן קאָנטאַקט מיט דער בילגור־רייער, „סאָסייטע" אין אַמעריקא, מיט אַרגענטינא און מיט באַ־ליוויע.

מיר האָבן אַ קופת גמ"ח וואָס פאַרמאָגט העכער 40 טויזנט פונט און מען גיט הלוואות אָן פּראָצענט. במשך פון אונדזער 11 יעריקער עקזיסטענץ, האָבן מיר שוין באַוויזן אַרויסצוגעבן הלוו־את אויף אַ סכום פון העכער 165 טויזנט פונט.

מיר צעטיילן יעדעס יאָר הע־כער 3 טויזנט פונט אונטערשטי־צונג פאַר בילגורייער, מיר שטי־צן אַ בילגורייער קריסט, וועלכער האָט אויסגעהאַלטן 5 בילגורייער ייִדן אין דער צייט פון דער שו־אה, מיר גיבן אַפילו אַ חודשלע־כע שטיצע צו אַ בילגורייער קראַנקער פרוי, מיר געבן בילגו־רייער ייִדן מתנות צו זייערע חתונות.

אָבער איין זאַך איז אונדז אַ וווּנדער, וואָס דער לאַנדסמאַן שמעון אַנט זייענדיק אין יש־ראל, האָט נישט געפונען פאַר נויטיק זיך צו טרעפן מיט זיינע שטעטישע, אמת, „כל ישראל חברים" מען דאַרף נישט אונ־טערשיידן פון ייִד צו ייִד, דאָך אָבער ווערט געבערענגט: „עניי עירך קודמין" (ב"מ עא, ע"א).

און מיר זענען זיכער אַז אויך דעם פעלער וועט דער לאַנדס־מאַן אַנט אויסבעסערן.

„ייִדישע צייטונג", 10־טן אפּריל 1970